STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01016

# DER GEYER

## Menahem Boraisha

*Permanent preservation of this book was made possible
by Nathan M. Silverstein
in memory of
Dora K. Weiss, Louis Kosoff & Sarah Weinberg*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער גייער

מנחם באָריישאַ

# דער גייער

קאַפּיטלען
פון אַ לעבן

א

ניו־יאָרק, 1943

אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט „דער גייער"

Copyright, 1943, by
Menahem Boraisha
New York

Futuro Press, 476 Broadway, New York
200

הנה ידוע לידעים טעמא דקרא מאי דכתיב כי שבע יפול צדיק וקם ובפרט שהאדם נקרא מהלך ולא עומד וצריך לילך ממדרגה למדרגה.

די וואס קענען דורכדרינגען, פארשטייען דעם זין פון פסוק, אז זיבן מאל פאלט דער צדיק און שטייט אויף, בפרט נאך אז דער מענטש הייסט א גייער און נישט קיין שטייער און דארף גיין פון מדרגה צו מדרגה.

(ר' שניאור זלמן, „לקוטי אמרים")

מיינע קינדער און דעם דור מיט זיי.

## ערשטער באַנד

בשר ודם — — — — — — — — — — — — 9
ריטלעך און צעדערן — — — — — — — — — — 41
ביים טייך — — — — — — — — — — — — — 79
שלום — — — — — — — — — — — — — — 119
אין באַד אַריין — — — — — — — — — — — 171

## צווייטער באַנד

פאַרבינדער — — — — — — — — — — — — 253
בלוט און ביר — — — — — — — — — — — — 301
וועג אין וואַלד — — — — — — — — — — — 349
לויפער און גייער — — — — — — — — — — 417
באַמערקונגען צום טעקסט — — — — — — — — 513

קאַפּיטל איינס

# בשׂר ודם

## 1.

פון שניפּישאָק ערגעץ, פון די ווילנער מקומות,
האָט אין מאַלטשער ישיבה אַ בחור פאַרבלאָנדזשעט
און געקראָגן אַ „טאָג“ ביי אַ יידן ר' שלמה.
און געלעבט האָט ביים יידן אַ שוועסטער, אַ יתומה,
מיט קרומלעכע אויגן און אַ צאָפּ אַ בלאָנדן.
האָט דאָס מיידל, שפרה, דעם בחור, צבי־הירש,
געטראָגן טעפּלעך קאַרטאָפל און הירזש —
און אַזוי איז אַ שידוך געוואָרן.
צום יאָר האָט דאָס ווייבל אַ זון געבאָרן
און געשטאָרבן אין קינפּעט. איז געבליבן דער אַלמן
אויף קעסט ביים שוואָגער — אויף קעסט אין זכות
פון אַ פרישן קבר אויפן מאַלטשער בית־עלמין
און אַ פּיצלס ביים ברוסט
פון אַ פרעמדער אַם. האָט ער קוים זיך דערוואַרט דעם טאָג
ווען מ'עט אָפּגעוואוינען דאָס קינד, און דעם שוואָגער געזאָגט:
— איך וועל נעמען מיין קינד און גיין. — וואו וועסטו
זיך לאָזן אַליין מיט אַן עופה'לע אויף די הענט?
— איך האָב אויך ערגעץ ברידער און שוועסטער.
האָט משפחה און שטאָט נישט פאַרשטיין געקענט,
האָט דער אַלמן אַ שמש געשיקט
און דער רב האָט גע'פסק'נט דעם דין,
אַז דער פאָטער איז פאָטער און זיינס איז דאָס קינד.
האָט ער איבערגעלייגט דעם זון פון וויג
אין אַ זאַק אויפן קאַרק,
און פאַרביי דער קאַלוזשע וואַסער אין מאַרק,
פאַרביי דעם בית־מדרש און שטיבער און קלייטן
איז האַלבע שטאָט געגאַנגען באַגלייטן
דאָס קינד אין זאַק.
און יידענעס פרעמדע און נאָענטע משפחה
האָבן גע'תחינה'ט אינמיטן טראַקט
און זיין מוטער, די כשר'ע טויב אין גן־עדן,
גערופן נישט אָפּצוטאָן פון אים איר השגחה.

ביים ראַנד פון וואַלד מוז מען זיך שיידן.
ס'צעטראָגט זיך דער לעצטער געוויין, און אַליין
מיטן אויסגעפּאַרענעם שליאַך אין שאָטן
פון אלול־וואַלד שפּאַנט דער ניינצן־יאָריקער פּאַטער.
ביז ער דערהערט הינטער זיך אַ געוויין,
נעמט ער אַרויס דאָס קינד פון זאַק
און זעצט זיך אַוועק ביים וועג אויף אַ פּניאַק
און גיט אים אַ ריטל אין האַנט פאַר אַ שפּילכל
און וויקעלט פאַר אים ווייסע חלה אין מילך.

אַזוי אויפן פּאַטער'ס קאַרק אין אַ זאַק
איז נח אַוועק מיטן ערשטן טראַקט.

## .2

אַן אלמנה, וואָס האָט איר אייגנס אַ קרעמל
מיט פּעסלעך הערינג און זעקלעך קאַשע,
אַז זי דאַרף אַ ייִנגערן אַלמן נעמען
און דערצו פון זיין קינד נאָך העמדלעך וואַשן —
ווי לאַנג וועט איר קלעקן געדולד פאַרן יתום ?
ביז ס'רוקן זיך אונטער די קליינע וואָכן
און ס'פרעמדע ווערט איבלדיק און פאַרדראָסיק
מיט אַנזאָג פון אייגנס אין דער משפּחה.
און טוט נאָר דאָס אייגנס אַ פּישצע צום לעבן —
ווי קען מען שוין האָבן דאָס פרעמדע אין זינען ?
מע וואָלט זיך אַ מצוה פאַרדינט אַן דעם, כ'לעבן,
מע זאָל עס אַן אַנדער היים געפינען.

ווי נאָריש געוועזן אַוועקצוריייסן
פון מוטער'ס משפּחה אַ קינד אַ יתום !
איצט שלעפּ זיך צוריק איבער ליטע און רייסן
און קום מיט דער זינד זיך שלאָגן חטאתי . . .
עס רעדט זיך אַזוי נאָר . . . צבי הירש קנעלט די תורה
פון דזשעגאַכץ און הערינג, פון עסיק און קאַשע.
ער קוקט אויפן קינד און עס קלאָגט אים אין אויער :
—אוי, ווער וועט מיין יתומ'ל באָדן און וואַשן ? . . .
זאָל גיין כאָטש דאָס ייִנגל אַ זמן אין חדר
און זאָגן די ברכות אין טלית קטן,
און ער וועט באַגרייפן, אַז בעסער זיך שיידן
ווי עסן אַ שטיפמאַמע'ס ברויט מיט גריזאָטע.

פינף גילדן באַצאָלט דעם בעל־עגלה,
אויף נח'ס האַלדז צום פּעטער אַ בריוול,
און ס'וואָרפט אים די בויד צווישן בלאָטיקע פּאָלעס
פון ווייבערשע שיך צו מאַנצבילשע שטיוול.
— ווער איז דער פּאַרשוין? — ס'איז אַ יתום, נעבעך.
איז מאַכט מען אָן אָרט אים אַריינצוקוועטשן,
מע שטאָפּט אים בייטאָג מיט אַרבעס און בעבלעך,
מע בעט אים ביינאַכט אַ געלעגער אין קרעטשמע.
פון קרעטשמע צו קרעטשמע, פון שטעטל צו שטעטל —
אַט דאָ וואוינט אַ פּריץ און דאָ זייט מען קאָרן,
און נח פאָרט מיט אַ בריוו צו אַ פּעטער
אַהין וואו עס האָט אים אַ מאַמע געבאָרן.

.3

פּעטער'ס יינגלעך שלאָפן צוויי
אין אַ בעט צוזאַמען,
יתום האָט אַ בעט פאַר זיך
גע'ירש'נט פון דער מאַמען.
פּעטער האַלט אים לעבן זיך,
קוקט אים נאָך ביים עסן,
מומע טראָגט צום טעלער אים
שטיקעלעך וואָס בעסער,
און אַ צווייטע מומע נעמט
אים צו זיך אויף שבת,
קאָרמעט אים מיט קוגעלעך,
מיט צימעסלעך און אַרבעס.

רבי האָט אַ לאַנגן פּאַס,
שמייסט אַז מע פאַרזינדיקט,
יתום — ניט־געשמיסענער
צווישן אַלע קינדער.
שפּילן חדר־יינגלעך קריג,
יידן קעגן כנענים,
כאַפּט זיך יתום אויך אַריין
מיט די פּויסטלעך זיינע.
ווערט אַ ליאַרעם: ניטע־ניט!
יתום איז אינמיטן!
פיר מלחמה, אַז מע דאַרף
מיט אַ קלאַפּ זיך היטן!

קומט ער איינמאָל איינגעריסט,
ס'רינט אים בלוט פון נעזל,
כאַפּט זיך מומע פאַרן קאָפּ:
—וואו ביסטו געוועזן?
קוים פון אים אַרויסגעקוועטשט
ווערטער, שטייף און טראָציק:
— בין געגאַנגען שלאָגן זיך
הינטער שטאָט מיט שקצים.
מומע שטאַרצט די אויגן אויס,
ברעכט ער אויס אין קלאָגן:
— כ'וויל נישט זיין קיין יתומ'ל,
כ'וויל מע זאָל מיך שלאָגן!

## .4

אַ זומער וועט פאַרגרינגען, אַ ווינטער איבערשנייען,
וועט מומע אויך פאַר נח'ן אַ תפילין־זעקל נייען,

און ווי נאָר דעם של־ראש איבערן שטערן אָנגעמאָסטן,
איז פּטור פון דער ייִנגלשאַפט און פּטור פונם יתום.

געגנוג ביים פעטער זיצן און אָפּעסן די הויט.
אומעטום איז תורה און וואו תורה איז אויך ברויט.

און איבער יעדער הויז פון גאָט איז דאָ אַ דאַך
און אונטער דאַך אַ שטענדער, אַ גמרא און אַ תנ״ך.

די מומעס טענה'ן, בעטן, דער פעטער גלעט אַ פּאה:
אַ מענש איז אַ בר־דעת, וואָס הייסט אים זאָגן דעות . . .

האָט מען גענייט, געלאַטעט, געפּרעגלט און געבאַקן —
געדאַרפט אַ גאַנצן זאַק און וועג אים איינצופּאַקן,

און קוים פון עקשנ'ס מוח אַרויסגעקלאַפּט דעם שטות
צו שפּאַנען, ווי דער טאַטע, מיטן זאַק צופוס.

דער מומע'ס ברויט און לעקעך עסן זיך געשמאַק,
העלפן די פאַרשוינען און גרינגער ווערט דער זאַק,

ביז ס'וועט די פור אַזוי קיין סלאָנים זיך דערשלאָגן
וועט שוין דאָס זעקל גרינג זיך אויף די פּלייצעס טראָגן,

און ס'וועט אַן אָרעם־בחור נעמען מאַכן די הקפות
צו זוכן טעג צום עסן און אַ באַנק צו שלאָפן.

## .5

עסערל גאָלד־פּאה׳דיקער!
דו אין דיינע אויגן
ביסט אַן אָרעם־בחור׳ל, אַ שלעפּערל,
נאָר ביי די וואָס נעמען דיך צו זייער טיש
דאַרפסטו ווי די אורחים זיין ביי אַברהם אָבינו —
גאָט.
ווי־זשע זיינען זיי מקרב גאָט,
דיינע טעג־געבער, דיינע שפּייזער?

אביון רייסט ביי זיך פון ביסן אָפּ,
זעצט מיך לעבן זיך ביים טיש.
ווייב און קינדער אַרום טיש,
נויט און דאגות אויפן טיש —
אָפּן אַלץ, אייגן אַלץ, היימיש אַלץ
אַרום טיש ביים אביון.

נגיד זעצט מיך אין דער קיך ביים טיש
און די טיר אין שטוב צו זיך פאַרמאַכט ער.
איז נגידית׳טע גוטהאַרציק,
קומט זי קוקן ווי איך עס,
איז נגידית׳טע פאַרריסן —
שענקט זי מיר דער דינסט אַוועק,
מיך צו קאַרמענען,
מיר אַ גוטן טאָג צו זאָגן.

וואו־זשע ברענגסטו גאָט מיט זיך,
עסערל גאָלד־פּאה׳דיקער?
אין די קאַמערן פון אביונים,
אין די קיכן ביי משרתים.
און וואו גייט מען גאָט אַנטקעגן?
אין די קאַמערן פון אביונים,
אין די קיכן ביי משרתים.
און אַז וועסט זיך לאָזן זוכן גאָט —
וואו וועסטו אים זוכן צווישן מענטשן,
עסערל גאָלד־פּאה׳דיקער?
אין די קאַמערן פון אביונים,
אין די קיכן ביי משרתים.

.6

דער שטיין צוקאָפּנס יעקב'ן אין חרן
איז נישט געוועזן האַרטער ווי אין קלויז די באַנק.
און אַז מע שלאָפֿט אויף האַרטן מיטן פֿויסט צוקאָפּנס
צעעפֿענען זיך הימלען מיט געזאַנג.

דריי מאָל אַ טאָג ווערט פֿול די קלויז מיט דאַוונער,
מיט ריח פֿון וואַרשטאַטן, מאַרק און קלייט.
עס שלאָגן הונדערט זאָרג פֿון אייליקן געמורמל
און הונדערט עול'ן פֿאַלן פֿון די ברעקלדיקע רייד.

מען גייט צו פֿרעמדע טישן זיך דערכאַפּן די נשמה
מיט רייפֿטל שוואַרצן ברויט און לעפֿל באָרשטש,
און פֿון אַ ספֿר אַ באַהאַלטענעם אונטער דער גמרא
פֿאַרשווענקט מען אַ פֿאַרצערנדיקן דאָרשט.

דאָרשט נאָך דעם זין פֿון עלנט און הכנעה,
דאָרשט נאָך נבואה'דיקן, צינדנדיקן זאָג,
דאָרשט נאָך דעם סוד פֿון וועלט און מעשה־בראשית,
דעם סוד פֿון גאָט, וואָס שרעקט און נאָגט.

ביינאַכט צום שלאָף פֿאַרוויגן די יללות
פֿון מוסר'ניק וואָס קלאָגט אויף זיינע זינד,
און איבער אַלע אָדערן פֿון יונגן לייב צעגליטן
די קלאָג ווי בלינדע תאווה רינט.

און ווען ס'נעמט איין דער שלאָף, קומט אויף דער לייטער
וואָס גרייכט דעם הימל מיטן קאָפּ,
און איבער אַלע שטיגן, שטערנדיק צעשיינטע
מלאכים שפּאַנען אויף און אָפּ.

.7

שוין אויף דער ערשטער קלויז־באַנק האָט זיך נח אָנגעהערט
פֿון גליקן אָרעם־בחור'שע: אַן אַרענדאַר, אַ קרעטשמער מיט
אַ טאָכטער,
אַ בעט מיט פּערינעס און לעבערלעך מיט שמאַלץ און גריוון געגזענע.
און אָט האָט אים אַ גליק אַזאַ אַ כאַפּ געטאָן ביים גאָרגל.

אַ זמן, צוויי זמנים אין אַ שטעטל. קענסט שוין יעדן ייד
ביים נאָמען, ווייסט זיין מיחוש און מערכה. קענסט די יידענע
וואָס גיט עין־הרע'ס און די יידענע וואָס שפּרעכט זיי אָפּ;
ווייסט וואו די שדים טרייבן יעדע נאַכט די פערד
פון שטאַל אַרויס און פלעכטן זיי די גריוועס אין אין צעפּלעך;
ווייסט וואו ציגיינער האָבן אָפּגעטאָן די קי אַ כישוף
און וועמענס גלגול ס'איז אַריין אין גלח'ס הונט —
און וואָס איז נאָך צו וויסן? — און אין שטאָט, זאָגט מען,
אַ פּאָר טעג גאַנג אינגאַנצן, זיינען לייט פאַראַן
מיט אַלמערס חקירה־ספרים און גוט הארץ צו אָרעם־בחורים —
איז איינגעפּאַקט דאָס העמד און תפילין־זעקל און געגאַנגען.

די אלול'דיקע טעג זיינען מחיה'דיק. אין זון־צעשפּילטער פריי
ווערט אלול'דיקער פחד זוניק, ציגנדניק. די זעכצן־יאָריקייט
האָט קיין געדולד נישט פאַרן גלייכן טראָט. זי גיט אַ יאָג,
אַ שפּרונג — אָט ווי דאָס העזל דאָ איבערן וועג. פאָרט אָן
אַ ייד אַ בעל־עגלה, זעט אַ שפּרינגענדיקן אָרעם־בחור'ל
און זוכט אַ מצוה אלול־צייט. — וואו שפּאַנסטו, בחור'ל?
— אין שטאָט אַריין. — שפּרינג אויפן קעלניע, וועסטו צופאָרן.
אַרויפגעשפּרונגען. פון דער הויך איז נאָך די רחבות זוניקער,
און אַז מע פאָרט אין וואַלד אַריין, איז ווילט זיך טשעפּען
מיט יעדער צוויג, וואָס רוקט זיך אונטער. און אָט גאָר אַ שפּיל:
וואו ס'דאַרף אַ טרייסל טאָן די בויד מיט רעדער אין אַ גרוב,
אַ שפּרונג געטאָן אַליין פון קעלניע, נאָך און נאָך אַ שפּרונג —
און מיט אַ שאַרבן אַ צעשמעטערטן אונטער די פּאַדקאָוועס פון פערד,
אין בלוט פאַרשוואומען ליגט דאָס אָרעם־בחור'ל.

ער ליגט און פּאַכט מיט דער נשמה אין אַ טונקל אַלקערל,
און אַז ער קען די אויגן עפענען, דערוויסט ער זיך:
דאָס האָט אַ ייד אַ קרעטשמער מיט אַ ווייב און טאָכטער
אים אָפּגעשריען ביים מלאך־המות. קומען יינגלעך צוויי
אים אָנקוקן אַ לעבעדיקן. קומט אים זען דער קרעטשמער מיטן ווייב.
נאָר פון פרימאָרגן ביזן אָוונט לויפט אַריין־אַרויס די טאָכטער.
דער בלאָנדער קאָפּ איז שיקסלדיק. קיין פּלעמל כלה־חן
אין גראָע אויגן. איז עס גוט. אַ גדר . . . אָבער אונטער יאָקל
צוויי לעבעדיקע בערגלעך אָטעמען. ער ליגט. דער גוף,
וואָס שלעפּערט די יסורים איין, פאַרגעסט זיך נישט. ר'איז דאָ,
ער איז ממשות'דיק, דער גוף. און ס'וויגט זיך איבער אים
אַ צאַפּלדיקע מיידלשקייט, האַלט אָן אַ טשאַדיקן,
פאַר'שכור'דיקן בין השמשות. באַלד וועט ער נישט וועלן מער
נישט לייב פון וויטיקן, נישט זיך אַליין פון גלוסטעניש דערלייזן,

און אויס . . . ביז ראש־השנה קומט. די לייט אין שטאָט אוועק,
און מיט אַן אַלטער גוי'ע אַרום אים קען ער זיך אויסטשוכען,
דערשרעקן זיך און איינזען קלאָר: ער מוז אַנטלויפן!

מע לאָזט נישט. נישט די לייט פון שטוב, נישט עגבערדיקער יושר:
זיך אָנגעשטאָפּט מיט יענעמ'ס חסד — איצט באַצאָל!
אַמאָל וועט נח וויסן: צי דו האָסט אַליין אַ חוב געמאַכט,
צי ס'האָט דער גורל דיך מיט חוב באַלאָדן — צאָלן מוזטו.
איצט איז ער זעכצן בלויז. עס טרייבט די שרעק
פאַר שיקסלדיקן קאַפּ, עס מאָנט די פריי און רוקט אַ תירוץ אונטער:
נישט דו אַליין ביסט נהנה פונם חסד. האָסט געבראַכט
אין שטוב אַ מצוה, וועט די מצוה זיין דער שכר פאַר דיר . . .
ער כשר'ט זיך, ער רייסט די נעץ פון גוטסקייט מיטן תירוץ,
און אַ פרימאָרגן איינמאָל ברעכט ער ווי אַ גזלן דורך די קייט
פון ייִד און יידענע און קינדער ביי דער טיר און לויפט . . .

8.

אַז עמעצער האָט דעם אליער מתמיד
זיין היים דערמאָנט, איז ער בלייכער געוואָרן,
און ווי אַ צעשראָקענער פיש אין וואַסער
זיך טיפער פאַרנורעט אין דער גמרא.

משמעות, ער איז פון עפּעס אַנטלאָפן
און וויל אַ פינצטערן סוד פאַרשטומען.
דער פינצטערער סוד איז געוואָרן אָפן
ווען ס'איז אַ ייִד פון איליע געקומען.

געקומען אַ ייִד, אים שלום געגעבן,
און זיך צעלאָזט איבער אים מיט שבחים:
— אַ טייערע כלי, און טראָגט אויף זיך, נעבעך,
די קללה וואָס הענגט איבער זייער משפחה.

אַ יאַשקע איז ער — פון יאַשקע דעם שניידער,
וואָס האָט דעם גר־צדק צום מלכות געמאָלדן.
צען דורות זייערע מוזן ליידן —
אַזוי האָט זיי דעמאָלט דער קדוש פאַרשאָלטן.

געקומען אַ ייִד און אַוועק ווי געקומען,
נאָר ס'יאָגט שוין פון אליער'ס שטענדער אַ מורא.

די לופּט אַרום אים ווערט הייסער און שטומער,
די לופּט אַרום אים ווי אַרום אַ מצורע.

עס גייט אים אַנטקעגן די דינסט דעם גבאי'ס:
— ווּעסט מוזן אַן אַנדער זונטיק זוכן.
דער זונטיק, דער מאַנטיק, דער מיטוואָך, דער שבת —
די טירן פאַרהאַקט מיט די זעלביקע שפּרוכן.

כאָטש צי זיך אויס אויפן באַנק צו וואַרטן
ביז ס'וועט דיך דער טויט פון הונגער דערלייזן.
איז גליט אויך מיט שנאה די באַנק, די האַרטע,
און ס'בריען די טריט ווי שטיינער הייסע.

אַ חבר אַ טרייער בעט זיך מיט טרערן:
— זיי עוקר פונדאַנען און זאָל עס ברענען.
פאַראַן גענוג שטענדערס פאַר גוטע לערנער,
פאַראַן גענוג שטעט וואו מע וועט דיך נישט קענען.

און ס'ענטפערט דער אילער: — געווען אַ מגובל,
דער שניידער, מיין עלטער־עלטער־זיידע.
איז וויפיל דער שיעור צו מאַנען תשובה
און טרייבן קינדס־קינדער צו דער עקדה?

גענוג זיינען יידן געגאַנגען פאַרצייטן
אויף קדוש־השם דורך בייזע מלשינים —
גאָט'ס נאָמען געטראָגן אין גאַנג צום שייטער,
מיט שמחה געגאַנגען, אָן רשעות, אָן שנאה.

און ער, דער גר, וואָס האָט זיך פאַרנומען
אַ ייד צו ווערן, אַ ייד אין בלאָטע —
איז דעם גוי'ס נשמה נישט בייגעקומען,
האָט דעם גוי'ס רציחה נישט אויסגעראָטן.

דאָס בלוט פון די זיידעס, די גראַפן און שררות,
איז שטאַרקער געווען ווי דאָס יידישע גלות,
און איר, ווי אַלעמאָל קנעכט ביים פּריץ,
זענט קנעכט געוואָרן פון זיינע קללות.

האָט אָפּגעזאָגט און אַראָפּגעשפּיגן
פון טרוקענעם צונג דעם ווײסן הונגער,
און ס'האָט די קלויז מיט אַ הײסערן ניגון
די גאַל פון זײנע רײד פאַרזונגען.

צען וואָכן שפּעטער בײם טיר, בײם כיור,
איז אײנער געשטאַנען אין גלח'שן אַנטאָן
און האָט מיט'ן איליער'ס קול געשריען:
— איצט האָב איך שוין אַלע זונטיקס און מאָנטיקס.

כ'האָב אומגעקערט אַ נשמה דעם קלויסטער
און טו שוין פאַר אַלע מוסרים תשובה —
פון יהודה איש־קריות, דעם מסור דעם גרויסן,
ביז מײן זײדן יאָשקע, דעם פּראָסטן מנובל.

.9

זינד, לאַנג מיט גראָז פאַרוואַקסענע, און טויטע קללה
האָט אומשולדיקן מענטש אין שמד אַרײנגעחרמ'ט,
און נח איז געווען אַן עדות און געזען, געהערט.
אין צווײפל־נעכט האָט מײדלש מויל און בוזעם
געאָטעמט איבער צוגעמאַכטע אויגן און גע'שרפ'ט מאַרך
און ליפּן. זײנען ווערטער אויפן דף אַרומגעשפּרונגען,
און פּחד פאַרן שאול־תחתיה האָט געטריבן
צו תשובה און תעניתים אין דער מוסר־קלויז.
רבינו בחיי האָט דאָס זינדיק לײב געשמיסן
מיט הײליקע רצועות פון הכנעה, תשובה, פּרישות,
ער האָט געקלאָגט איבער זײן גוף, דעם ווערעמדיקן,
און מרה־שחורה ווי אַ האָריק העמד האָט זיך געגעסן
אין לײב אַרײן און צו דער ערד געשלעפּט.

צוריק בײם שטענדער אין בית־מדרש און בײנאַכט
פון אַ באַהעלטעניש אַרויס דער „מורה״. ס'אַראָ גראַדע
און הײלנדיקע ליכט פון שכל'דיקײט! פּשוט וואָרט
צעעפנט זיך ווי שאָלעכץ פון אַן אײ, עס רײסן זיך
מיט פלאָטערדיקע פליגל פויגל פונם שאָלעכץ, און דאָס האַרץ
צעוואַקסט זיך פון דערקוויקונג. שײלט זיך גאָט אַרויס
פון שאָלעכצער פון מענטש־באַנעם — אַלץ העכער,
אַלץ ווײטער, אָפּגעשײדטער, אומבאַגרײפלעכער — — —
נישטאָ קײן גרויסקײט, קײן דערהויבנקײט, קײן מעכטיקײט,

נישטאָ קיין יאָ אין דיין באַנעם, וואָס זאָל לגבי אים
נישט ווערן נישט. ווי הויך דו זאָלסט נישט רייסן זיך,
אַלץ העכער, העכער וועלן שטייגן איבער דיר די נישטן.
און קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל איז דיר נישט באַשערט
מער ווי אַ נישט צו זען. ווי גרויזאַם דער פסק־דין!
ווי זאַמדיק, מדבר׳דיק, פאַרלאָרן אונטער גרויסער זון
פון שכל ס׳ווערט דער וועג, דער דורשטיקער, פון מענטש! . . .

אַ שבת אין חב״ד־שטיבל. דער רבי איז געקומען.
דער רבי זאָגט. הינטער דריי־גאָרנדיקער וואַנט פון מענטשן —
אויף דר׳ערד, אויף בענק, אויף טישן — זיך געהויבן
אויף שפּיצן פינגער אויפצוכאַפּן שטיקלעך ווערטער,
און נישט פונם געהערטן — פונם דורשט און שמחה
פון די וואָס אַרום אים איז ער געבליבן אַ געפלעפּטער —
און איז געבליבן . . . זוהר . . . יעדער אויפּטו אין דער תורה
בויט אויף אַ נייעם הימל און דער „אַלטער״ קושט עס
און קרוינט עס אָן מיט זיבעציק קרוינען. נישט די ווערטער —
די אותיות שפּאַלט מען דאָ. דאָ וויל ער אויך,
דער „אַלטער״, זיך אַרומוויקלען מיט אומבאַגרייפלעכקייט
און ווערן „אַין״, נישט. איז לאָזט מען נישט. מיט יעדן אות,
מיט יעדן פינטל פון זיין תורה טוט מען אים דערמאָנען,
אַז ס׳איז נישטאָ פאַר אים קיין אָפּשייד. האָסט געוואָלט
זיך אין ממשות אויסשטראַלן און דאָס ממשות פורעמען אין מענטש —
לאָז מענטש אין דיר אַ חלק האָבן, לאָז אים זיין אין דיר
ווי דו האָסט אויסדערוויילט צו זיין אין אים, זיי אייגנס
מיט אים אין הייליקייט און זינד, אין גאולה און אין גלות.

דער מח שווינדלט פון די בלענדנדיקע אומגעהויערס;
פון די אומציילעכע חילות, וואָס די קדושה און די טומאה
צעשיקן איבער אַלע שטאַפּלען פון באַשאַף, פון אַלע זינען, סודות
אין יעדן אות און קנופּ פון אותיות; פון אומענדלעכן געוועב
פון פעדעם צווישן יעדן ריר דיינעם און גאַנג פון אַלע וועלטן.
ווי קען אַ מענטש אַרומגיין אין דעם אַלעם? וויפיל טויזנטער
צעגליטע אויגן דאַרפן וואַכן אין דיין מח זיך אַליין צו זען
און זען דיין גאַנג דורכן באַשאַף! נאָר ס׳טרייבט אַ דורשט
פון דף צו דף ווי אין אַ וואַנדער דורך אַ צויבערלאַנד,
וואו יעדער טראָט צעעפנט וואונדער. און ס׳קומט אויף
דעם יונגן וואַנדערער: ס׳איז נישט פאַר דיר אַליין דאָס אַלץ!
אַזוינע אוצרות פון אבנים טובות ומרגליות —
וואָס קענסטו טאָן מיט דעם? ביסט נישט מחויב נעמען אַלץ.

נעם וואָס דו דאַרפסט און לאָז די רעשט פאַר אַנדערע.
ער פּרוואוט זיך, לערנט זיך צו קלייבן, אויסטיילן
און תא חזי — קום זע! ער קען. ער האָט נישט מורא.
קלייבט אָפּ, באַהאַלט עס אין געדעכעניש און וואַנדערט ווייטער.

איז מעג ער דאָך די צאַם אַריבערשפּאַנען
און זען וואָס זאָגן „יענע״. נייער זמן און נייע שטאָט.
אַ שטיקל קנעלונג אונטער אַ מלמד, אוונטן אין קלויז,
בחורים, יונגעלייט, משכילים — און אַט דאַכט זיך נח׳ן,
אַז אויגן רייסן זיך אים אויף אין מח מיט די רייד
פון „תעודה״: אַלע חכמות און לשונות זאָלן אָפן זיין
פאַר דעם וואָס זוכט דערקענונג. יעדע מי און מלאכה
פאַר דעם וואָס ערלעך לעבן זוכט. ער עפנט אויף אַ וועלט,
דער „תעודה״. נאָר פאַרוואָס אויך ער, דער אויפגעקלערטער,
דער וויסנדיקער, מיט אַזוי פיל האַס און חוזק
אויף די תלמידים פון בעל־שם? עס חוזק׳ן מיט האַס
אויך די חברים נח׳ס, די משכילים, חוזק׳ן פון אים אַליין,
וואָס גלויבט נאָך אין דער „פינצטערניש״... נאָר נח ווייסט
מיט אַ באַהאַלטענעם און אייזן־פעסטן וויסן, אַז נישט ער,
נאָר זיי זיינען די אומגערעכטע. וואָס־זשע איז עס,
דאָס אייזן־פעסטע וויסן, וואָס דערלאָזט אים נישט
פאַרפירט ווערן ווי זיי? וואָס איז געווען די האַנט
וואָס האָט ביים „חובת הלבבות״ און ביים „מורה״,
ביים „זוהר״ און איצט דאָ אים אָנגענומען און געזאָגט:
נעם וואָס דו דאַרפסט און גיי? פאַרוואָס אין יעדערן פון זיי
אַ האַס, אַ חרמ׳דיקער האַס, אויף די וואָס גלויבן אַנדערש —
מתנגד אויפן חסיד, ביידע אויפן משכיל,
און משכיל אויף זיי ביידן — און אין אים קיין האַס נישטאָ,
נאָר דורשט דעם גלויבן יעדערנ׳ס צו זען? ער ציטערט
דעם ענטפער אַנצוטאָן אין ווערטער... און פאַרוואָס דען נישט?
מע הייסט דאָך גלויבן אין השגחה פרטית. גלויבן אַנדערע
און זעען נישט. און נח האָט דערזען, אַנטפּלעקט:
אין אים אַליין איז די השגחה — לעכצונג נאָך אמונה,
אמונה אין אמונה — פירט אים, היט אים, לערנט אים
פון יעדן אוצר אויסצוקלייבן זיינס און זאַמלען, אַנזאַמלען
אַן אייגענעם... אַ, עפנט זיך, איר טויערן פון חכמה!
אַנטפּלעקט די ווערטער אייערע, לשונות! קומט אַנטקעגן
ווער ס׳האָט געזאַמלט וויסן! נח האָט קיין מורא נישט.
אין אים איז די השגחה זיינע — וועט זי פירן אים
דורך אַלע היילן, וועלדער, זאַמדן אייערע און דורכפירן.

## .10

פון צעל, פון תפיסה רעדט ר׳ שניאור זלמן
צום גאון אויפן עולם־האמת:

דאָס צווייטע מאָל שוין ווי די מוסרים
מיטן רשות פון אייער חרם ברענגען מיך אַהער.
השם יתברך האָט מיך אויסגעלייזט דאָס ערשטע מאָל
און וועט מיך ווידער מציל זיין.
און אייך, ר׳ אליהו, זאָל דער זכות פון אייער תורה ביישטיין!

רופט ר׳ מנחם מענדל האָראָדאָקער —
ער איז מיט אייך שוין אויפן עולם־האמת —
און פרעגט: וואָס האָבן מיר געוואָלט
ווען ביידע זיינען מיר אַ טאָג און צוויי
געשטאַנען הינטער אייער טיר מיט שפלות און הכנעה
און זיך געבעטן איר זאָלט אויסהערן אונזער בקשה?
אין אייער נאָמען זיינען משולחים אומגעפאָרן איבער קהילות
און חרם אויסגערופן,
דאָס ברויט און וויין און טעכטער
פון יידן כשר׳ע גע׳אסר׳ט,
דאָס האָב און גוטס זייערס פאַר׳הפקר׳ט —
און ס׳האָט דער שר של טומאה, ווי אַ שניטער זאַנגען,
געזאַמלט יידישע נשמות, איינגעטונקטע
אין זינד פון שפיכת־דם, מסירות און אַכזריות.
צוויי טעג האָט הינטערן טיר ביי אייך
אויף אונדזערע ליפן גע׳חלש׳ט דאָס געבעט:
שטעלט אָפּ דעם חורבן אויפן בית־ישראל!
און איר, נישט אָנצוקוקן אונדז, נישט אויסצוהערן אונדז,
זענט פון דער שטאָט אַנטלאָפן.
דער זכות פון אייער תורה זאָל אייך ביישטיין!

איך האָב דאָס ביסל זאַגעכץ מיינס
ווי מענטש זאָל זיך באַהעפטן מיט זיין בורא
צונויפגענומען אין אַ ספר׳ל —
האָט איר דאָס ספר׳ל געלאָזט פאַרברענען אויף דער גאַס
און ווידער די תלמידים אייערע אַרויסגעשיקט
פון קהילה צו קהילה
צו זייען קריג, הפקרות און רציחה.
און איצט זענט איר שוין אויפן עולם־האמת,
נאָר אייער היתר גייט נאָך אַלץ אַרום

אויף צושטעלן דעם שר של טומאה
נשמות יידישע, פאַרטונקענע אין זינד
פון שפיכת־דם, מסירות און אַכזריות —
דער זכות פון אייער תורה זאָל אייך ביישטיין!

אויב איך בין קליין געווען איר זאָלט מיר צוטיילן די זכיה
מיט מיר זיך מתוכח זיין אויף דער וועלט, —
רופט דאָרט צו אַ וויכוח דעם רבי'ן ר' בער,
רופט דעם בעל־שם, רופט דעם אר״י,
רופט ר' שמעון בן יוחאי, רופט אליהו הנביא,
רופט משה רבינו — און זאָל מען פוסק־זיין:
אויב נאָר אַן אָפּשיין פון אין־סוף יתברך
האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די ספירות
און ס'איז נישטאָ די לייטערונג און דבקות
וואָס זאָל דער היילקסטער נשמה ברענגען מער ווי אָפּשיין —
זאָל גילטיק זיין דער חרם אייערער
און מיט הכנעה וועלן מיר מקבל זיין די שטראָף.
נאָר אויב ס'האָט דער אין־סוף אַליין יתברך
פון אייגן ליכט זיינעם באַטיילט די ספירות,
אויב יעדע נשמה איז אַ טראָפּן פונם ליכט
און ס'קען דער מענש, דער שפּל'סטער, מיט לייטערונג און דבקות
אַריבער יעדער חכמה און באַנעם צוריק באַהעפטן זיך
אין מקור ברוך הוא —
דערקענט זיך צו די יורשים, די תלמידים אייערע,
לאָזט וויסן מיט אַ צייכן דעם פסק־דין
און זאָל זיך אָפּשטעלן דער חורבן אויפן בית־ישראל.

נישט וועגן מיינע אָפּקומענישן בעט איך,
נישט וועגן כבוד מיינעם.
השם יתברך האָט מיך איינמאָל אויסגעלייזט
און וועט מיך ווידער מציל זיין.
אויך דאָ, צווישן די ווענט, איז די השגחה איבער מיר.
נאָר פאַרן שלום אויפן בית־ישראל,
און פאַרן כבוד אייערן אויף דער און יענער וועלט
ווי דעמלט הינטער אייער טיר
איצט שטיי איך פאַר דער טיר פון תפיסה־צעל
וואָס איר האָט אויך ווי יענע צוגעשלאָסן
און בעט: זאָל זיך די שכינה איבער אייך מרחם זיין,
אַז איר זאָלט אויפהערן צו זיין אַ מכשול פאַרן שלום —
דער זכות פון אייער תורה זאָל אייך ביישטיין.

## .11

מיט יעדער שפּאַן פון בחור'שאַפט צו מאַנישקייט וואַקסט אַן
דער באַרג פון חובות, וואָס נישט קיינער מער פאַר דיר,
נאָר דו אַליין דאַרפסט צאָלן. ס'מאָנען די געדערים ברויט,
דער קאָפּ — אַ דאַך, דאָס לייב — אַ מלבוש. ס'מאָנט די מזרח־וואַנט
הכנעה, און דער דלות — יושר. ס'מאָנען זיידעס ליבשאַפט
צו דורות'דיקע עול'ן און די וועלט — צעבונדנקייט און גאַנג.
ווי קען מען אויסקומען מיט אַלע מאָנער? איז אַ מיטל דאָ:
פאַרנאַרן זיי אין וועלט פון דמיון און אַנטקעגן זיי
אַוועקשטעלן נאָך מעכטיקערע מאָנער — זאָלן יענע,
די מעכטיקערע, זיין די שופטים צווישן דיר און זיי.

אַ גאַס, אַ גריבערדיק־צעפּאַרענע. פון הייזער קרישלט זיך
דער טינק, פון צווישן קלעצער קריכט די קליאַטשע. ערגעץ וואו
אַ הויז אַ פּרישס, אַן אָפּגעקאַלכטס. אַמאָל אַ מויערל.
אַ שולכל. אַ בית־מדרש. ווידער דעכער איינגעבראָכענע.
דורך שטעט, מדינות, יאָרן, דורות —
די אומעטומיקע, די אַלעמאָליקע, די גאַס.

אַהין וואו הימל בויגט זיך צו דער ערד אַ מחנה ציט:
תנאים, פּוסקים, מקובלים, פילאָזאָפן, אויפקלערער.
מיט קעפּ אין הימל און די פיס אויף דר'ערד האָט יעדער איינער
אין זיך אַליין די הויכן מיט די נידערס אויסגעגליכן
און שפּאַנען מיט צעשפּרייטע פּאָלעס. ווילן אויך די גאַס
אַריינגעמען הינטער די פּאָלעס און אַוועקשטעלן אַזוי —
אַ דורות'דיקן שליאַך פון ערד־און־הימל־בונד.
זיי שפּאַנען, און מיט זיי אויך ער, דער צוואַנציק־יאָריקער,
ער אויך אַ גייער, אויך אַן ערד־און־הימל־בינדער.

ער גייט. און פּלוצלינג אויפן אַקסל אים אַ שווערע האַנט.
אַ גרויסער זעלבער אין אַ האַריקן שינעל: — מען דאַרף דיך!
דערזעט ער זיך קאַסטראַי געטריבן, ציגנדט אין אים
דער פּחד בליצן־חכמה. זאָגט ער: — גוט, איך גיי,
נאָר לאָזט מיך אויף אַ וויַיל געזעגענען זיך מיט די מייניקע.
און לויפט, דעריאָגט דעם ערשטן זקן: — כ'האָב אַ שאלה, רבי!
איר זעט דעם זעלבער דאָרט? וואָס זאָל איך טאָן?
און ס'קומט אַן ענטפער: — ווער עס קען מקבל זיין באהבה,
נעמט אַן דעם עול און דורך רציחה און אַכזריות
צו זיך און יענעם גייט ער אַלץ דעם גאַנג צום יחוד.
נאָר ווען ס'וואָלט יעדער פּשוט'ער בשר ודם געקענט זיין לייב

פון פּחד אױסלײזן און גײן מיט פרײד מקדש זײן דעם נאָמען,
װאָלט די אכזריות פון דער װעלט און אונדזער קדושה
שױן לאַנג די רעשט פון אונדז פאַרטיליקט. האָט דער פּחד
געבױרן דאָס געגאַר צו קענען די אַכזריות איבערקליגן,
װי דו דעם זעלנער. לױף, מײן זון, און ראַטעװע דײן לײב.

ער לױפט. צוריק דאָס אַלקערל אין פּעטער׳ס שטוב,
צוריק די מומעס מיט די טרױעריק־געטרײע אױגן.
דער פּעטער רודערט, עסק׳ט זיך. מען רעדט דעם מלכות אײן,
אַז נח האָט אַן אַנדער טאַטן און בײם נײעם טאַטן קומט אים
אַ זכות פון מלכות — װאָס איז אים דער חילוק?
אַבי געגאַר קען פון אַכזריות ראַטעװען.

און װידער גײט ער. איצט נישט גאַס, נאָר שטעג אין װאַלד.
אַ תשרי׳דיקער ברױן אין בלעטער, ציטער אין די גרינע נאָדלען.
דער מח פירט. דאָס לײב געראַטעװעט — װאו װעט
דער אָרעמער בשר ודם אַצינד זיך לאָזן — אױסצולײזן זיך
פון שפּל׳קײט און קענען זוכה זײן אַמאָל װי יענע
די פֿאָלעס אױסשפּרײטן איבער דער גאַס? דער שטעג איז װײך
און שמעקעדיק. דער מח פירט. רײד, ערשט גע׳דמיונ׳טע,
פאַרפלעכטן זיך מיט װאַלד־געריש, מיט פױגל־רופן, שטימען.
ס׳איז דמיון אַלץ. דערזעט ער נישט — מע גײט אױף אים.

און אָט איז ער פאַררינגלט אין אַ רינג פון לאַכעדיקע צײן
און אױגן. ס׳גײען אױף אים בוזעמס: גרױסע, חוצפּה׳דיקע,
און קלײנע, שעמעװדיקע און צעפלאַטערטע װי פײגל.
פון אונטער לײװנטענע קלײדער שפּאַרן קני — מע גײט
אױף אים, מע פלעכט אים אײן, און יעדע מיט איר לײב
זיך אײנגעגראָבן, אָפּגעשפּרונגען, און דער לאַכנדיקער קאַראַהאָד
אַלץ הילכיקער טאַנצט אױף מיט פיס מיט באָרװעסע,
מיט הױלע אין געשפּרונג ביז היפּט, ביז נאָפּל. אַ צו׳מזיק׳טער
פון בלענדעניש אין אַלע חושים רײסט ער, בײסט ער זיך אַרױס
פון קאַראַהאָד מיט בלינדע אױגן, לױפט — ביז ער דערלױפט
צו אָפּנקײט מיט דעכער אין דער װײט. דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט,
דערזען אַ שטײן, געזעצט זיך און ערשט דאָ די אױגן צוגעמאַכט
און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אױף עלנבױגן. איצט דערהערט ער
און װײסט, אַז דאָס רעדט זי—זי מיטן שיקסלדיקן קאָפּ אין קרעטשמע:
— אַז איך האָב דיך געװאָלט פון זײ באַשירעמען און זײן
אַ זיװוג דיר אין ליבשאַפט, זאָלסט מיט אַלע דײנע חושים
צו יחוד גײן, ביסטו פון מיר אַנטלאָפן . . . ביסטו דאָך אַנטלאָפן . . .
איצט יאָגן דיך די טעכטער לילית׳עס. זײ װעלן יאָגן דיך

וואו דו וועסט גיין און אָפּקערן דיין וועג פון יחוד,
ווייל האָסט מיין ליבשאַפט נישט געוואָלט, ווייל ביסט אַנטלאָפן . . .

ער קומט אין שטוב. די מומע זעט די פלעמלעך אויף די באַקן
און בלאַנדזשענדיקע אויגן. גיט זי אים אַ גלעזל קוואַס
און האָט דערנאָך עפּעס צו טענה'ן מיטן פעטער.

## 12.

דער יחוס פון סעלץ איז דעם גאונ'ס מאַמע.
און דאָס צווייטע ווייב פון ר' יאָסל מלמד
און אַ גליד־שוועסטערקינד פון גאונ'ס קינדער
און זיצט אויבן־אָן אין ווייבער־שטיבל.
נאָר ר' יאָסל אַליין, אַ ייד אַ גבור,
האַלט מער פון אַ תכלית פאָר זיינע קינדער,
און אויב שוין פאַרקויפן פאַר עפּעס דעם יחוס
איז בעסער אַ מילנער'ס אַ זון
און אויף שבת אַ הון
ווי אַן אָרעם־בחור מיט סמיכה.

אין גאָרטן ביים שטוב גייט אַרום אַ טאָכטער
מיט נעזל און ליפּלעך פון מירמל געטאָקטע
און בלויע אויגן ווי פענצטער אָפן.
זי פּעליעט די בייטן קרויט און קאַרטאָפל
און זינגט: פון יתומים אין עלנטע וויגן,
פון גוטע שנורן און שלעכטע שוויגערס,
און ר' יאָסל טראַכט: אַזאַ מיידל אַ צירונג
דאַרף קריגן אַ מאַן
אָן אַ גראָשן נדן
אַפילו צווישן גבירים.

פאָרט איינמאָל דער שכן טראָכים אין אַ חגא
מיט דוואָשען קיין מאַלטש, מיט גרינס א וואָגן,
און זי קומט צוריק מיט אַ פּנים אין פלאַמען:
— צוויי זיינען זיי דאָרטן געוועזן, מאַמע!
איז איינער שיין ווי אַ רויטער עפּל
און כסדר געקוקט, זיך נישט אָפּצוטשעפּען.
דער צווייטער — אַ קוק געטאָן איינמאָל און פּטור
און איז דאַר און קליין,

נאָר איך ווייס נישט אַליין
פֿאַרוואָס ר'האָט דאָס האַרץ מיר צוגעזאָגט.

ר' יאָסל איז בייז. נאָר די שיינע מוזינקע
טוט טאָג ווי נאַכט די טרערן שלינגען,
און די מאַמע, די יחסנ'טע, לייגט איין וועלטן,
כאָטש גיי מיט איר צום גט אויף דער עלטער.
איז נישט מיט בייזן, זאָל זיין מיט גוטן.
און ר' שלמה מאַלטשער איז אַ פֿיינער מחותן.
שפּאַנט ווידער דעם וואָגן טראַכים דער שכן,
און ר' יאָסל דעם חפץ קוקט אָן,
דאַר ווי אַ שפּאָן,
און מילא! — עס ווערן טעלער געבראָכן.

## .13

נאָך איידער זי האָט געהערט פֿון אים דעם הרי את
האָט דוואָשע שוין פֿון מאַן דעם ערשטן צער געהאַט.

פֿון פּסח ביז שבועות דעם אויסשטייער געניית,
אויף שבת נאָך שבועות די חתונה געגרייט.

פֿון חתנ'ס צד געקומען איז בלויז אַ קליינע פֿור —
דער פֿעטער מיט דער מומען מיט אַ זון און שנור.

דערפֿאַר איז כלה'ס צד געפֿאָרן און געפֿאָרן —
נישט ווייניקער ווי דריי מנינים קיין עין־הרע.

פֿון לינעווע און ברעזע, פֿון סלאָבים און קאָברין,
דער מאַמע'ס ברידער, שוועסטער, דעם טאַטנ'ס עלטסטע זין.

היינט ווערט דאָס גאַנצע שטעטל קומען מן הסתם —
שטאַמט דען נישט די כלה פֿונם גאונ'ס שטאַם?

מ'האָט דעם הויף ביים שטוב מיט געלן זאַמד פֿאַרקערט,
ביים גביר פֿון פֿאַרן גאַניק געליען דעם לאָמטער.

דער ברודער האָט אַליין געשלעפּט דעם סלופּ, דעם הויכן,
און איינגעגראָבן דאָ די טישן צו באַלויכטן.

פֿאַדעט אום די כלה — מאַלע וואָס זי פֿאַסט!
העלפֿט דער מאַמען גרייטן אַלצדינג ווי סע פּאַסט.

ערשט אין מיטן דערינען נעמט מען רעדן הויך —
ס'וועט נישט זיין קיין דרשה ביי דער גילדענער יויך.

בלייבט די כלה שטיין ביים קוימען צעפּלאָשעט:
ס'הייסט — ער וועט נישט זאָגן ביי דער יויך קיין דרשה?

און זי שיקט שליחים צו דעם חתן בעטן
זי נישט צו פאַרשעמען פאַר קרובים און פאַר שטעטל.

ענטפערט אָפּ דער חתן: מאַלע וואָס אַ שטעטל!
ער איז נישט קיין מגיד און האַלט נישט פון קיין פשט'לעך.

לאָזט די מאַמע איבער דעם גליענדיקן קוימען,
רעדט צו אים דער טאַטע, רעדט זיין פעטער שלמה.

נאָר דער עקשן טענה'ט, אַז עס פעלט אים לשון
און ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט קיין דרשה.

וויינט און קלאָגט די כלה, טרערן פולע בעקנס
גיסן פון די אויגן אונטערן באַדעקנס.

שפּילן די קלעזמאָרים, צינדט מען די לאַמטער,
גייען יונגוואַרג אַ קאַדריל, אַ פּאָלקע און אַ שער.

כלה צו די חבר'טעס האָט מורא עפּעס זאָגן —
קען זיך נאָך פאַר אַלעמען ווידער דאָ צעקלאָגן.

גייט אונטער דער חופּה, ווייסט נישט וואָס זי טרינקט,
וואָס דער עולם ווינטשעוועט און וואָס דער בדחן זינגט.

זעט ביים טיש דער חתן: אויגן בלאָע, פייכטע,
טרערן נישט־דערוויינטע איבער אַפּלען לייכטן,

גיט עס אים אַ טאָרע, זעט ער מער נישט קיינעם:
הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים . . .

מיט פסוקים און מדרשים גייט דעם חתנ'ס דרשה —
נישט אַבי אַ חתן האָט אויסגעקליבן דוואָשע!

וויינט פון פריידן די שוויגער, גלעט די באָרד דער שווער.
שוואָגער טראַכט: כדאי געווען צו שלעפּן די לאַמטער.

און די כלה שעפּטשעט צאַפּלדיק און גלייביק:
היינט האָסטו מיך אָפּגעקויפט, אָפּגעקויפט אויף אייביק.

## .14

פרייטיק בייטאָג פירט ר׳ יאָסל דעם איידעם אין מרחץ.
שלאָגט זיך זיי אָן אויפן וועג אַ ייִד נישט פון היגע מקומות,
אויך מיט אַ פעקעלע הינטערן אָרעם, גיט אים ר׳יאָסל שלום:
— וואָס טוט דאָ אַ ייִד אָן אורח אין סעלץ? ענטפערט דער ייִד:
— גאָרנישט, אַזוי זיך! און קוקט און קוקט אויפן איידעם.
געפעלט נישט ר׳ יאָסלען אַ ייִד וואָס קומט אַזוי זיך קיין סעלץ,
נעמט ער דעם איידעם און גייט, און דער פרעמדער גייט נאָך.

זיצט אין אַ ווינקל אין מרחץ דער פרעמדער און חשבונ׳ט:
אויב דער, וואָס ער זוכט אים, דאַרף זיין צו קבלת־שבת אין שול,
קען ער דאָך זיין אויך אין מרחץ. און ווייטער גע׳חשבונ׳ט:
דער ייִד, אָט דער בייזער, אַ גבור, אַ ריז קיין עין־הרע,
און דער יונגערמאַן מיט אים גאָרנישט זיין מין. וואָס־זשע הייסט עס?
נישט פון זיין גזע. און ווי נאָר ר׳ יאָסל פאַרשוויצט מיטן ריזיקן גוף
אויף דער אויבערשטער באַנק אין די וואָלקנס פאַרע,
שפאַנט ער אַריבער צום בחור און פרעגט אים אַזוי:
— אפשר ווייסט איר דאָ איינעם אַ נח, אַ ר׳ יאָסל׳ס אָן איידעם?
ווערט דער בחור פאַרציטערט און פרעגט: — און אַז יאָ?
— איז ער מיינער אַ זון! . . . קוקט אָן עולם צעטומלטע ייִדן
ווי ר׳ יאָסלס נאַקעטער איידעם מיט אַ נאַקעטן פרעמדן ייִדן
האַלטן זיך ביי די הענט און מע פאַלט זיך אַרויף אויף די העלדזער.

גייט ר׳ יאָסל פון מרחץ אַהיים מיט אָן אורח אויף שבת.

## .15

נאָך טשאָלנט לאָזט זיך פאָטער מיטן זון אַרויס
שפּאַצירן הינטער שטעטל ביי די פּלויטן פון די גערטנער.

פ א ט ע ר:
די ברידער און די שוועסטער האָבן דיך געלאָזט גריסן.
האָסט קיין עין־הרע ברידער דריי און שוועסטער צוויי.

ז ו ן:
אַ דאַנק.

פ א ט ע ר:
וואָס ווייט איז פרעמד. און וואָס האָב איך געזאָלט?
אָן אלמן מיט אַ פּיצל קינד. און זי האָט צוגעזאָגט
דיר זיין אַ מאַמע.

ז ו ן :

בדיעבד איז אַרויסגעקומען בעסער.

פ אָ ט ע ר :

איך ווייס. דיין פעטער האָט מיר וועגן דיר דערציילט.
און איך האָב אַלץ געהאָפּט — וועסט האָבן סמיכה.

ז ו ן :

מע דאַרף נישט. כ'וועל נישט ראוי זיין צו פּסק'ענען.

פ אָ ט ע ר :

דו וואָלסט געלערנט, וואָלסטו ראוי ווערן.

ז ו ן :

איך — קיינמאָל נישט.

פ אָ ט ע ר :

וואָס טייטש ?

ז ו ן :

ווער ס'נעמט זיך פּסק'ענען
דאַרף וויסן, דאַרף אַ גרענעץ האָבן צו זיין וויסן.
איך וויל קיין גרענעץ נישט. כ'וויל לערנען.

פ אָ ט ע ר :

אַלע לערנען.

ז ו ן :

נאָר די וואָס פּסק'ענען האָבן זיך אָפּגעשטעלט.
זיי לערנען אויף צוריק. און איך וויל לערנען ווייטער.

פ אָ ט ע ר :

אַזוי גאָר? הייסט עס — לאָזסט זיך גאָר אַהין.

ז ו ן :

וואוהין ?

פ אָ ט ע ר :

חיצוניות.

ז ו ן :

נישטאָ אין חכמה קיין חיצוניות.
אַלץ קומט פון זעלבן מקור.

פ אָ ט ע ר :

נו, און סטרא אחרא ?

ז ו ן:

ווער ס'גלייבט אין דער השגחה שרעקט זיך נישט.

פּ אָ ט ע ר:

צדיקים גמורים זיינען נישטאָ. די בעסטע זיינען בינונים.
און ס'לויערט אויף אַלעמען דער שטן.

ז ו ן:

קיין רשעים גמורים אויך נישטאָ.
אַז ס'קומט צום אמת'ן נסיון, וועקט זיך אויף דער ניצוץ
פון חכמה עילאה אַפילו אין דעם רשע.

פּ אָ ט ע ר:

(דערפרייט) געלערנט תניא?

ז ו ן:

אַריינגעקוקט.

פּ אָ ט ע ר:

אַריינקוקן איז ווייניק. לערנען דאַרף מען.
אַז ס'ווערט דיר ענג, צעעפנט דיר דער תניא דרכים.
און ס'וואָלט פאַר איין וועג נישט געשאַדט אַמאָל
אַריבערכאַפּן זיך צום רבי'ן.

ז ו ן:

איך ווייס נישט.

(מע גייט. דעם פאָטערס פּנים העלער. ווי אַ טעפּער
די כלי אָנגעקלאַפּט — דער קלאַנג איז אַ געזונטער. אלא
דאָס ביסל פרעמדס — נישיקשוה, סיווע׳ט זיך אויסוועפן.)

פּ אָ ט ע ר:

דיין ווייבל קוקט נישט אויס צו קענען געבן דיר חיונה.
וועסט מוזן נעמען זיך צו עפּעס.

ז ו ן:

מען וועט זען.

פּ אָ ט ע ר:

אַ שיינע איז זי, אַ יפת־תואר. נאָר זיך צופיל אָפּגעבן
מיט זיי איז נישט קיין גאַנג. וואָס קומט איר — אָפּגעצאָלט
און פטור.

פאַרטאָג איז דער מחותן אָפּגעפאָרן. האָט געלאָזט
דער שנור אַ טערקיש טיכל מיט אַ טייטש־חומש, און פאַרן זון
אַרויסגעשלעפּט פון טלית־זעקל זיין פאַרגעלטן „תניא״.

## .16

אַ חודש נאָך דער חתונה. דער צווייטער. זומער־טעג.
דער איידעם דרייט זיך פאַרן שטוב, פאַרגייט אין קלויז,
זיצט אָפּ אַ האַלבן טאָג איבער אַן אָפענער מסכתא,
און מאָרגן שלעפּט ער גאָר אַן אַנדערע פון פּאָליצע.
ס'איז קלאָר — ער לערנט נישט, נאָר באַלעמוטשעט טעג.
פּרובירט מען אים אַריינציען אין אַ וויכוח, דרייט ער זיך
אויף שנעל אַרויס: — איך האָב נישט ליב קיין פּלפּול. —
און ס'ווערט אַ חשד: די כלי טויג נישט. קומט עס אָן
צום שווער. ר' יאָסל כמורעט זיך: מ'עט זען!
נאָר וויפיל איז דער שיעור? און פּלוצלינג ביי אַ וועטשערע
טוט ער אַ פרעג: — און פון אַ תכלית טראַכסטו עפּעס?
זעט אויס, מ'האָט זיך געגרייט אויף דעם: די שוויגער,
די שוואָגערס — אַלע גראָבן איין די אויגן. ענטפערט נח:
— איך טראַכט צו פאַרן אין זשיטאָמיר. — וואָס?
וואָס עפּעס גאָר זשיטאָמיר? — אין ראַבינער־שול.
עס טוט אַ פאַל אַרונטער אויפן טיש, ווי ס'וואָלט
אַ בעליק פון דער סטעליע מיט אַמאָל אַ קראַך געטאָן.
מע שווייגט פּריטשמעליעטע. און אָט אַ כליפּעריי:
דאָס יונגע ווייבל. שרייט ר' יאָסל אויס מיט רוגזה:
— הער אויף צו וויינען, דוואָשע! און צום איידעם שטיל:
— אַזוי גאָר, אַ ראַבינער? און אַ ייד זיין פּאַסט דיר נישט?
— סע גייט דאָ נישט אין פּאַסן. ס'גייט אין וואָס מע דאַרף.
און יידן דאַרפן אויסלערנען זיך לעבן אויף דער וועלט.
— טע־טע! געפעלט דיר נישט ווי יידן לעבן! שניידסט זיך
אויף אַ בערלינטשיק, הייסט עס? זאָג־זשע מיר, איך בעט דיך:
צו וואָס האָסטו אַ יידיש קינד דעם קאָפּ פאַרשלייערט?
דאָס ווייבל כליפּעט העפּטיקער. דער איידעם שווייגט.
— אַ מקח טעות, יונגערמאַן! איך בין דיר נישט קיין גביר
צו טראָגן אויף די פּלייצעס אַן עגונה מיט אַ קינד. געננוג
דער יחוס וואָס די מאַמע אירע האָט זיך איינגעקויפט! . . .
ער זופּט פון שיסל פאַרפל מיט קאַרטאָפל צו באַווייזן
דאָס אָרעם מאָלצייט זיינס און רוגזה'ט אויף די אַנדערע:
— וואָס עסט איר נישט? . . . מע בענטשט, און קוים אַראָפּגעשלונגען
די לעצטע ווערטער, זאָגט דער אַלטער: — פון דיין תורה
האָב איך געהערט שוין. אָבער עפּעס קענסטו דאָך. איז דאָ
ביי ברעזע דאַרט אַ מילנער, אויך פון די געכאַפּטע —
איז פאַר די קינדער זיינע וועסטו אויסטויגן מסתמא.

דאָס אמת׳ע געוויין פון ווייב איז ערשט געקומען
ביינאַכט אין בעט. ביז יענער נאַכט האָט נח זיך געהיט
אַ ריר צו טאָן דעם קאָפּ אירן, דעם אָפּגעשוירן־שטעכיקן.
איצט איז די שטעכיקייט, אַריינגעגראָבן אין זיין ברוסט,
געוואָרן גורל, און דעם כליפּעדיקן גורל האָט ער
געטוליעט און מיט ציטערדיקע פינגער איינגעשלעפערט.

## .17

פון איין זייט הויז גייט אַ מיל,
פון דער צווייטער זייט הויז אין אַ גרויסער שטוב
זיצן גוי׳עס ביי וועב־שטולן
און וועבן דעם גראָען מוזשיצקן געוואַנט,
און אין הויז איבער אַלע גערוימע קאַמערן
שטייט אַ ריח פון האָניק און רעטשענעם לעקאַך —
דער באַלעבאָס האָט ליב רעטשענעם לעקאַך.

דער באַלעבאָס — אַ ייד אַ גבר אין די פופציקער.
די גרוילעכע באָרד צעשפּאָלטן אויף קלינעס צוויי.
איז איין קלין אַ לאַנגער, דער צווייטער אַ קורצער.
פאַרטראַכט זיך דער ייד,
נעמט ער אין מויל דעם רעכטן, דעם קורצן קלין,
און דער לינקער, דער לאַנגער, הענגט אַליין
און באַרימט זיך: מיך רירט מען נישט!

דערפאַר איז די באַלעבאָסטע אַ קלייניקע,
אין אַ זיידן טיכל און געבלימלטער זיידענער יאַקע.
האָט אָנגעקינדלט אַ פולע שטוב טעכטער
און אָן איינציקן זון — גייען אום איידעמס
און כלות, און זי מיט די שפּיזלעך און באַנוול
פאַרקלייבט זיך אין חדר וואו ס׳לערנט דער זון
און זיצט און שטריקט און הערט.

ברענגט די גוי׳ע דעם גרויסן פּאַלומיסעק בראָטנס,
דערלאַנגט זי עס גלייך דעם באַלעבאָס
און ער טיילט חלקים דעם גאַנצן טיש.
די קליינינקע באַלעבאָסטע קריגט אויך אַ חלק ווי אַלע,
און ביידע, דער לייביקער באַלעבאָס און לייביקע גוי׳ע,
קוקן מיט נחת אויף איר, און זייערע בליקן

דערציילן די איידעמס און טעכטער, אַז ס׳לעבט זיך וואויל
דעם טאַטן מיט וואַריאַ׳ן.

ס׳וואָלט דאָ זייער נישט גוט געווען
אין ריח פון מעל, פון האָניק און רעטשענעם לעקאַך.
אַלץ איז דאָ גוף, לייביק און פויעריש.
נאָר די קליינינקע באַלעבאָסטע, ווי גאַרנישט קיין אשה,
זיצט און קוקט מיט צעלויכטענע אויגן
און ס׳פּנימ׳ל אירס איז מאַמע און גאַרנישט מער.
פאַרשעמט זיך דער גוף לעבן איר און ס׳טראַכט זיך:
אַזוי טוט אויך שיצן פון בייזע מחשבות אַ מאַמע.

## .18

ווער ס׳האָט פון קינדוויז אָן ביי פרעמדע טישן זיך גענערט,
דעם וועט נישט ענג ווערן ביים פרעמדן טיש.
וואָס איז אַ טיש? אַ שטעל אַזאַ, אָן אייל איבער דער ערד
אַוועקצולייגן דאָס וואָס ערד לאָזט אויפגיין פון איר פינצטערניש
צו האַלטן אונדז געבונדן. ברויט איז ערד, און ערד איז גורל.
און ווער עס האָט אין אייטלקייט זיין שורש נישט פאַרלוירן,
דער ווייסט, אַז ער איז בלויז אַ בעל־פּקדון אויפן ברויט,
וואָס איז נישט זיינס, נאָר אים געוואָרן אָנפאַרטרויט
אויף קורצע טעג, און מיטן ברויט, דעם גורל, טיילט מען זיך
אין רייכן עס־צימער און אין דער אָרעמער קיך.

נישטאָ קיין פרעמדער טיש. נאָר ווען ס׳האָבן טויזנט אויגן
זיך שוין צעעפנט פאַר דעם אַלץ־אַנטבלויזנדיקן בלענד
וואָס קומט מיטן באַהעפט פון לייב, און רעגנבויגנס
צעשפּילן זיך מיט זון־פאַרבן אויף שאַרע ווענט
ווען ס׳יונגע לייב, אַפילו אין זכרון בלויז,
לעבט ווידער איבער דעם באַריר פון לייב, — דעם ווערט
נישט היימלעך זיין דאָס רחבות׳דיקע פרעמדע הויז
און קאַלט דאָס ווייכסטע פרעמדע בעט.
שוין היימלעכער איז נאַכט אין דרויסן, סקריפּענדיקער פראָסט
און שטייפער שניי אונטער די פיס און ווייסער שטויב
פון צווייגן שנייאיקע, וואָס בריט דאָס פּנים מיטן בלאָז
פון ווינט. ס׳איז בלענדיק־העל. פון שטערנדיקן אויבן,
פון רוימען נישט־באַנומענע, פון ליכט איבערן ווייסן פעלד
און ביימער קוקט אַרונטער דער, וואָס זיין מהות און זיין
איז נישט באַגרייפלעך, ווי די בענקעניש וואָס קוועלט

פון דיר און טונקט דיך איין אין פריידיק־נאָגנדיקן שיין —
די בענקעניש פון ליבשאַפט. ווייסט נישט וואָס דאָס איז,
נאָר ס'איז אין דיר — אַלץ וואָס דו ווילסט און ביסט:
דיין וויסן און דיין זען, דיין גוטסקייט און געדולד,
דיין צאַנקעניש און דורשט. ס'האָט בלויז אַ נאָמען:
ליבשאַפט. און ווי דו אַליין דערמיט ביסט איבערפול,
איז פול דערמיט די וועלט און ס'גיסט זיך שטראָמיק
אין יעדן אָדערל און אָטעם פון באַשאַף. און דאָס איז ער
וואָס האָט זיך אויסגעשטראַלט אין ליבשאַפט. דאָס איז ער
וואָס מאָנט עס פון באַשאַף און אומעטום פאַרזייט
די שמאַכט צו אים. און דאָס איז ער וואָס האָט געשענקט
דאָס ליכט פון זיווג אויף צו עפענען פאַר דעם וואָס בענקט
אַ טירל צו דער טויזנטפאַכער בלענדנדיקער פרייד
פון ז י י ן דערנענונג און דערקענונג.

טאָ פאַרוואָס מיט גוואַלד צעשייד
פון זיווג און פאַרוואָגלטקייט אין פרעמד? דאָס אויך
איז די השגחה פון דער ליבשאַפט. ביז דער טיר
פון ליכטיקער דערקענונג פירט די גלוסטעניש, און מיטן כח
פון שכרות וויל זי אָנהאַלטן די שליטה איבער דיר
און שלעפן דיך צום חומר. האָט דעריבער די השגחה
דיך אָפגעריסן, זאָלסט אַן אויסגעלעכצטער פון דער ווייטן
זיך ציִען צו דיין זיווג ווי עס ציט צום שבת אינדערוואָכן
און אויפהאַלטן דיין ליבשאַפט שבת'דיק געלייטערט.
דאָס איז דער זין פון גלות. אין פאַרוואָגלטקייט געדענקען
די טעג פון יחוד און פון עלנט בענקען, בענקען, בענקען,
אַז בענקעניש, אַ שטראַלנדיקער, פלאַטערדיקער שומר
זאָל דיך באַשירעמען פון זיך, פון אונטערגעבן זיך
די הונגערס, גייציקייטן און פאַרבלענדעניש פון חומר
און דיינע אויגן אייביק ריכטן צום דערלייזנדיקן ליכט.

אין ווייסקייט פון דער נאַכט, אין בלענדיקייט פון שניי
ווערט אַלצדינג בלענדיק־העל: ווער ס'וויל נישט איבערגוואַלד
זיך אָפרייסן פון גורל, ווייסט נישט פון קיין וועגן צווי
באַזונדערע פאַר פאָלק און זיך. דער גורל האַלט
דיין טראָט אין שפאַן מיט אַלעמענס. ס'איז איינס דער וואָגל
און איינס דער אויסקויף. נישט צדיקים, אויסגעווילטע לאָגלען
פון ריינסטן בוימל, זאַפּן איין די זינד פון די געמיינע
און לייטערן זיי פאַר דער שכינה — אויסגעווילט
איז יעדער אָרעמער בשר ודם און קיינער, קיינער
וועט אין דעם גורל'ס חשבון נישט פאַרבלייבן אומגעציילט.

נישט צענטער — הונדערטסטער און לעצטער דור וועט צאָלן
פאַר זינד באַגאַנגענע. אויף אַלע קאַרקן — אַלע עול'ן.
אין יעדנס לעכצעניש צו גאולה — אַלעמענס באַגערן
און יעדנס אויגן, אָפענע אין לויטערקייט, לאַמטערן
פאַר אַלעמען. — — — —

ס'פאַרהאַלט זיך מיטאָמאָל
דער סקריפּ פון טריט איבערן שניי און ס'פרעגט אַ קול:
— אָט אַלץ וואָס דו האָסט דורכגעטראַכט
אין פראָסטיק־שטערנדיקער נאַכט —
איז דאָס נישט ערגעץ וואו אַזוי געשריבן?
און ענטפערט זיך: איז גוט וואָס ס'איז אַזוי געשריבן.

## .19

פון אַ שליטן איז אַ פויער ווי אַ ווייסער פראָסט אַרויסגעקראָכן
מיט אַ בשורה פאַרן יונגן רבי'ן: אַ בן זכר!

און געבראַכט אַ פעלץ מיט וואַליקעס דער רבי זאָל נישט פרירן
אַז ער וועט אים צו דער שמחה פירן.

מיטן רבי'ן אינם שליטן שמאַלץ און ווין און ניס פאַרפעקלט,
און אַ יאָג געטאָן דאָס פערדל, און דער שליטן גלעקלט.

וואָיעט ווינט אין אויער, ווייסע פלאָכטעס פאַלן
און דאָס האַרץ צעגייט אין ציטערדיקן הלל.

ציטערט עס אַזוי ביז צו דעם הויז אין סעלץ,
טרייסלט מען דעם פראָסט אַראָפּ פון וואַליקעס און פעלץ,

וואַרעמט מען די הענט ביים אָנגעהייצטן אויוון,
הערט מען אויס דאָס שעפּטשעניש פון שכנות און פון קרובים,

ביז מע קען שוין אויף די שפּיצן פינגער אויף אַ ווייל
צוטרעטן צום בעט הינטערן ווייסן ליילעך.

אין אַ באַרג מיט פערינעס, אין שנייאיק־ווייסע ציכן,
ליגט אַ ווייסער פּנים אין אַ ווייסן טיכל,

און צוויי בלאָע אויגן, וואַרטנדיקע, גרייטע,
טונקען זיך אין טרערן ווי אין טוי די קווייטן.

בלייבט מען שטום פאַרציטערט, און פון שטומען ריידן
דאַכט זיך, ס'האָבן זיך געעפנט טירן פון גן־עדן.

וויפיל נעכט האָט זיך דאָס לייב אויף דיר געצונדן,
וויפיל מאָל צעריסן זיך די הויט ביז וואונדן

דעם חומר צו באַשטראָפן ! און דאָ איז גאָרנישטאָ קיין גוף,
נאָר לויטערקייט און פרייד וואָס ציט אַרוף

ביז צו דעם ליכט פון גלגלים. זי מעג שוין שפּעטער ריידן, פרעגן :
צי שלאָפט ער דאָרטן אויף אַ ווייך געלעגער,

און צי דער תלמיד זיינער לערנט זיך מיט חשק
און וויפיל מאָל אַ וואָך מע עסט דאָרט פליישיקס —

ער וועט אויף אַלץ איר ענטפערן בנעימות און געלאַסן,
וועט זען די ענלעכקייט פון זון צו זיך ווי טראָפּנס וואַסער,

וועט מסכים זיין אויפן סנדיקא און קוואַטער
און הערן הונדערט מאָל : איצט ביסטו שוין אַ טאַטע !

נאָר ווען דער שליטן וועט זיך ווידער איבער ווייסעניש צעקלינגען,
וועלן אַלע אברים גליווערנדיק זינגען :

האָסט געגלוסט צו אשה
און דערזען די שכינה.
שפּרודלען קוואַלן פרישע
פון צעהעלטן זינען.

תאוה האָט געברענט דיך
און געשלעפּט צו טומאָה —
און פון דיינע לענדן
איז אַ ליכט געקומען.

מיט אַ טראָפּן זאָמען
אין באַהעפט פון גופים
האָסטו אַ נשמה
פון דער הויך גערופן.

נישט צו לייב און אשה
טוט זיך לייב אָנשליסן ;
ס'איז דער מלכא קדישאָ
מיט דער מטרוניתא.

זיי מיט דיר אינאיינעם
שותפים אין יצירה —
שטייגסטו אויף צום ריינעם
ליכט פון אַלע ספירות.

ברומען לויב די גלידער,
ברומט דער ווייסער וויכער.

העכסטע הויך און נידער
זינגען שיר היחוד.

## .21

ווער ס'קען פֿאַרגעסן ווייב און קינד
אויף בעטל־ברויט, אויף קעלט און נויט
און גיין מיט יעדן שליאַך און ווינט
אַהין וואו ס'גרויט דער מאָרגנרויט
פון אויסלייזונג און חסד —
דו ווערסט זיי נישט פֿאַרגעסן.

דאָס גליק פון מפקיר זיין דאָס לייב
אָן אייגן בעט, אָן רו און זעט,
און לייטערן דאָס איבערבלייב
פון לוסט און חטא מיט האַרטער ברעט
און דאַרן, קוואַרן ביסן —
נישט דו ווערסט עס געניסן.

דיך הייסט מען ליב האָבן דעם שפּאָן,
וואָס שפּאַנט דיך אַיין אין פרייד און פיין
צו זיין אַ טאַטע און אַ מאַן,
אַ שפּייזער זיין טאָג־אויס, טאָג־איין
ביז סוף פון דיינע יאָרן —
דערויף ביסטו געבאָרן.

דער אָדלער לייטערט זיך פֿאַר גאָט
דורך באָדן זיך אין הימל־ליכט,
נאָר אין זיין ליבשאַפט און זיין גנאָד
ווערט אויפגעריכט אויך דאָס וואָס קריכט
און גראָבט אין דר'ערד אַ נאָרע —
דערויף ביסטו געבאָרן.

קאַפּיטל צוויי

# ריטלעך און צערעמאָניעס

## .1

וואו דער שמאָלער מוכאָוועץ דעם ברייטן בוג באַגעגנט
האָבן דריי מדינות זיך געטראָפן אין אַ סגל
און פאַרלייגט אַ ישוב ביי די פלאַכע ברעגן.

ווען איז דאָס געשען? דער אָנהייב איז פאַרהוילן
אין די בלינדע וויקל־טעג פון מלכות פוילן,
אין פאַרווישטן וואַנדערוועג פון דייטשע גולים.

דריי מדינות — פוילן, ליטע און וואָלין —
וועלדער הונדערטמייליקע, גערטנער מיט גריבס,
בינשטאָקן מיט האָניק, כאַטעס מיט געשפּינס.

ציען איבער וועגן וועגענער מיט משא,
פירן יידן מסחר אויפן לאַנד און אויפן וואַסער,
און אויף תורה און אויף צדקה צאָלט מען מעשר.

און מע צאָלט דעם מלך אויך אַ חלק פון רווחים,
גיט ער אויף די יידן זיינע גוט השגחה —
לעבט דער סוחר, אַרענדאַר און בעל־מלאכה.

ברעכט אוקראַינע אויף דעם שפּאַן פון רויב און ריטער,
יאָגן אָן קאָזאַקן מיט אַ בראַנד און שחיטה,
וואַלגערט זיך אין בלוט און חורבות בריסק דליטא.

וואַלגערט זיך, שטייט אויף, און וויט נאָך ביז די שלושים
אויף די אַלטע וועגן אַלטע רעדער רוישן
און ביים ייד זיין זאַלץ און דזשעגאַכץ קויפט דער גוי שוין.

◈

מאַכטן פאַלן, קומען. קומט דער מאַסקאָוויטער.
שוין פאַרפאַקט אין קעשענע וואָלין און ליטע,
איצט גייט ער אויף פוילן אָנפּעלצן זיין היטל.

קומט דער מאַסקאָוויטער, טוט אַ קוק, אַ מרוק:
— דאָ דאַרף מען אַ פעסטונג אויפשטעלן ביים בוג,
און די שטאָט זאָל מוחל זיין, זיך טאָן אַ רוק.

איז דען שייך טענות מיט אַזאַ בורילע ?
נעמט די אַלטע שטאָט זיך אָפּרוקן במחילה
מיט די ברעגן פון דעם מוכאַוועץ, דעם שטילן.

טראָגט מען רייניקייטן, שלעפּט מען בעבעכעס מיט כלים.
ווערט אַ פּישמאַרק וואו געווען איז אַ בית־עולם
און פון וועלדל וואַקסט אַ צערקווע מיט אַ צלם.

אין די ברייטע הויזן פולע קעשענעס מיט גאָלד,
בויט דער מאָסקאָוויטער בערג פון זומפּ און טאָל,
בויט מען און מע לקח'נט, בויט מען און מע צאָלט.

האַנדלען סוחרים, אַרבעטן מוליאַרעס און סטאָליאַרעס,
קומען אויף קאַזאַרמעס, ברעכן קראָמען זיך פון וואַרעס,
און אין קלויזן קלינגט דאָס זילבער אין די קערות.

◈

פון די פּאָרטן רעווען יעדן טאָג האַרמאַטן,
גאַסן, מערק און קראָמען זיינען פול סאָלדאַטן,
און עס קנאַקט די צונג דער מאַמען מיטן טאַטן.

און סאָלדאַטן דאַרפן קאַשע און מונדירן,
און אַ כוסה האָבן ליב צו מאַכן אָפּיצירן,
און אין הלכות נשים האַלט מען אויך נישט פון קיין חקירה.

פאַניע חקירה'ט נישט און שטעלט אויף אַלץ אַ שטעמפּל.
לעבט די יאַטקע־גאַס און גאַס מיט רויטע לעמפּלעך,
און קבצנים קאַכן אינדערוואָכן וועמפּלעך.

ס'איז גענוג דאָ נישט צו קאַרגן אויפן גראָשן.
בויט מען אויף אַ גרויסע שול און בתי־מדרשים
און אַ הקדש און מקוואות פאַר די נשים.

הערט מען: בריסקער הימלען רעגענען מיט מן.
ציט קיין בריסק דער בעל־מלאכה, מעקלער, אָרעמאַן,
וואַנדערט מען צופוס, מיט בויד און מיט דער באַן.

ווערט אויף יעדן נגיד צען אָרעמעלייט,
יעדער קרעמער קריגט נאָך זיבן ביי דער זייט,
און דער דלות וואַקסט אין שמאַטעס אין אין זייד.

2.

חול־המועד־פסח האָט זיך אין „הויכן" בית־מדרש באַוויזן
אַ יונגערמאַן מיט אַ פעקל, זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען פאַר זיך

און געקומען ביים שמש פרעגן, צי ער מעג אויפן טאָוול ביים כיור
אַ מודעה אַרויפקלעפּן. וועגן וואָס אַ מודעה? האָט ער
פון בוזעם אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּיר מיט אַ ליכטיקן כתב,
אַז ער, דער בעל־דבר, נח בן צבי מיטן ביינאָמען מאַרקאָן,
וויל לערנען מיט קינדער תנ״ך, לשון־קודש און דקדוק.
אַזוי גאָר? אַ בערדל אַ רויטלעכס, די פּאות פאַרשאַרט
און רעדט ווי בסוד און איז אויך אַ מלמד! און דערצו
טו אים אַ טובה נאָך! — איך וועל זיצן אין ווינקל — זאָגט ער —
און זאָל עמעצער פרעגן אויף מיר, וועט איר מוחל זיין אָנווייזן.
האָט דער שמש געקוועטשט מיט די פּלייצעס: — קלעפּט אָן! . . .

ס'איז געוואָרן אַ רייד. יידן עלטערע האָבן געשטופּט די נאָז
אין אָפּענעם מדרש ביים אורח. יונגעלייט, באַלעבעסלעך,
האָבן אָפּגעשטעקט שלום און גע'עצה'ט אַרויסצוגיין איבערן שטאָט,
ווייל אַוועק חול־המועד איז אויס מיטן זמן. האָט ער אויסגעהערט,
אויסגעגלעט אין דער ברייט די בלאַט פון מדרש און אויפגעקלערט זיי,
אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער און קלאָפּן אין טירן קען ער ניט.
ערשט פאַרנאַכט איז געקומען דער גבאי ר' מרדכי אָקסנהענדלער,
אים באַטראַכט און אַ פרעג געטאָן: — נו, און גמרא?
— דאָס לאָז איך פאַר אַנדערע. — און פאַרוואָס ניט איר?
דער געשטעל פון פרעגער, דאָס געזעמל און שוויגן אַרום
האָבן שטייפער געמאַכט דאָס קול: — איך וויל פלאַנצן וואָרצלען.
האָט דעם גבאי'ס באָרד זיך צעשמייכלט, נאָר איינצושטילן
דעם מורמל אַרום האָט ער ווידער געפרעגט: — און ווי ווייס מען
וואָס וואָרצל און צווייג, אַז די תורה איז איינע?
— אַ בוים איז אויך איינער. נאָר ס'האָט די יצירה געאָרדנט
אַ סדר אין וואַקסן. אַזוי אויך אין תורה. ביי אונדז אָבער
ווערט די תורה געפלאַנצט מיט די צווייגן אַרונטער.
דער געברום איז געוואָרן געדיכט: — אפּיקורסות, פאַרשייט!
האָט דאָס קול און אַ האַנט אַ צעשפּרייטע זיך אַ הייב געטאָן:
— ס'איז נישט מיינס! וואָס איך זאָג איז דעם גאונ'ס שיטה.
מיטן שמייכל פאַרביסן האָט דער גבאי זיך איינגעשטעלט:
— עס איז דאָך דעם גאונ'ס שיטה! און ביים אורח געפרעגט:
— וואו שטייט איר דאָ איין? — וואו איך בין. — קומט מיט מיר.

ס'איז אָנטקעגנגעקומען אַ באַלעבאָסטע אין אַ בלאַנדן פּאַריק
און גערופן אַ דינסט צו פאַרנעמען דאָס פּעקל ביים אורח.
פון אַ צימער דערביי איז אַרויס אַ בחור'ל אַ גימנאַזיסט
און נאָך אים אַ חדר־יינגל, האָבן ביידע אים אָנגעקוקט
און זיך איבערגעוואונקען. נאָר ביים טיש האָט דער פאָטער
דעם גאַסט באַזעצט לעבן זיך און די מוטער באַדינט אים,

האָבן יינגלעך אויך אָפּשיי געקראָגן. נאָך וועטשערע
איז אַן אײדעם אַריין, קורץ געקליידט, און דער שווער האָט געזאָגט:
— דאָ האָסטו אַ מענטש לויט דיין גוסט נאָך, עזריאל! —
און אים איבערדערציילט דאָס גערייד אין בית־מדרש.
האָט דער גאַסט זיך דערפילט אי פאַרשעמט אי געשטאַרקטער,
און ביים טיי, מיטן בחור דעם גימנאַזיסט קעגנאיבער, צערעדט זיך:
— אַז די טירן צו וועלט פאַרן דור, וואָס גייט, זיינען אָפן —
ווי קען מען אים איינריידן, אַז די וועלט איז בלויז רשעות
און זינד? די נשמה פון דור איז יונג. זי זוכט שירה
און גבורה, זוכט הוד און מלכות און וועט עס געפינען ביי זיי . . .

ער וואָלט ווייטער גערעדט ווען נישט מיט אַמאָל אַ געשטאַלט.
אַ געפּלעפּטע פון פרעמדן ביים טיש איז געשטאַנען אין טיר
די טאָכטער: קאַשטאַן־האָר, אויגן—בורשטינען און אַ שנירל בורשטין
אויפן בלאָ פון געפּאַסטן קלייד. האָט זיך צוגעזעצט,
זיך פּרובירט מיט די אויגן דערפרעגן ביים מאַן, פון מאַן —
צום ברודער, האָט אָנגעקניפּט זיך אַ וואונקען־גערייד,
און דער גאַסט האָט פון אונטער פאַרשטייפטע ברעמען דערזען
ווי דער ברודער און שוועסטער מיט גרינגע הערצער שפּילן זיך
מיט זיין אויסזען און פרעמדקייט. ר׳ מרדכי, נישט נאָכצוגעבן
דעם יונגן בעל־טענה, האָט זיך געדונגען: — אַוודאי נבואה.
נאָר ס׳מיינט דאָך ניט אויס מיט הלכה און פוסקים!
דער גאַסט מיט אַ וואונק קעגנאיבער האָט אַ שנייד געטאָן:
— אויב איר קענט עס אים אָנקניפּן, טוט עס! — האָבן אַלע
זיך אַ קער געטאָן נאָכן וואונק, ס׳האָט ר׳ מרדכי פאַרביסן אַ ליפּ,
ס׳האָבן ברודער און שוועסטער די אויגן פאַרגראָבן,
און אין שטילקייט, אין געשלונגענעם כעס אויפן זון, האָט ר׳ מרדכי
גערעדט צום גאַסט: — דאָ אין שטוב מאַכט נישט אויס.
נאָר פאַר עולם איז גלייכער נישט ריידן אַזוי. געדענקט
וואָס דער רמב״ם זאָגט: ליבער איין פאַרשטענדיקער,
איידער טויזנט נאַראָנים. האָט דער גאַסט זיך אַ צינד געטאָן:
— אויך דער רמב״ם איז אומגערעכט. ס׳דאַרף נישט זיין
קיין יחידי סגולה און המון־עם. דער אמת איז אַלעמענס.
האָט ר׳ מרדכי געבלאָזן דעם רויך פון ציגאַר: — איר זענט יונג.
אַז איר׳ט געבן אַ וואָרט נישט צו היצן זיך, וועלן זיין תלמידים.

אָפּגעקילט פונם מוסר־וואָרט האָט דער גאַסט שוין דערנאָך
געלאָזן געענטפערט אויף פראַגעס — פון וואַנען ער שטאַמט
און וואו זיך געלערנט און וואו די משפּחה געלאָזט.
נאָר ווען שפּעטער געבליבן אַליין אין אַ חדר מיט אַ גרייטן געלעגער
און אַן אַלמער מיט ספרים, זיך אונטערגעגעבן דעם חשבון

וואָס דער טאָג אין דער נייער פרעמד האָט אַליין זיך געמאַכט:
קול בסיל ברוב דברים . . . אפשר בעטן מחילה ביי עמעצן . . .
פון אַלמער דעם „מורה" אַרויסגעזוכט. ראיות בלענדיקע
פון פאַר'שׂכל'טער שטרענגער אמונה האָבן ווידער געטריבן
די צעלעכצטע מחשבה פון באַגעם, פון באַהעפט:
שלאָג דיין יעדע השגה פון בורא מיט ניין און ניין,
וועסטו נעענטער באַגרייפן זיין עצם; גיב נאָך די השגות —
און דו וועסט זיך אַלץ ווייטער פאַרשטויסן פון אים.
ס'האָט געבלענדט פון די בלעטער, נאָר דער מוח, צעפלאַטערט,
האָט די בלענדיקייט נישט פאַרטראָגן. דעם ספר פאַרמאַכט,
אין טונקעלן פענצטער געקוקט, זיך דערמאָנט — ער איז דאָ
אין אַ פרעמדער שטוב, אויסגעלאָשן דאָס ליכט
און אין פינצטער דערזען, אַז די פרעמד, אָט די נייע,
איז נישט מער ווי אַ סטאַנציע אויף אַ טראַקט, וואָס פירט,
און וואו פירט ער, דער טראַקט? דורכן מענטש אין ספר
איז גרינגער צו זען דעם טראַקט און ער טענה'ט:

בין געקומען בויען זיך אַ היים צווישן די היימען
פון די אָרעמע, די מענטשן פון מיין שטאַנד.
ווער־זשע שטרעקט מיר אויס די ערשטע האַנט?
נישט קיין אָרעמאַן, מיינס גלייכן, נאָר אַ גביר.
און אַנטקעגן וועמען שטעלט ער מיך? אַנטקעגן דיר,
גביר פון גבירים, שררה מעכטיקער, בן מימון!

דילן דאָ באַטעפּעכטע, שפּאַלירן אויף די ווענט.
לאָקט דעם גביר פון פּראַכט דיינעם דער בלענד.
און אויף מיר דער שטויב פון שליאַכן אויסגעפּאָרענע.
ווי קען איך אַזאַ זיך שטעלן פאַר דיין פנים?
און ווי זאָל איך אָנמעסטן אויף זיך דיין וואָרענען
נישט צו מישן זיך מיט די נאַראָנים?

שטערן־גאַנג אין הימל, ים און טיפענישן,
ווייטן און מדבריות זיינען דיר געווען אַנטפּלעקט.
ביסטו מיטן שטערנדיקן קיסר־וועג אַוועק,
האָסט דיין ברויט געגעסן פון געקרוינטע טישן —
ווער עס קען זאָל שטייגן שטערנדיק און לויטער,
ווער עס קען נישט, זאָל ער צערענען, דער שוטה.

מיר איז ערד און הימל פול מיט סוד און שטוינונג,
ווייט פאַרבלענדט מיט בלאָקייט, הויך מיט צופיל שטערן.
צווישן די נאַראָנים מוז איך וואוינען

און פון זייער אָרעם ברויט זיך נערן,
און דעם צאָרן, וואָס זיי וועלן אויף מיר צערענען
טייער האַלטן ווי די תורה וואָס איך וויל זיי לערנען.

## 3.

די לבנה הענגט אויפן ראַנד פון הימל
ווי אַ פּנים מיט אַן אַנגעשוואָלענער זייט.
עס גייען צום רב צוויי חומש־מלמדים
זוכן גערעכטיקייט.

אַט איז שוין אַריבער דער חול־המועד,
אַ נייער זמן האָט זיך אָנגערוקט,
אַזוי פיל שוועלן אָפּגעשלאָגן
און תלמידים נאָך אַלץ נישט גענוג.

און דאָ האָט דער רוח אָנגעטראָגן
אַן אַפּיקורס׳ל, אַ שנעק,
איז וויל ער גאָר לערנען חומש מיט דקדוק,
און דער גביר גיט אים עסן טעג.

איז שולדיק טאָקע דער אַפּיקורס
וואָס זיי האָבן קיין מעמד נישט פּאָר זמן?
ניין, דאָס אפשר נישט, נאָר ס׳איז גלאָט אַ צרה,
און צרות איז אָן אים אויך פאַראַן.

ר׳ יונה׳ס ווייב האָט געמאַכט אַ פּרנסה
פון קאָכן כל׳ערליי מינים טינט,
טראָגט זי אַרום אַ קאָרב מיט פלעשער
און לעבט פון דעם וואָס זי פאַרדינט.

שוואַרץ און בלאָ אויף די טרוקענע פינגער,
און אויף די ליפּן גרינע גאַל,
און די קינדער מיט זיך אין קאַמער פאַרשלאָסן
ווי אין אַ פעסטונג הינטער אַ וואַל.

ר׳ ליפּע האָט איינמאָל די טאָכטער געשמיסן,
פאַר אַ גאַנצן חדר ייִנגלעך פאַרשעמט,
איז די מויד אין מיטן נאַכט אַנטלאָפן
און וואַלגערט זיך אין דער פרעמד.

ווערן די יינגערע טעכטער פאַרזעסן —
מע רעדט אויף דער שוועסטער שלעכטס.
און די מאַמע האָט שוין אויפגעהערט וויינען,
נאָר גייט אַרום און קרעכצט.

די לבנה קרימט דאָס פאַרוואָלקנטע פּנים
ווי פאַרבונדן אַ קראַנקן צאָן.
צוויי מלמדים מיט הערצער באַלאָדן
צום הויז פון רב קומען אָן.

זיצט דער רב ביי זיך איבער אַ ספר,
און דער שמש זאָגט: עס איז שוין שפּעט.
שטייען מלמדים און קוקן זיך איבער:
זאָל זיין כאָטש צום שמש גערעדט.

רעדט ר׳ יונה פון אַפּיקורס,
ר׳ ליפּא חזר׳ט איבער די רייד,
און דער שמש זאָגט: מע וועט נאָך אים שיקן,
גייט אייך געזונטערהייט.

גייען צוויי מלמדים פאַרקרימטע:
פאַרקויפט אַ קאַץ אין אַ זאַק.
די לבנה קרימט דאָס קראַנקע פּנים
מיט דער פאַרבונדענער באַק.

## 4.

דער רב אַליין אין בית־דין־שטוב אַ ספר בלעטערט,
נאָר זיך פאַרטיפן אין דעם ענין קען ער נישט.
שוין וויפיל מאָל ער האָט עס אין דער האַנט גענומען,
כסדר ווערן די רעיונות אים צעמישט.

געשריבן האָט דעם ספר זיינס אַ יוגנט־חבר
און „ליבער ברודער" רופט ער אים אין בריוו.
פון טאַטנ׳ס חריפותביידע זיך געצוונדן,
געשאַרפט די מוחות אויפן זעלבן מהר"ם שיף.

היינט האַלט יצחק אלחנן דאָס רבנות
פון קאָוונע, וואָס ער האָט אַליין אַמאָל באַקליידט.
נאָר יענער איז נישט קאָוונער רב בלויז — ער איז ריש־גלותא,
און ס׳קלינגט זיין נאָמען ווייט און ברייט.

פון אַלע עקן לאַנד צו אים דין־תּורה׳ס,
וואָלאָזשינער און מירער גדולים בייגן זיך פאַר אים,
זיין וואָרט איז אָנגעלייגט, להבדיל, אויך ביים מלכות,
און ס׳איז דער ספר דאָ איבער דער וועלט באַרימט.

דער גרויסער מקיל איז ער. האָט אויף אַלץ אַ היתר.
איז מתּיר באָב און אַרבעס פּסח אין אַ הונגער־יאָר.
און ער, יהושע לייב, איז האַרבער מחמיר
און וועט פון דין נישט אָפּטרעטן אַ האָר.

פאַר יועמען אָבער האָט יהושע לייב געליטן,
כאָטש ניט דערוועגט זיך מתּיר זיין אויף פּסח באָב ?
נישט פאַר זיין כבוד, נישט פאַר גדלות, חס ושלום —
פאַר יושר, פאַרן אָרעמאַן און אביון קומט ער אָפּ.

אַ גביר, אַן עזות׳ניק, האָט אויסגעדונגען די קאָראָבקע —
נישט צוקומען דעם אָרעמאַן צום שטיקל מילך און לונג.
האָט ער, דער רב, צו זיך פאַררופן די גבאים
און האַרב באַפוילן : טרייבט אַרויס דעם גראָבן יונג !

נישט דעם באַרייסער — ס׳האָט פון שטאָט דער גובערנאַטאָר
אין אַכט און פערציק שעה אַרויסגעיאָגט דעם רב.
אַזוי האָט ער, יהושע לייב, פאַרלאָרן קאָוונע
און גלות אָפּגעריכט ביז ס׳האָט אים אויפגענומען שקלאָוו.

פון שקלאָוו קיין בריסק . . . איז שולדיק דען דער חבר
וואָס ער מיט כבוד איצט זיין שטול פאַרנעמט ?
חלילה ! וואו עס וואָלט יצחק אלחנן נישט געזעסן,
אַלץ איינס וואָלט ער איבער דער וועלט גע׳שם׳ט.

ער האָט פאַרדינט זיין שם... כאָטש ס׳וועט יהושע לייב אין תּורה
און חריפות אים נישט נאָכלאָזן אַ שפּאַן.
מע וואָלט געדאַרפט אַדורכקוקן דעם ספר — ס׳איז מסתּמא
נישט ווייניק אָפּצופרעגן דאָ פאַראַן.

אָט האָט ער איצטער נאָך אַמאָל גענומען בלעטערן,
נאָר זיך פאַרטיפן מיט כּוונה קען ער נישט.
אַז וויפיל מאָל ער נעמט זיך צו „באר יצחק",
כסדר ווערן די רעיונות אים צעמישט.

## .5

אַז דער שמש איז געקומען רופן נח׳ן צום רב,
האָט ר׳ מרדכי אים געבעטן וואַרטן און זיין אורח
הינטער טיר אַריינגענומען: — איר זענט נישט מחויב
אויסצובורייען אייער גאַנצן אמת. זייט אַ נכנע.

קאַלטער פייער אין די גראָע אויגן, אַשיק־גראָע
באָרד און פאות אָן אַ סימן פון קאָליר פון פריער —
אַט אַזאַ האָט פון זיין פאָטערשטול דער רב אַ פרעג געטאָן:
— דו ביסט עס דער סעלצער? — דריי פּאָר אויגן אַנדערע
האָבן זיך אַ קער געטאָן פון אַרום טיש: בלאָע, שטילע
פון דעם אַלטן דיין ר׳ מנשה, שוואַרצע, גליענדיקע
פון דעם ייִנגערן ר׳ יואל זרח און פון נאָך אַ ייִדעלע,
וואָס פון אים האָט נח׳ן דער שמש נישט געוואָרנט —
שוואַרצע, אָבער קליינע, גוטינקע. אין אַ רגע אויפגענומען
אַלע בליקן און הכנעה׳דיק געענטפערט: — איך . . .
— וואו האָסטו געקנעלט ביז איצט? — אויפן דאָרף.
— וואָס־זשע פאַר אַ תורה ברענגסטו אונדז פון דאָרף?
— תורה איז די זעלביקע אומעטום. — נעם אַ בענקל, זעץ דיך.
אין אַ רגע האָט פון רב אַ שאַר געטאָן זיך אַ גמרא
און אַ קול: — זאָג! פון דאַנען: ר׳ חנינא סגן הכהנים — — — —
נח האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מסכתא: קיינמאָל נישט
די סוגיא אין דער האַנט געהאַלטן. אָנגעהויבן זאָגן
און וואָס ווייטער אַלץ געדיכטער זיך פאַרפּלאָנטערט
אין די רעכענונגען פון אבי אבות הטומאה און די גראַדן:
ערשטער, צווייטער, דריטער . . . מוח האָט זיך אָנגעשפּיצט
ווי אַ דינער טייטל זיך צו פירן איבערן געפלעכט
פון חשבונות. נאָר אין זעלבן מוח האָט געבריט אַ כעס:
וועמען אַרט עס? צו וואָס טוט ער עס מיט מיר?
און דעם טייטל׳ס גאַנג צעטומלט. און פון הינטער כעס
האָט געקלאַפּט ר׳ מרדכי׳ס וואָרנונג: זייט אַ נכנע . . .
ס׳קליינע ייִדעלע האָט איבער אַקסל זיך געשטעלט,
מיט אַ וואָרט דעם טייטל אויפן וועג אַרויפגעפירט,
נאָר די שאַנד פאַר אונטערזאָגער האָט דאָס פּנים
אָנגעצונדן, האָט ער אָפּגערוקט די גמרא און געזאָגט —
שטיל, ווי שטיל ער האָט געקענט: — כ׳האָב די סוגיא
נישט געלערנט. אגב, רבי, זוך איך קיין תלמידים נישט
פאַר גמרא. איך וויל לערנען בלויז תנ״ך. — ס׳קאַלטע פייער
האָט אַ ברי געטאָן אין זאָג צום שמש — ברענגט אַ חומש!
אויפגעמישט די סדרה פון דער וואָך און אַ רוק געטאָן

צום פֿאַרהערטן. נח האָט די האַנט נישט אויסגעשטרעקט
און געזומען זאָגן אויסנווייניק. — ווי פֿיל קענסטו עס אַזוי?
— אַ סך. — ווי קומט עס? — ווייניק ספרים אַנדערע
אויפֿן דאַרף געווען. האָב איך דעם תנ״ך געלערנט.
קאַלטער פֿייער האָט זיך איינגעשטילט, ס'האָט אויפֿגעשפּילט
נייגיר אין די אויגן: — זאָג פֿון ירמיהו! פֿון ישעיה!
פֿון יחזקאל! . . . . ס'קליינע יידעלע האָט אָנגעקוואָלן,
נאָר דער רבֿ, ווי זיך געכאַפּט ביי דער הנאה, האָט דעם זאָגער
פּלוצלונג אָפּגעהאַקט: — טאָ זאָג־זשע מיר ווי בינדסטו
אָט די פּסוקים פֿון ישעיה, אַז דער בורא וויל נישט
קיין קרבנות, מיט דער סדרה „צו״? . . . האָט די צונג
אַזאַ ברי געטאָן, ס'האָט פֿאַרוואָלט זיך אַ געשריי טאָן:
— בינד איך טאַקע נישט! גערעכט איז בלויז דער נביא!
קיינער דאַרף נישט די קרבנות ווי' מע דאַרף נישט
אייער פֿלאָנטער מיט דער טומאה — קיינער דאַרף נישט! . . .
נאָר געזאָגט האָט נח: — וואָס דער נביא מיינט איז יענע,
וועלכע קויפֿן אויס די בייזע מעשים מיט קרבנות . . .
ס'האָט געגאָלטן. ר' יהושע לייב האָט אָנגעשפּיזט די אויגן
און אַרויסגעלאָזט אַ היתר: — זומש מעגסטו לערנען.

אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם נאָך אַ צענדליק טריט אין גאַס,
האָט דאָס יידעלע אים אָנגעיאָגט: — נישט גוט געווען.
קומט אַריין צו מיר אַמאָל אין קצבֿ'ישן בית־מדרש.
פֿרעגט זיך אויף יחיאל'ן. הינטערן בעלעמער זיץ איך.
וועלן מיר די סוגיא דורכגיין. קומט, למען־השם.

## 6

ר' יחיאל ראַטעוועט זיך פֿון מחשבות זרות
אין די ווענט פֿון בית־המקדש.

נאַכט, און די כהנים האַלטן וואַך
אין די הייזער ביי די טויערן פֿון דער עזרה.
שלאָפֿן יינגלעך אין די אויבערשטיבלעך,
שלאָפֿן אַלטע אינם גרויסן שייטערהויז,
און האַלב־וואַכע, מיט די מאַנטלען זייערע צוקאָפּנס,
דרעמלען יונגעלייט, די פּרחי־כהונה,
דרעמלען, שפּירן נאָך דעם גאַנג פֿון שטערן,
נישט, חלילה, צו פֿאַרשלאָפֿן דעם באַגינען
און זיך גרייטן צו דער זכיה פֿון אַ האַנט האָבן
אין פֿרימאָרגן־קרבן, אין דעם עולת־תמיד.

וויגט זיך ר' יחיאל איבערן משניות:
— ווער עס וויל די אַש אַוועקראַמען פון דעם מזבח,
כאַפּט זיך אויף פאַרטאָג און גייט זיך טובל זיין
איידער ס'קומט דער אויפזעער — — —

וואָס זשע האָט די יידענע געקלאָגט אַ גאַנץ פרימאָרגן,
אַז זי האָט קיין כוח מער נישט די היונה צו פאַרזאָרגן,
אַז פון אַלע אירע גרינס און פוילע באַר און עפּל
סטייעט מער נישט אויף קיין געדשט אין טעפּל . . .
און וואָס וויל זי מיט די קינדער? וואָסערע תכליתים?
וואָס קען איך, יחיאל, טאָן דערצו? וואָס ווייס איך?
זאָלן זיי זיך לערנען זייך סטאָליאַרעס, שוסטערס, שמידן
אַבי נאָר זיי זאָלן בלייבן יידן,
יידן, יידן, אוי, אוי, אוי.

נעמט מען לייגן שייטלעך פאַרן גרויסן שייטער . . .
זאָגט דער ברטנורא:
דריי זיינען די שייטערס: אויפן גרויסן ברענט דער קרבן,
אויפן מיטעלן די קטורת רויכערט מען,
און דעם קלענסטן צינדט מען גלאַט אַזוי,
עס זאָל זיין אַ פייער גלאַט אַזוי . . .

און וואָס איז זי נעבעך שולדיק, אַז עס ברענט אַזאַ מלחמה
אויף די מערק און אויף יאַרידן, אין די קליטלעך און אין קראָמען.
וואו אַ קער — אַלץ הייזער, מויערן, געשעפטן, שפּייכלערס,
און די תשוקה פלאַמט צו ווערן רייכער, רייכער, רייכער . . .
זאָל די שעה נישט זיין — וואָס ווען העלפן שלעסער, פרענטן,
יוען דאָס רוצח'יש בלוט אין שונא ווען אַ ברען טאָן,
אַז דער גביר און אָרעמאַן אין זיבן פאָלעס
זיינען ביידע אין דער פרעמד אין גלות,
גלות, גלות, אוי, אוי, אוי . . .

גייט אַרויס דער אויסקוקער און רופט:
— ס'האָט דער טאָג שוין אויפגעלויכטן!
פרעגט מען איבער:
— זעט זיך שוין דאָס ליכט ביז חברון?
קומט אַן ענטפער: — יאָ!
טוט דער אויפזעער באַפעלן:
— גייט און ברענגט דאָס שעפעלע — — — —

אוצרות גאָלד און זילבער קענען נישט דעם גלות נאַרן.
יוספ'ס מאַכט וועט קיינמאָל נישט אַריבערשטייגן פרעה'ן,

און די לייבן פון יהודה׳ס מאַכטיקע חיילות
וועלן אַלעמאָל אין קייטן גיין מיט טיטוס׳ן אין גלות.
זאָלן אַשור און מצרים מיט דער גבורה זיך פאַרמעסטן
ווען ווערמענס שווערדן זיינען גרעסער, ווענמענס פויסטן זיינען פעסטער.
יעקב׳ס אוצרות דאַרפן נישט קיין שוץ פון שווערד און פיילן
אין די היילן פון דער תורה, אין די פעסטונגען של מעלה,
מעלה, מעלה, אוי, אוי, אוי.

ביז יריחו הערט מען ווי עס קלאַפן די טימפּאַנען,
אין יריחו הערט מען ווי די פייפלעך פייפן,
ווי די גלעקלעך קלינגען, ווי לוויים זינגען — — — —

הינטערן בעלעמער אין קצב׳ישן בית־מדרש
וויגט זיך איבערן משניות ר׳ יחיאל.

## 7.

זאָגט דער אַלטער, שטעטלדיקער נח
צו דעם נייעם, צו דעם בריסקער:

— רייבסטו זיך אויף אַ גרויסשטאָטישן!
ביים פאַרהער אין בית־דין־שטיבל
נישט דערזאָגט וואָס נישט געטויגט,
און ביי דער אלמנה, ווען געקומען נאָכן ייִנגל,
זיך צע׳דרש׳נט וועגן רב׳ס הסכמה.
שקר, הייסט עס, לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן.
קומט אַליין און לייגט זיך אויף דער צונג.

בריסקער נח כמורעט אָן די ברעמען.

— אַז מע וויל, קען מען עס פּשט׳לען
מיט אַ כתיב און קרי. כתיב איז שקר.
קרי איז פּשרה. פּשרה גייט מיט מסחר.
די חז״ל זאָגן: שטענדיק זאָל אַ מענטש זיין
ווי אַ ריטל ווייך, נישט ווי אַ צעדער האַרט.
האָסטו דיר אַ פּשט׳ל אויף רעכטפערטיקונג.

בריסקער נח בייסט די ליפּן.

— ר׳ יהושע לייב מעג האַרט זיין ווי אַ צעדער.
אויפן תורה־מאַרק איז ער דער באַלעבאָס.
ר׳ יחיאל קוקט זיך אויפן מאַרק נישט אום:

ליגט דעם גאַנצן מסחר אָפּ אויף יענער וועלט.
אָבער מיר, מישטיינס געזאָגט, מיט בלינדער סחורה —
מוז מען דאָך בגנבה זי' פאַרקויפן.

בריסקער נח פּרואווט זיך ראַנגלען :
— נישט קיין בלינדע סחורה ! . . .
ריינע תורה, ריינע נבואה.
— איז צו וואָס דער שקר ?
וויפיל קשיות, וויפיל ספקות, וויפיל סתירות
הענגען נאָך די ריינע תורה !
אַז מע דאַרף אַליין גאָר לערנען, לערנען, לערנען . . .

בריסקער נח שפּאַרט דעם קאָפּ אָן אויף די הענט.

— אַז מען מוז די וועלט פאַרבלענדן
און פון דער פאַרבלענדונג עסן ברויט,
מוז מען שווימען אין אַ ים פון שקר
ווי ר' עקיבא אויף דער ברעט :
קומט אַ כוואַליע, בויג דעם קאָפּ אַרונטער,
וועט עס דיך מיט שקר אָפּשווענקען,
אָבער וועסט אַרויסשווימען צוריק.
האַלט זיך אויף דער ברעט און שווים.

בריסקער נח ליגט אַוועק די עלנבויגנס אויפן טיש
און באַהאַלט דעם קאָפּ
זיך צו לאָזן שווענקען פון די כוואַליעס.

## 8.

אַ קאַמער פאַר זיך.
אַ נאַקעטער טיש. פאַר תלמידים צוויי בענק.
אַ טאַפּטשאַן צום שלאָפן. ס'איז טונקל, ס'איז ענג
און פרוש'דיק האַרט. נאָר מע קען זיין מיט זיך.

מיט ברויט אַ קריש
און אַ שיסל געקעכץ קומט מען אָפּ אַ מעת־לעת.
ס'וויב שיקט מיט פורמאַנעס קיכלעך און קעז,
און שבת עסט מעןביים נגיד'ס טיש.

אין חדר ביים נגיד
אַן אַלמער מיט ספרים. דער אַלמער איז אָפן.

די נאַכט איז געגעבן נישט בלויז צום שלאָפן.
קורצע נעכט איז אַ ליכטל גענוג ביז ס'נעמט טאָגן.

דעם נגיד'ס אײדעם
איז וואויל געלערנט. העלפט ער טייטשן
די שווערע מאמרים אויף רוסיש און דייטש
און זעצט זיך צו אַמאָל גלאַט אַזוי ריידן.

נאָך האַלבן טאָג פרייטיק
די קינדער צעלאָזט. אויף גאַס און בולוואַרן
שמעקט בעז און אַקאַציע. די פיס פאַרנאַרן
אין אַפּענעם פעלד און מאַניען אין ווייטן.

נאָר ווייט פאַרגיין
וועט דער שבת נישט לאָזן. ער שפּאַנט פון הינטן
מיט פרישער העמד, מיט נגיד'ס געזינדל,
מיט ריח פון קידוש־ווײַן, פיש און כריין.

ערשט פרייטיק נאַכט,
ווען דאָס לעמפּל גייט אויס און דער חושך איז שטיל
נעמט אויף עלנדן טאַפּטשאַן די בענקשאַפט שפּילן
און ס'ווערט פון ווייב און קינדער געטראַכט.

אַ וואָך אַריבער,
און געענטער אַ טראַט. וואוהין פירן די וואָכן ?
מסתמא האָט אַ וואוהין די השגחה.
מסתמא ווערט ערגעץ דער טראַט פאַרשריבן.

## 9.

אַ שבת ביי ר' מרדכי'ס טיש און נח שוויגט. ס'איז נישט
זיין טבע אַנצויאָגן אומעט. פרעגט דער באַלעבאָס:
— חלילה אין דער היים עפּעס ? — ניין, גאָרנישט. — אלא וואָס ?
זעט נח ווי דער טאַכטערס צאַרטע אַקסל חוזק'ן
פון פאַטערס אומרו איבער אים און בעט: — דערנאָך . . .
אין ספרים־שטוב דערנאָך שלעפּט ער פון טלית־זאַק
אַ ספר: — דאָס !... ר' מרדכי קוקט אַריין: — דער „אור השם"...
וואו האָט איר עס דערטאַפּט ? — ביי אייך אין אַלמער.
— געזעכט, אַמאָל געבלעטערט . . . נו, איז וואָס ? — ער רעדט
וואָס איך אַליין וואָלט זאָגן ווען איך קען. נאָר צוקומען
צום תוך דערלאָזט די עם־הארצות נישט. — עס גיט אַ שניט

דער ווידוי, נאָר די אויגן נח'ס קוקן גלייך: דער צער
איז גרעסער ווי די חרפה. — זענט איר נישט מגזם?

מע זעצט זיך אַרום טיש. פון ערשטן בלעטל, דער הקדמה,
וואו דער מחבר צאָרנט אויפן „משנה תורה" פאַרן שטעלן
אין אַלץ אויף זיך און זיין דער לעצטער פוסק, כאַפּט זיך
ר' מרדכי: — איך געדענק שוין! ס'איז פון יענע,
וואָס האָבן דורות נאָכן רמב"ם אים גע'רודפ'ט.
— ניין, ס'איז נישט גלאַט רדיפה — שטעלט זיך נח איין.
נאָר ווייטער — ביטערער ווערט דעם מחבר'ס טענה: ס'לאָקט
די גרעסטע צווישן אונדז דאָס פּרעמדס. מיט די באַגריפן
פון פּרעמדער חכמה פּוצט מען זיך, מיט זייערע באַווייזן
צירט מען זיך אויס, און ס'פירט אין דעם בן־מימון,
דער גרויסער וועגווייזער. ווי גוט ס'איז נישט געווען
זיין מיין — איצט קומען קנעכט צולאָזענע, פאַרוואַנדלען אמת
אין לייקענונג, פאַרשוועכן הייליקייט — — — נו, זאָג איך דאָך —
ווערט שוין ר' מרדכי אומגעדולדיק. נאָר דער איידעם
איז רואיק: — שאַרפע רייד אין אַ פּאָלעמיק מיינען גאָרנישט.
דער עיקר איז דער אַרגומענט... די אויפגעקלערטע ווערטער
באַרואיקן דעם שווער. מע מישט אַ בלאַט. נישטאָ מער
קיין כעס אויך אין מחבר. קאַלט און איינגעהאַלטן
פון „מורה" גייט ער צו אַריסטון און די אויסטייטשער,
אויף וועמען ס'שטעלט בן־מימון, בלעטערט די חיבורים זייערע,
פרעגט אָפּ... די ווערטער קומען מיטן טערפּקן טעם
פון ניס, וואָס שטאָפּן אָן און מאַכן האַרב די ציין.
שטייגט ווידער אויף ר' מרדכי'ס אומגעדולד: — איך זע נישט
וואָס גייט עס אַזוי נח'ן אין לעבן, צי ס'איז דאָ אַ לײדיקייט
צי ניין? צי צייט איז אין באַוועגן זיך פון זאַכן,
צי אייביק אין זיך?... ס'ווערט אַ שטומקייט. הייסט עס — נח
איז נישט מחויב מיט די שטיוול דראַפּען זיך אין עולמות...
עזריאל שטאַמלט: — שווער, וואָס רעדט איר?... נח, בלייך,
שטייט אויף: — איר וועט מיר מוחל זיין... אַ גוטן שבת...
שפּרינגט אויף דער באַלעבאָס: — ווער טשעפּעט אייך?
איך מיין אויך מיך, עזריאל'ן, אונדז אַלעמען. עס זיינען דאָ
יסודות איינגעשטעלטע — וועמען טויג דאָס אונטערגראָבן?
איצט שטייט שוין אויך עזריאל און מיט גראָע אויגן
און בלאָנדן בערדל שטייפט ער זיך אַנטקעגן שווערס
צעגראָטער שוואַרצער באָרד: — איז ווער עס וויל עפּעס
מחדש זיין — אַן אונטערגראָבער? דאַרף מען, אויב אַזוי,
דעם רמב"ם אויך אין פייער וואַרפן, אַלעמען...

די באַלעבאָסטע שטייט אין טיר און פּאַלט אַריין:
— איר׳ט טרינקען טיי אין סאַליע אָדער דאָ אַריינגעבן?
— קענסט דאָ אַריינשיקן. — די טיי איז אויפן טיש.
עס שמעקן קיבעלעך מיט צימערינג. די הייסע משקה
פאַרגיסט עפּעס אין באַלעבאָס, און אַז די יונגעלייט
פאַרטיפן זיך אויפסניי, איז שוין זיין קול אַנטשוויגן.
ער הערט בלויז. אָבער אויגן קלעפּן זיך, און נאָך אַ ווייל
אַ האַנט אַוועקגעלייגט אויף נח׳ס אַקסל, זאָגט ער:
— פאַר אייך איז גוט זיך גרונטעוועז, יסודות ברעכן.
מיך ציט אַ דרימל טאָן. איז בעסער אויף די אַלטע
פאַרפונדעוועטע עיקרים... ציט אַרויף אַ שמייכל,
האַלב־קליגעריש, האַלב־יאוש׳דיק און לאָזט זיך גיין.
עזריאל פרוּווט אים נאָך פאַרענטפערן: — כ׳פאַרשטיי נישט
וואָס טוט זיך מיטן שווער. — און איך פאַרשטיי —
זאָגט נח: — ס׳איז געגליכן ווי ס׳זאָל קומען עמיצער
און נעמען ברעכן דאָ די ווענט פון הויז. קען זיין —
דאָס נייע הויז, וואָס מע וועט אויפבויען, וועט גרעסער זיין
און שענער. נאָר ר׳ מרדכי וויל נישט איינשטעלן...

אין צווייען איז פרייער. ווערט אַרויסגעשלעפּט דער „מורה״
די טענות צו פאַרגלייכן, און דער שם טוב, אַ געטרייער תלמיד
פון רמב״ם, זידלט ר׳ חסדאי׳ן: נאָר צעדרייטער!...
איצט זעט מען וואו מע שטייט. פון יענער זייט — אַריסטו
מיט אַלע נאָכגייער, בן מימון מיט אַ טוץ מפרשים,
ר׳ מרדכי מיטן איינשטעל פאַר געהייליקטע יסודות,
און דאָ פון דער זייט — ר׳ חסדאי מיטן טערפּקן לשון,
דער איידעם און דער דאָרפישער מלמד מיט די שטיוול.
איז נעמט מען פלייסיקער און אויפן קול זיך גריבלען.
די אויפגעלייזטע קנופן מוטיקן, דער גלי פון נחת
צעגליט דעם חשק בייצוקומען. זון צו מנחה נייגט זיך.
בלייבט ראָזע שטיין אין טיר און פרעגט דעם מאַן:
— וועסט לאַנג נאָך זיצן דאָ? — אַ ווייליקע, אָט באַלד...
נאָר אַז די „ווייליקע״ פאַרציט זיך, קומט זי ווידער.
עזריאל איז שוין גרייט צו זאָגן: מאָרגן אָוונט קומט צו מיר.
נאָר הינטן שטייט דאָס ווייב. איז זאָגט ער: — מאָרגן
וועל איך אַריינקומען צו אייך, וועלן מיר ווייטער לערנען.

אַן אָוונט זיצט מען ביי אַ לעמפּל איבער נח׳ס חדר־טיש
און מער שוין נישט. ר׳ מרדכי האָט אַ הויז. עזריאל — אַ ווייב.
נאָר נח האָט דאָ גאָרנישט. זיצט ער, קניפּט פאַנאַנדער

וואָס לאָזט זיך, זעט וואָס ער וויל זען. ער זעט בן־מימונ'ען —
אַ פּירשט אין אויסטערלישן טראַכט פון קיניגלעכן ספרד
און ר' חסדאי'ן אין אַ היימישער לאַסטרינענער קאַפּאָטע
און מיט אַ באָרד אַ קופּערדיקער אפשר ווי ביי אים.
ער ווייס — ס'איז דמיון, פאַלש. נישט יענער איז דער פּירשט.
נישט דער — דער ייד אין דער קאַפּאָטע. נאָר ער וויל אַזוי,
און דאָס שטייט ער אַליין און טענה'ט זיינע טענות:

וואָס האָסטו אַלע שטעגן מיר פאַרשטעלט
מיט בייזע וועכטער — דיינע יאוש'דיקע נישטן?

זאָל איך פאַר מיינע אויסגעציילטע טעג
דערזען אַ שטעג צו דער אומצייליקייט פון זיינע,
שרייט אויס אַ וועכטער דיינער:
— ער איז נישט צייט.
זאָל איך די דלד אמות מיינע ווען אַנקניפּן
אין זיינע אומבאַנומענע מרחקים,
שרייט אויס אַ וועכטער:
— ער איז נישט רוים.
זאָל איך מיין אָטעם ווען אויסמישן
מיט אַלץ וואָס לעבט אין זיין געגנאַד,
שרייט אויס דער וועכטער:
— ער איז נישט זיין באַשאַף.

נאָר זאָל איך אין פאַרצווייפלונג פרעגן:
איז ער דאָ?
ווערסטו אַליין אַריבערשרייען אַלע וועכטער: — יאָ!
— איז ער אַליין און איינער? — יאָ!
— איז ער פון אַלץ דער אָנהייב? — יאָ, יאָ, יאָ!
טאָ ווי קען ער פון אומעטומיקייט
אַרויסצאַמען די דלד אמות מיינע?
און אויב ער האָט אין טאָג פון שאַפן
זיין אייביקייט צעטיילט
אויף נישט געוועזענע איידערס און געוואָרענע איצטן —
האָט דאָך מיין אָרעם לעבן אויך אַן איידער און אַן איצט,
איז דאָך עס אויך פון אייביקייט אַ טייל.
און איז אַן אָנהייב דאָ צום ווערן,
ציט דאָך דאָס לעצטע ווערימל און שטויבל
יניקה פונם אָנהייב
און איז באַהעפט צו אים אין זיין.

עס זאָגט די וועלט מיט יעדן אָטעם אָן: ער איז!
נאָר דורשטנדיקער מענטש וויל וויסן: וואָס?
עס זינגען אַלע חושים: איז!
נאָר די נשמה, אַ פֿאַרלוירענע אין סודות, רייסט זיך:
וואָס?
און אַ פֿאַרלאָרענער אין וואָלקנס אויפֿן באַרג
בעט משה: לאָז דיך זען!
און קריגט אַן ענטפֿער: — נישט קיין פּנים,
אַ רוקן קענסטו זען.

פֿון קול געהערטן,
פֿון רוקן דעם געזעענעם
די לוחות קריצן זיך.
ווייל איז דאָס אויג פֿון זעער מער נישט זוכה
ווי זען אַ רוקן — זעט דאָך די נשמה
דאָס פּנים, וואָס איז אָפּגעקערט.
און איז דער בלענד פֿון זון אַ דעקטוך
דאָס פֿייער צו פֿאַרהוילן פֿון די אויגן,
פֿילט דאָך דאָס לייב דעם גלי פֿון פֿייער.
און וויקלען זיך די סודות פֿון יצירה
אין העלקייט פֿון אַנטפּלעקונגען
ווי ס'וויקלט זיך אין ווייסע שלייערן אַ כּלה,
רירט דאָך דער שלייער אָן דער כּלה'ס לייב
און פֿורעמט פֿאַר די אויגן איר געשטאַלט.

דורך שלייערן, וואָס רירן אָן דאָס אומגעזעענע,
דורך העלקייטן, וואָס הילן דאָס פֿאַרהוילענע,
דורך אויפֿגעקוועלטן וואָרט פֿון דאַנק און לויב
לאָז ציען זיך צו אים,
און לאָמיר מיטן זינגער מיטזינגען:
— ווי טייער זיינען דיינע אַנדייטונגען, גאָט,
ווי גרויס איז זייער צאָל!
איך נעם זיי ציילן — מערן זיי זיך ווי דער זאַמד,
איך וועק מיך אויף — און נאָך בין איך ביי דיר.

◈

קומט דער גריך און די וואָס גייען נאָך אים,
זעצן זיי אַריין דעם כּביכול
אין אַ היכל וואָס איז לויטער וויסן

און זיי לערנען:
קוואַל פון העלסטער פרייד איז וויסן —
קוועלט פון אים די העלסטע פרייד,
און דאָס מיינט מען: שהשמחה במעונו.

ווי זשע קען צום היכל אָנשלאָגן אַ מענטש?
מיטן גרייפנדיקן שכל.
און וואָס איז דער לעצטער תכלית פון דעם מענטש?
וויסן אָן אַ שיעור.

ווער דער מסור, אָנריידער, פאַרשעמער,
אויב ער האָט געשליפן דעם פאַרשטאַנד,
יאָ דערשלאָגן זיך צום היכל,
און דער גלויבער און דער צדיק און דער קדוש,
אויב ער האָט דעם מוח נישט געשליפן,
מעג אין פיין און בראַנד דעם נאָמען גרויסן,
בלייבט ער אַלץ אין וויסטן טאָל פאַרשטויסן . . .

וואָס איז פרייד פון וויסן?
מענטש, געבוירענער אויף בלענדעניש און סודות,
אַז עס ווערן שלייערן פון בלענדעניש געריסן,
קוועלט ער אויף מיט פרייד פון וויסן.
ער — אַליין אַלווייסער און אַלוויסן,
ער — אַליין אַלזעער און אַלזעאונג —
וואָס קען ער דערקענען, וואָס קען ער אַנטפּלעקן,
אַז אַנטפּלעקונג זאָל אַ שמחה אין אים וועקן?

ניין, נישט וויסן — ליבשאַפט, גוטס
פילט מיט שמחה אָן זיין הויז.
האָט מיט ליבשאַפט לעבן פונם נישט אַרויסגעשיילט,
האָט מיט ליבשאַפט די יצירה אָנגעטיילט,
בענקט ער צום געשאַף זיינעם,
און אַז לעבן גייט צוריק מיט ליבשאַפט אויף
און דערשלאָגט צו אים,
זעט ער דעם באַניי פון זיינע מעשים,
פרייט ער זיך מיט זיינע מעשים.

ווי־זשע קאָן זיך אָן זיין שאַפער אָנקניפּן דער מענטש?
דורך דערקענטעניש אין ליבשאַפט.
וואָס איז העכסטער תכלית פון דעם מענטש?
גאַנץ זיין אין דער ליבשאַפט.

ער — דער געבער, דו — דער נעמער.
האָסטו צוויי מאָל פרייד:
מיט דער גאָב און דער דערקענונג פונם געבער.
און די גאָב איז ליבשאַפט,
און די ליבשאַפט איז צום גוטס אָן ענד,
און אין געבער ווערט די אייביקייט דערקענט —
וואָס קען גאַנצער נאָך די שלימות דיר דערגאַנצן
ווי דער ליבשאַפט זיך אָוועקגעבן אינגאַנצן?
וואָסער אַנדער תּכלית איז דעם מענטשן אָנגעצייכנט
ווי די פריידיקע פולקאָמענקייט דערגרייכן?
וואָס קען פולער אָנפילן מיט פרייד
ווי דאָס וויסן, אַז מע גייט,
מע גייט, מע גייט צו אַזאַ תּכלית?

◈

דעם צדיק איז שלעכט און דעם רשע איז גוט — פאַרוואָס?
דער נישטיקער רייט אויף קאַרק פון מושלם — פאַרוואָס?

עס קומט נישט פון אויבן קיין בייז. דאָס בייז איז אין דראַנג
פון חיה׳שן זוימען, וואָס נחש, דער שלאַנג,

האָט אין חוה׳ן פאַרפלאַנצט ביי דער ערשטער זינד,
און ס׳טוט די השגחה ניט שטראָפן פאַר זינד,

נאָר קערט אָפּ דאָס פּנים און לאָזט דעם זינדער אויף הפקר
פון צייט און מענטש און צופאַל, וואָס טרעפט אים.

און מעגסטו, דער איינער, ווי שניי פון הימל זיין ריין,
וועט דיך די השגחה נישט אויסטיילן פון דיין געביין.

ביסט מענטש, און אין שוואַכקייט און ראַנגל
פון מין ביסטו איינער פון אַלע, אַ זאַנג צווישן זאַנגען.

דו לעבסט אין אַ דור, און ברעכט זיך דער דור אין ליידן,
וועט אַלעמענס בראָך אויך דיך נישט פאַרמיידן.

ביסט זון פון אַ פאָלק, און האָבן די אָבות געבראַכט
אַ גלות אויף זיך, וועסטו גיין אויף נגישות און שמד.

צי הפקר פון אויבן, צי רשעות פון ווערגער און שענדער —
פאַר דיר, דעם איינציקן, וועט דער סדר נישט ווערן געענדערט.

נאָר איינס ווי דו ביסט נישט מיט מין, מיט צייט, מיט כּלל —
אין דיר אַליין קוועלט פון דערפילונג און פריידן אַ קוואַל.

וואָס גוט איז און שלעכט ווערט געוואויגן אויף שאָלן פון וואונטש.
די שטראָף איז — פאַרשמאַכונג, דער שכר — דערפילונג פון וואונטש.

און קענסטו די חומר'שע גלוסטן פאַרטרינקען אין גלוסטונג
צום פולן באַהעפט מיטן לויטערן אומבאַוואוסטן,

און קענסטו באַנעמען אין לייד אַ נסיון וואָס לערנט
דערהייבן די וואונטשן צום לויטערן, אייביקן קערן —

וועט פיין ווערן פיין פון ליבשאַפט, דאָס בייזע
אַ שטאַפּל צו גוטס און די שטראָף אַ טיר צו דערלייזונג.

דו גייסט דורך נסיונות — מיט יעדן וואָס בייגעקומען,
אַלץ העכער אַ שטיג אויפן לייטער פון שלימות פאַרנומען,

אַלץ נענטער געקומען צום אויג פון השגחה. און ס'גאַרט
דאָס אויג דיין דערנענונג דורך אָפּקומעניש און געפאַר,

ווייל מיט פּראָבעס — זאָגט גאָט — טו איך אייך פּרובירן
צו וויסן ווי הויך אייער ליבשאַפט צו מיר וועט אייך פירן . . .

◈

דעם צווייטן שבת פאַרן בענטשן האָט ר' מרדכי
אַ פרעג געטאָן: — ווי גייט אייך די מלחמה מיטן רמב"ם?
— איר זענט דאָך פונם צווייטן צד — האָט נח אָפּגעשמייכלט.
— איז וואָס? — וועט איר מיט מיר נישט מיטפילן.
— פונדעסטוועגן . . . — איר קענט נישט מיטפילן.
ס'איז אייער גאַנג אַזאַ — דעם רמב"ם'ס גאַנג. און מיינער מוז
מיט ר' חסדאי'ן זיין. — פאַרוואָס אַזוי? . . . דער טיש
האָט אָנגעשטעלט די אויגן, אָבער היינטיקס מאָל האָט נח
זיי נישט געזען. אָן אָנגעלאָדענער מיט פרישער תורה
האָט ער די פּעק זיינע צעעפנט און גערעדט. אַוועק אַ ווייל
האָט שוין ר' מרדכי'ן נישט געאַרט מער דער מהלך
וואָס צווישן אים און אורח זיינעם: ס'האָט געהעלט
פון גאַנג אַליין און דער התלהבות פונם גייער.
עזריאל אָבער, אַ פאַרשעמטער, האָט נישט אויסגעהאַלטן:
— האָט איר דעם ספר שוין דערלערנט ביזן סוף? — נאָך ווייט.
— איז ווילט איר ווייטער גיין צוזאַמען? — נח האָט פאַרשטיקט
דעם שמייכל פון נישט גלויבן: — אַז איר ווילט, אַוודאי.

## .10

עס איז צייט שוין כ'לעבן פאַרן יונגן רבי'ן
נישט צו וואַרטן לענגער און משפחה ברענגען.
דאַרף מען דאָך אַ קנעלונג אַ ריכטיקע באַשטעלן
און אַ שטיקל דירה דאָס ווייב אַריינצופירן
און אַ פּאָר חפצים אויך.

לאָזט דער נגיד לאָדן אַ מבין באַלעבאַטים
אויף קיכעלעך מיט מאָן. זיצט נח אויבן אָן,
און ס'זאָגט דער קליינער בחור די פּרשה פון דער וואָך
צו וויזן, דאַנקען גאָט, די פּעולה וואָס ער האָט
ביי אָט דעם בריה נח.

גביר און אַפּיקורס דאַרפן נייע תורה'ס,
אָבער פּראָסטע לייט זיינען נישט פאַרשייט.
האָבן זיך קוים זיבן בעלנים אָנגעקליבן:
דריי אמת'ע נגידים, דריי כלומר'שטע נגידים
און אַ פעלדשער אַן אָרעמאַן.

שוין דאָ אויף ברויט און גריץ, דאַרף מען אַ דירה איצט.
איז דאָס פּאָר באַלעבאַסטעס אַ מצוה אָנגעמאָסטן.
גייען צוויי צוזאַמען אויפזוכן אַ קאַמער,
איינע שענקט אַ בעט און ס'קויפט אַ לאָקשנברעט
די פרוי פון אָרעמאַן.

ברענגט דאָס ווייב פון שטעטל דעם גאונ'ס אַ פּאָרטרעט,
פּערינעס און קישנס און שצירקעס טעפּ צו ווישן,
נאָר אַז מע דאַרף צום עסן אַ טיש און לעפל-מעסער,
אַ טעפּל און אַ פענדל און אַ וואַסער-קענדל
איז נישט איינגעפאַלן קיינעם.

איז ווייניקער דריי כלים, אַבי מע קען זיך טיילן
אין ליבשאַפט מיטן ביסן שמעקט אויך אַ שוואַרצע שיסל.
אַביסל גאָט און לייט, אַביסל אָרעמקייט,
נאָר אייגן ברויט און צער — אַ דאַנק און לויב דערפאַר —
אַבי מען איז אינאיינעם.

## .11

אַזוי ווי אַ ליידיקע שיף אַן מאַטראָזן
אַליין איבער ווייטע ים'ען,

אַזוי אין דער פרעמדער איז וויסט און פאַרלאָזן
אַ טאָכטער אָן אַ מאַמען.

די גאַס אין דער היים איז זאַמד און בלאָטע,
די שטיבער געוויסט מיט קאַלך,
נאָר ס'היט דיך אָפּ פון צער און גריזאָטע
אַ מאַמע, אַ גוטער מלאך.

אין פרעמדער שטאָט זיינען גאַסן ברוקירטע
און מויערן — רויטע ציגל,
און ס'קומען צוגיין גוטהאַרציקע גביר'טעס
דיר שענקען אַ בעט און אַ וויגל,

נאָר ס'האָוקען ווי בייזע כּלבים די שטיינער,
די מויערן — רויטע יונים.
וואו נעמט מען אַ חבר'טע אָדער אַ שכנה
זאָל וויזן דיר אַ גוט פּנים ?

די שטוב איז גרויס ווי אַ שפּילקע־קעפּל,
די בעט און דער חדר אינאיינעם.
צי לויפן פריער אַ קוק טאָן צום טעפּל,
צי זען, אַז דאָס קינד זאָל נישט וויינען ?

דער מאַן — אַ גאַנצן טאָג מיטן חדר.
און האַלבע נעכט איבער ספרים,
נישטאָ צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן
אויסער צום קינד אויפן אָרעם.

אַ יידענעס מה באַנעמט נישט קיין תורה.
דאָס האַרץ אַ וויטיק באַנעמט דאָך.
איז דאַרף דאָך אַ האַרץ אויך האָבן אַן אויער
פאַר אָרעמע ווערטער פאַרקלעמטע.

## .12

— וואָס רעדסטו נישט צו מיר ? —
די יינגלעך שלאָפן. זי אַליין
איז וואָך אין בעט מיט אים :
— וואָס האָסטו מיך אַהערגעבראַכט אויף עלנט ?

איר קאָפּ זיין באָרד שפּאַרט איין אין קין.
זי איז אין אים.
דער שויס וואָס האָט ביי אים גענומען

און אים געבוירן קינדער,
דער בויך וואָס האָט זיי אויסגעטראָגן,
די בריסט וואָס זויגן זיי,
די הענט וואָס האַלטן זיי.
זי איז אַריין אין אים, און גאָר די ווייבשאַפט
און מאַמעשאַפט, הכנעה׳דיק און פרום,
איז אין פאַרשטיקטן קול אַריין.

האָט אויפגעריסנקייט פון אויגן
ביי אים אַרויסגעשוויגן: וואָס זאָל איך דיר זאָגן?
נאָר אָרעם אויף איר אַקסל
און ליפן האָבן אויסגעשעפטשעט: טייבעלע.

האָט זי צעכליפעט זיך — מיט קורצן, אָפּגעהאַקטן כליפען.
און ער, נישט ווינסדיק ווער ס׳רעדט פון אים,
האָט זי געטרייסט:
— כ׳וועל ברענגען אַן עין יעקב. אַז מ׳עט פרייטיק אָוונט
די קינדער לייגן שלאָפן, וועל איך דיר פאַרטייטשן.

איצט איז דאָס כליפען — פרייער, אָטעמדיקער,
צעקוואָלן אין אַ שמייכל, אין אַ פריידיקייט,
און ווי דאָס צו באַהאַלטן איז זי נעענטער
אַריין אין אים. זיין אָרעם האָט זי אויפגענומען.
דער צער, דער צודעק אויפן לייב, האָט ווי געוועב
צעטעפּעט זיך, צעפּעדעמט זיך,
און בריסט זיינען געוואָרן בריסט
און שויס אַ שויס.

## 13.

באַלעבאַטישע זין טראָגן נייע גאַרניטערלעך,
דינסטן ברענגען זיי פּעקלעך מיט זעטיקע אָנבייסנס
און מע וואַרפט זיך אַרום מיט גאָט׳ס גאָב.

און די אייגענע זין טראָגן אַלטע קאַפּאָטקעלעך,
ס׳טיילט די מאַמע זיי פּעניצער ברויט אויף אָנבייסן,
און די קרישקעלעך קלייבט מען אין פויסט.

וויל מיט יאַנקלען נישט זיצן אַ מאַמעס מוזיניקל,
און אַז שמעון פּלייסט עמעצן איבער, באַצאָלט מען אים
מיט סטיסאַקעס און קנייפּעלעך אונטערן טיש.

פסק'נט נח: — מיר וועלן די קינדער צע'פטר'ן
מיט דער ביטערער קנאה, בזיון און מאַטערניש.
כ'נעם זיי מאָרגן אין תלמוד־תורה אַוועק.

יאָמערט דוואָשע: — מיט אַלעמענס קינדער לערנסטו
און דו רייסט זיך מיט יעדן שלים־מזל די לונגען אָפּ,
און מיט אייגענע קינדער קענסטו שוין נישט.

ברעכט ער אויס אין געשריי: — זייערס גלייכן באַדאַרפן זיי.
וועט זיך קיינער נישט איבערנעמען אַנטקעגן זיי.
גלייך מיט אַנדערע וועלן זיי זיין.

ווערן איינמאָל די ייִנגלעך פון שטוב אַוועקגעפּירט,
און די מאַמע דערנאָך הערט דעם חדר לערנען
און זי וויינט נאָכן קול פון אירע זין.

.14

נישט צו יענע וואָס וואַקסן אין רחבות און גדולה
איז געקומען דער נביא.
ס'וועלן אפשר צו זיי פאַרבלאָנדזשען גלגולים
פון פאַרפייניקטע אבות,
און אַ קדיש'ל, ציטעריק געכאָוועט,
וועט דערהערן מזמורים פון קדושים אין קעלערס.
נאָר די מחנה פון זיי,
די וואָס עסן געבראָטנס פון פאַרצעלייענע טעלער
און שלאָפן אויף פערינעס ווייכע
און ציכן ווי שניי —
צו זיי וועט דער קלאַנג נישט דערגרייכן.

און אַרונטער געזונקענע קעלער־שטיגן,
וואו די קדושה פון אָרעמקייט ווערטער זוכט
פאַר איר שטומען, דערשלאָגענעם ניגון,
שלאָפן קינדער אויף שטרויענע זעק,
און זיי וואָלטן די דורשטיקע העלדזער געשטרעקט
צו די ווערטער פון צאָרן און פלוך,
צו דעם אָנזאָג און צוזאָג, דעם רוף און געוועק.
זיי שפירן דאָך רופן, נשמה־צינדער,
אין פינקל פון שטערן, אין שיין פון פאַרגרינטע שויבן —
פאַרוואָס נישט די אויגן פון דלות־קינדער
צו דער זעאונג פון נביא הויבן?

מע וועט דיך נישט לאָזן. מיט פויסטן און שטעקנס
וועלן טאַטעס זיך שטעלן אַנטקעגן.
ווייל אַזוי האָבן דורות דעם סדר פאַרזיגלט:
פאַרן וואוילטיק — פענצטער אין אַלע פיר זייטן,
פאַרן דלות — דאָס ליימענע קריגל
מיט די נסים פון ווייטע פאַרצייטן,
און אַ מורא אין דרויסן אַ בליק צו פאַרוואַרפן.
סיידן בליץ זאָל די הימלען צע׳שרפ׳ען,
סיידן בראַנד זאָל אַ כאַפּ טאָן די קעלער־שטיגן
און מע זאָל ווי געבונדענע פי אין פלאַמען
צעברעכן די טויזנטיאָריקע צאַמען.

## .15

ניקשט גרינג איז חיים סעגאַלן מיט זיין עשירות אָנגעקומען
צו ווערן ראש הקהל: עס האָט געקאָסט אי יאָרן מי,
אי שווערע קלינגערס. האָט דערפאַר געבריט אויף יעדן,
וואָס איז נישט מקפיד אויף זיין כבוד, און פון אַלע
האָט אין די ביינער איינגעגעסן זיך ר׳ מרדכי. זיך געקלעפּט
צו באַלעבאַטים קלענערע און אים ווי מיט אַ כיון אויסגעמיטן.
נאָר צוקומען צום קעגנער האָט ר׳ חיים נישט געקענט:
דער אָקסנהענדלער האָט געפירט געשעפט מיט מיליטער,
געוויטעוועט זיך מיט פּאַלקאָווניקעס — און וואָס קען ער אים טאָן?
ער וואָלט זיך איבערטראָגן אין דער גרויסער שול, ווי ס׳פּאַסט
דעם ראש הקהל, נאָר איבערלאָזן דאָ די כנופיא,
זי זאָל הינטער די פּלייצעס חוזק׳ן פון אים — אויף דעם
האָט נישט געקלעקט קיין מוט. האָט ער געטשאַטעוועט,
און אַז ר׳ מרדכי האָט זיך אויסגעזוכט דאָס ניי מלמד׳ל,
דעם אפיקורס, האָט ער אויך אויף אים געהאַט אַן אויג.

חוץ הייזער, האָט דער ראש הקהל געהאַט אַ ביר־ברויז,
און ליפּע וויינשענקער, וואָס האָט באַזאָרגט דעם אָפיצערן־קלוב,
האָט אימפּאָרטירט זיין ביר פון פויזן. איז ווען ליפּע
האָט אַרום פּסח־צייט דער טאָכטער׳ס חתן אָפּגעאַכט,
האָט חיים סעגאַל ביי אים אויסגעדונגען מפטיר.
דער עולם אין בית־מדרש האָט געזאָטן. נאָכן דאַווענען
האָט אים ר׳ מרדכי אָפּגעשטעלט: — איר האָט זיך איינגעקויפט
אַ שיינעם מפטיר: והסירותי את לב האבן מבשרכם
ונתתי לכם לב בשר . . . ס׳קרייזל באַלעבאַטים האָט די צווויי
אַרומגערינגלט און ר׳ מרדכי האָט נישט אויפגעהערט

צו לויבן די הפטורה: — שיינע פסוקים אַלץ: — וזכרתם
את דרכיכם הרעים . . . בושו והכלמו מדרכיכם . . .
די באַלעבאַטים האָבן אַנגעקוואָלן, און ר׳ חיים
האָט אַ צעצוויקטער זיך אַרויסגעריסן פון דער פּאַסטקע.

גאַנץ שפּעט אין אָוונט האָט ביי נח׳ן די טיר געעפנט
מנשה ברעזער, דער בוכהאַלטער ביי ר׳ חיים סעגאַל,
מיט אַ דערשלאָגענעם „גוטן אָוונט״. — ס׳איז נישט גוט.
כ׳וועל מוזן צונעמען די קינדער. — כ׳האָב געמיינט.
איר זענט צופרידן. — גאָר צופרידן . . . נאָר אַ גזירה . . .
דער באַלעבאָס . . . אַז נישט — געזעגן זיך מיט דער פרנסה . . .
— וואָס האָב איך אים געטאָן ? . . . — איר גאָרנישט.
דאָס האָט ר׳ מרדכי אים אין קאַפּעלוש געשאָסן.
— איז וואָס ? — נגידים רייסן זיך, קבצנים קריגן קלעפּ.
טאָ זייט מיר מוחל. — וואָס זאָל איך אייך מוחל זיין ?
ער האָט באַצאָלט וואָס ס׳קומט פון אים ביזן סוף זמן
און זיך געזעגנט: — פּרוּוווט עפּעס . . . ער האָט אַ שווערע האַנט.

בויג איין דעם קאָפּ, הייסט עס, און לאָז דיך אָפּשווענקען
פון רשעות . . . אָבער דאָ וועסטו נישט אָפּקומען מיט איינמאָל.
ס׳וועט רשעות טרייבן כוואַליע נאָך אַ כוואַליע . . דוואָשע מיינט:
ר׳ מרדכי איז דער גורם, דאַרף ער וויסן.
נאָר נח טראַכט: ער האָט גענוג פון זיין בעל־טובה
גענומען גוטס, איצט מעג ער נעמען שלעכטס אַביסל.
אויב גיין מיט טענות, וועט ער גיין צום תקיף גופא.

דאָס הויז, ווי ביי ר׳ מרדכי׳ן, האָט אַ פראָנט און קיך־טיר.
דאָרט גייט ער דורכן פראָנט, דאָ עפנט ער די קיך־טיר.
(ווען ס׳יאָגט די כוואַליע רשעות, בויג דעם קאָפּ אַרונטער).
עס זעצט אין נאָז צעדעמפּטער פרייטיק — קופּער־פּאַנען,
טשוהון־טעפּ, בלעכן מיט געבעקס. דערוואָרט זיך, גייט ער.
איצט זעט ער אים, דעם ראש הקהל. די באָרד, משמעות,
וויל וואַקסן ביז די אויגן, שטייט עס אים נישט אָן, גייט דורך
אַ שערעלע איבערן פּנים און די פולע באַקן זיינען שוואַרץ
פון שטעכיקן געוויקס. אַריבער זיי די ברעמען שוואַרצער נאָך,
און פון די טונקעלע טאָלן פלעמלדיקע בליקן — איז צעמישט
פון אומגעריכטן גאַסט און קווענלט: מע לאָזט זיך בעטן . . .
נאָר פרעגן פרעגט ער ווי ער וואָלט דעם מענטש געזען
צום ערשטן מאָל: — ווער זענט איר ? נח זעט דעם נחת
אין פול־געפּאַקטן גוף. — דאָס בין איך דער מלמד,
וואָס ר׳ מנשה, דער ממונה אייערער, האָט ביי מיר צוגענומען

די קינדער. — אַודאי, איך האָב אים געהייסן — קוקן אָפּן
די שוואַרצע אויגן. — קום איך טאַקע בעטן: קלערט מיר אויף,
וואָס פאַר אַ שלעכטס, חלילה, האָב איך אייך געטאָן
אַז איר זאָלט וועלן אָפּשלאָגן דאָס ברויט ביי מיר?
די חוצפה׳דיקע טענה גרייכט נישט מיט אַמאָל דעם מח.
נאָר אָט באַנומען און צעשריען זיך: — געהערט אַן עזות?
נאָך מיר האָט ער געדאַרפט טאָן שלעכטס . . . ווער זענט איר,
איר זאָלט מיר קענען שלעכטס טאָן? — איך בין קיינער נישט.
דעריבער פרעג איך: וואָס האָט איר, דער ראש־הקהל,
אַ גביר, אַן אדיר, אויסצוזוכן עמעצן אַ קיינעם נישט
און וועלן לאָזן אים אָן ברויט? — וואָס ברויטעוועט ער, וואָס?
גענוג משפחות עסן ברויט ביי מיר. נאָר ווער עס עסט
מיין ברויט, וועט זיינס אַ קינד ניט שיקן צו אַן אַפּיקורס.
— אויף דעם איז דאָ אַ רב. דער רב האָט שוין גע׳פּסק׳נט
צי איך מעג לערנען קינדער. — מנשה האָט חיונה נישט פון רב.
ער דינט ביי מיר. זאָל מרדכי אָקסנהענדלער הייסן זיינע לייט
די קינדער צו אייך שיקן. — נח טוט אַ שלונג דעם אָטעם:
— איר ווייסט דאָך וואויל, ר׳ חיים, אַז אויף מיר אַליין
וואָלט איר זיך גאָרנישט אומגעקוקט. דאָס שלאָגט איר מיך,
אַז ווי טאָן זאָל אַן אַנדערן. וועט עס נישט זיין! ר׳ מרדכי
וועט גאָרנישט הערן וועגן דעם. דאָס בין איך אייך מבטיח.
צערייבט, אויב איר וועט קענען ענטפערן דעם בית־דין אויבן
מיט וואָס איך האָב פאַר אייך געזינדיקט . . . ווי אַ קעסל זודיק
שפּרינגט אויף דער תקיף, קלאַפּט אין טיש: — איך האָב מיט וואָס
צו קומען פאַרן בית־דין. ווער האַלט אויס די תלמוד־תורה?
ווער ברעכט דעם מח וועגן הקדש? וועגן ביקור חולים?
ווער טיילט קבצנים מעות־חטים? איך בין נישט קיין משכיל,
איך שיק נישט מיינע זין אין גימנאַזיעס, אָבער איבער הונדערט יאָר
ווער איך אַהין אַ נאַקעטער נישט קומען. — איז אַודאי גוט.
איז מעגט איר דאָך אַן אומשולדיקן מענטש דערשטיקן.
די מעשים טובים אייערע וועלן אייך שוין ביישטיין. —
אַ זאָג געטאָן, זיך אויסגעדרייט און דורך דער קיך אַרויס.

איצט נאָך אַביסעלע דעם קאָפּ אַרונטערבייגן — פּועל׳ן
ביי עמעצן אַ חשוב צו פאַרוואָרפן אַ גוט וואָרט — וועט אפשר
די כוואַליע זיין געזעטיקט. זאָל ער נאָר דערזען,
אַז זיינע פיילן טרעפן נישט אין ציל — ר׳ מרדכי וויס נישט.
און מאָרגן אָוונט זיך געלאָזט צו ר׳ יחיאל׳ן. אַן אייל אַרום
דעם לערנער׳ס שטענדער האָט דער עולם אַ מחיצה אויפגעשטעלט
פון ליידיקייט. שפּאַנט נח איבער אין פאַרבאָטענעם רשות

און לאָזט אין פּוסטן חלל פאַלן אַ „גוטן אָוונט". ר' יחיאל
רייסט אויף די אויגן און דערקענט אים: — איר טאַקע?
געקומען? טוט עס מיר הנאה . . . און איך קלער אַלץ:
וואָס איז דאָס מיט ר' נח'ן? מסתמא זאָרג, פּרנסה, האַ?
און די מסכתא פּסחים וואַרט . . . געלאָזט אים אויסריידן,
און ווי אַרויסצופירן פונם טעות הייבט ער מיטן נאָמען אָן:
— ר' יחיאל! בין נישט געקומען לערנען איצט. איך וויל פון אייך
אַ טובה . . . — איך? . . . וואָס פאַר אַ טובה קען איך טאָן? —
דעקט צו די בלאַט מיט אַ פאַטשיילקע, מאַכט די אויגן צו און הערט:
— אַן עוולה! — און אַ מרוקע צו: — איר האָט געדאַרפט אים זאָגן,
פּשט פּשוט זאָגן אים — אַן עוולה! . . . און צעצינדט זיך:
— דער רב איז מתיר, קומט ער גאָר און אסר'ט. חלול תורה! . . .
פירט נח ווייטער זיינס: — ר' חיים דאַוונט יום טוב
אין שול און גייט דערנאָך צום רב גוט יום טוב ביטן.
ווען ס'וואָלט דער רב אים דרך אגב אויפן היתר אָנגעדייט . . .
— אַ שכל . . . אפשר . . . — וועגן דעם טאַקע בין איך געקומען.
איר זאָלט דעם רב דערציילן . . . — איך! ? . . . פון שרעק
די אויגן רייסט ער אויף אויף נח'ן: — ווי קומט צו אייך
אַזאַ מחשבה? איך זאָל גיין בכיון ריידן אויף אַ יידן בייז! . . .
— עס איז דאָך אמת . . . — כ'לייקן נישט, חלילה. אָבער איך! —
אין גאַס דערנאָך באַנעמט עס נח. פאַר ר' יחיאל'ן
איז אויך דעם תקיפ'ס רשעות בלויז אַ שאלה־תשובה,
און כאָטש ער הערט און קאָכט זיך, זעט ער עס פונדעסטוועגן
אין טאָוולען פון אַ ספר און ס'איז תורה. אָבער לאָזן זיך
אַריינצינען אין ראַנגל מיט דער רשעות — מיינט אַרויס פון ספר
אין וואָכעדיקער בייזער וואָר — דאָ וועט ער זיך פאַרפאַנצערן,
נישט לאָזן . . . דאָס באַנעמט ערשט נח שפּעטער. בלייבט ער
אַן אָפּגעשמיסענער: — אַ גוטע נאַכט! — און לאָזט זיך גיין.
ר' יחיאל גייט אים נאָך און הענגט זיך אויף זיין אַרבל:
— איר דאַרפט אַליין גיין . . . איר וועט פועל'ן ביים רב . . .
און וועגן דער מסכתא קומט אַריין טאַקע . . . פאַרגעסט נישט . . .

ווי קען ער גיין צום רב? האָט ער צו אים אַריינגעשמעקט
דאָס גאַנצע יאָר? פאַרגעסן אים. געוואָלט פאַרגעסן.
אַ קלונג געטאָן אין בית־דין־שטוב מיט אַ מטבע, וואָס איז עכט
פאַר אים בלויז, אָבער פאַלש פאַר יענע, און זיך איינגעקויפט
דעם זכות אויף זייער מאַרק צו האַנדלען. און אַ גאַנצן יאָר
מיט זיך, ביי ליכט און לעמפּל אין זיין חדר, זיי גענאַרט.
אויך איצט פּרובירט זיך ר' יחיאל'ן גענאַרן אויפן חשבון
פון יענעם פאַלשן קלונג. האָט די פאַרגעסענע מסכתא

אַרויסגעגעבן. זאָל ער מער דעם שטערן אָנשמידן מיט חוצפּה
און גיין צום רב אַליין נאָך שוץ פאַרן געפּעלשטן דרייער?

נאָר ס'איז צום רב דערגאַנגען. דוואָשען האָט דאָס האַרץ געזאָגט,
אַז ער וועט מיטן תקיף קנאַפּ וואָס אויספירן. און אויב
זי טאָר צום גביר נישט גיין, איז צו דער גביר'טע מעג זי.
ר' מרדכי האָט פאַרבויגן זיין הנהגה נישט צו מישן זיך
מיט די כלי־קדש און אַוועק. דער רב האָט זיך געברעקלט,
געזוכט תירוצים פאַרן ראש הקהל. נאָר ס'האָט זיך נישט געלאָזט:
— שטאָט ווייסט — דער יונגערמאַן האָט אייער הסכם. ווילט איר,
אַז אייער וואָרט זאָל ווערן הפקר? — ר' יהושע לייב, אָן ברירה,
האָט צוגעזאָגט אַריינקוקן אין ענין. נאָר ס'האָט קוים דער גביר
אַ פוס אַרויסגעשטעלט ווי ס'איז דער שמש שוין געווען
אין בית־דין־שטוב: — די רבי'צן וויל מיט אייך ריידן.
אָן איינגעשטייפּטע אין די פאַלדן פון איר פּנים, יאַקע
און ברייטן קלייד, האָט זי אַ פרעג געטאָן: — וואָס האָט געוואָלט
דער אָקסנהענדלער? אויסגעהערט און מיט אַ אירצעניש געזאָגט:
— ר' יהושע לייב, איר האָט נאָך נישט פאַרגעסן קאָוונע.
איר זאָלט אויך וויסן, אַז דעם אָקסנהענדלערס טאָכטער
גייט מיט די אייגענע האָר און ביי דעם זון אין וואַרשע האַלט מען
אַ גוי'שע דינסט. וואָס עפּעס רייסט ער זיך דעם פּעלץ
גראָד פאַר אָט דעם און נישט פאַר אַנדערע מלמדים? . . .
אַז איר וועט דאָס מאָל זיך מיט קהל נישט איינרייסן,
וועט אייער כבוד חס ושלום נישט געמינערט ווערן. — אָפּגעזאָגט
און זיך אַרויסגעטראָגן מיט די פאַלדן. אין אַ שעה אַרום
האָט ר' יהושע לייב געשיקט דעם שמש צו ר' מרדכי'ן זאָגן,
אַז ער האָט נאָכגעקוקט די זאַך און האָט אַן אַנדער דעה.

ר' מרדכי האָט מיט זיך געקנעלט: ס'איז נישט מיין כבוד,
מע דאַרף דאָ האַנדלען קיל, באַרעכנט . . . אָבער צו קבלת שבת,
ווען ס'האָט דער תקיף מיטן גאַרטל אויפן בויך זיך ברייט
צעשאָקלט, איז דער חשבון אויסגערונען און קפּדנ'יש בלוט
האָט זיך צעפּויקט אין שלייפן. יענער האָט אים נאָכגעשפּירט,
געזען דאָס אָפּגעקערטע פּנים און פון חשד האָט זיך געשטייפט
אַ זיכערקייט: דער רויטער האָט גע'מסר'ט! אָפּגעדאַוונט,
און ס'וואַרט ר' חיים: וועט דער אָקסנהענדלער צוקומען
„גוט שבת" זאָגן אָדער ניין. ער קלייבט זיך נישט.
פאַרצאַמט ער אים אַליין דעם וועג: — דער רויטער אייערער,
ס'מלמד'ל, איז נישט אַן אפּיקורס נאָר, ער איז אַ רמאי אויך.
ר' מרדכי, מיט אַ קול פון האַלז אַרויס, זאָגט כלומר'שט רויק:

— ווען איר זאָלט גיין צו אים אין חדר אַ פּאָר זמנים,
וואָלט איר געוואוסט כאָטש וואו אַ פּסוק שטייט. איצט ווייסט איר
וואָס ס׳רעדט אייך אָן דער שטן. — זיך אָפּגעקערט און קנעפּלענדיק
דעם ראָק אָוועקגעשפּאַנט. די ווערטער האָבן זיך צעקייקלט
פון מזרח־וואַנט ביז צו דער טיר, צונויפגענומען קלייזלעך,
מ׳האָט זיך געשטופּט צו נח׳ן: — וואָס מיינט עס?
און מיט אַ „כ׳ווייס נישט״ האָט ער בלינד אַ שלעפּ געטאָן
די יינגלעך און געלאָפן. דוואָשען האָבן זיך די קני
צעטרייסלט פון זיין אַנבליק, איז זי צוגעפאַלן: זאָג דעם אמת!
און ביי דעם וואָרט אַ „רמאי״ זיך באַגאָסן מיט אַ קאַלכיקייט
ביז שפּיצן נעגל. אויסגעהערט דעם קידוש, אויסגעלייגט
די פיש פון פענדל אויף אַ טעלער, זיך געשטאַרקט, געשטעלט
אַ טראָט און זיך אַראָפּגעזעצט . . . ערשט אַ דערמינטערטע פון פאַל
האָט זי אין בעט צעכליפּעט זיך אָן ווערטער. נח האָט געלאָזט
די יינגלעך אויפקלייבן פון דיל די שטיקלעך פיש און שערבלעך,
נאָר זי, אַ כליפּענדיקע, האָט געמאָנט פון אים: גייט עסן! . . .
מ׳האָט אָפּגעגעסן . . . ווען די יינגלעך זיינען שוין געשלאָפן
אין זייער שלאָפבאַנק, האָט זיך נח צוגעזעצט צו איר:
— מע דאַרף דאָס וויגל איבערבעטן פאַרן קינד.
זי האָט דעם קאָפּ אַ קער געטאָן און זיך צע׳תחינה׳ט:
— אַלץ צוליב מיר, צוליב נישט פאָלגן דיר, צוליב מיין צונג
דער ווייבערשער . . . אַ רגע האָט דער כעס אַ יאָג געטאָן דעם אָטעם,
נאָר מיט אַ רגע שפּעטער האָט ער שוין גערעדט:
— ביסט גאָרנישט שולדיק, נאַרעלע! פאַראַנען מענטשן,
וואָס מיטן האַרצן טראַכטן איינס און מיט די ליפּן ריידן אַנדערש.
איך טויג זיך נישט צו דעם. אַפילו אַז איך וויל שוין
אויף פשרות גיין, קומט אַלץ אַרויס קאַפּויער. זעסט דאָך:
געוואָלט פּרובירן הינטערוועגן, האָט עס דיך געשטויסן
צום גלייכן וועג. און גוט אַזוי. עס דאַרף אַזוי צו זיין . . .

## .16

ווען איך בין אַזוי זיכער ווי ר׳ חנינא בן דוסא,
אַז עס קומט מיר אַ גאָלדענער טיש אין גן־עדן
און מע וועט מיר — אָן אויפגאַב — אַ פוס פון אים שיקן, —
וואָלט איך גערן געוואָרן דער חוזק פון אַלע צדיקים
מיט אַ טיש וואָס וועט מוזן עד סוף כל הדורות הינקען,
אַבי איר זאָלט זיך קענען דאָ שוכן און קליידן
און האָבן צו עסן און טרינקען.

נאָר'איך ווייס נישט צי ס'קומט מיר פון עמעצן עפּעס —
צי פון מענטשן אויף דער וועלט, צי פון הימל אויף יענער —
און אויב דאָס איז אַ מיטל דיין כבוד צו היטן,
וועסטו מוזן שייטלעך ברענגען
אויף אַ ליידיקער פּליטע,
אַז די שכנה, וואָס זעט פון דיין קוימען דעם רויך,
זאָל מיינען — עס קאָכט זיך ביי דיר עפּעס אויך.

ווען איך האָב די אמונה פון ווילנער גאון,
אַז די רגע וואָס איך בין פון תורה מבטל
גייען וועלטן לאבוד,
וואָלט איך אויך דיך אין פרעמדע שטיבער
מיט די קינדער געשיקט, אַז אין זכות פון טאַטן
זאָל מען רופן זיי זיצן ביי טישן, ביי זאַטע.

נאָר מיין שם וועט ביי קיינעם נישט וועקן רחמנות
צו די קינדער מיינע, וואָס ווילן עסן,
און עס שטייט פאַר דער וועלט נישט קיין סכנה,
איך זאָל יאָרן אַפילו די תורה פאַרגעסן —
קען איך גלייך מיט דיר זיצן און ברעכן דעם קאָפּ
וועגן ביסל קאַרטאָפל און באָב.

## 17.

אין איינעם פון די ניין טעג האָט מען צוגענומען ביי דוואָשען
דעם ערשטן מת, אַ טאָכטער פון קנאָפּע צוויי יאָר.
געקומען פון גוטן אָרט, דערזען דאָס ליידיקע וויגל
צוקאָפּנס פון בעט און זיך אַ וואָרף געטאָן אין די קישנס.
האָט נח די שטריק אָפּגעקייטלט פון באַלקן, אַרויסגעטראָגן
דאָס וויגל אין דרויסן, אַריינגעקומען, זיך צוגעזעצט
אין ווינקל בעט אויפן ראַנד און זיך אומגעקוקט:
אָט דאָס איז דאָס הויז וואָס ער האָט זיך געבויט.

אַ מענטש, וואָס וויל ברענגען לעבן פון זיינע לענדן,
דאַרף קענען דאָס לעבן דערהאַלטן. אַז נישט געניאַרט ער
די גאָב, דעם חלק פון זיך, וואָס דער בורא עולם
האָט צוגעטיילט אים צו קענען שאַפן פון נישט:
ער נעמט און מאַכט עס צום הפקר. און וואָס באַטרעפט
לגבי אָט דעם גענאַר דער שקר פון אויסקומען
מיט מענטשלעכער תקיפות, דאָס בייגן זיך, ליגנערן

און האַנדלען אין מאַרק מיט דעם וואָס דו האָסט נישט?
אַ ליאַדע הדיוט דערקענט דעם חילוק צווישן געגאַרן
דעם בורא'ס גאָב און אָפּנאַרן מענטשן. אַ ליאַדע חיה
וועט איינשטעלן ס'לעבן פאַר אירע קינדער. און ער —
גיט אַנדערש ווי אומשווימען אויף אַ ברעט אין אַ ים
און טרייסלען פון זיך די טראָפּעלעך שקר! . . .
אַט האָסטו געטרייסלט, דערטרייסלט . . . אַט האַלט מען
אַ משפּט אַצינד איבער דיר. ביים ליידיקן וויגל,
וואָס דו האָסט אַרויסגעוואָרפן, ביים שוועל אין דרויסן
דער בורא עולם שטייט, און ביידע, ער און דאָס וויגל,
זיי משפּט'ן דיך. קריך אַרויס צו זיי, שפּרייט זיך אויס
מיטן פּנים אויף דר'ערד און בעט מחילה
פאַר דער גאווה פון צדקות, פאַר פּוצן זיך מיטן בלענד
פון אמת, פאַר נישטיקער שלימות . . . שפּרייט זיך אויס
און זאָג צו זיך צו בייגן, צו נאַרן, צו שווינדלען
און באַשיצן דעם בורא'ס גאָב און דאָס וויגל.

ער קען נישט . . . ער'ט ליבער גיין איבער די הייזער,
זיך אַנדינגען האַלץ צו האַקן, שטיינער צו טראָגן,
נאָר זאָל קומען דער בורא אַליין און אים שענקען
דעם שיין פון דער שכינה, ער זאָל עס פאַרקויפן
אין מאַרק און זיך איינהאַנדלען ברויט דערפאַר,
וועט ער עס נישט טאָן. ער וועט אויך דעם בורא נישט פאָלגן,
ער וועט מיטן שיין פון דער שכינה נישט האַנדלען.

האָט דוואָשע דעם קאָפּ אויפגעהויבן, דערזען
צוויי טרערן אים רינען אַריין אין באָרד, און פאַרשצימעט
אַ ליפּ אין די ציין, עס זאָל נישט אַ בוכע טאָן פון איר
דער גוואַלד וואָס צעשפּאַרט איר די לונגען. דערנאָך
אַרונטערגעבויגן די פיס אונטער זיך, זיי אַראָפּגעלאָזט
אויף דר'ערד און געגאַנגען שניידן פעניצער ברויט
פאַר אירע פאַרשמאַכטע זין. אויף מאָרגן געפּאַדעט
אין היך־הער־פּלעט פאַרן שטוב, געהערט דורכן פענצטער
דאָס קול פון מאַן, פאַרגראָבן און אָפּגעהאַקט,
ווי ער לערנט מיט זיינע תלמידים, געזען זיינע אויגן,
און דריי חדשים שפּעטער פאַרגאַנגען אין טראָגן.

דערנאָך איז געקומען ווינטער. אומזיסט האָט נח
תלמידים געזוכט. חוץ די עטלעכע אַלטע, געטרייע,
האָט קיינער קיין קינדער נישט אָנפאַרטרויט. שנייען
און פרעסט, און די וואַרעמע בגדים צעריבן.

ביינאַכט וויקלט נח זיך איין אין ווייב׳ס פאַטשיילע
און גייט איבער הייפן זוכן ברעטלעך און שפענער
דעם אויוון צו הייצן פאַרפרי איידער ס׳קומען תלמידים.
אין מיטן ווינטער פאַלט ער אַוועק. מע נעמט אים
אין הקדש, און דאָרט פון אַ פעלדשער דערוויסט זיך דוואָשע:
ער ברענט אין טיפוס. גייט זי פון הקדש גלייך
צום הויכן בית־מדרש, רייסט אויף דעם ארון קודש
און מיטן קאָפּ אין די ספרים שרייט זי אַריין:
— אויב דו ווילסט מיר געבן אַ נאָמען נאָך אים,
זאָל עס אויסרינען בעסער פון בויך ביי מיר...
זי פועל׳ט. און ווען נאָכן מפּיל זיין קומט זי צוריק
אין הקדש, הערט זי, אַז ס׳איז שוין אויסער סכנה.
זי קען אים אַפילו זען. דאָס פּנים קליין און געלב,
די אויגן פאַרדעקט מיט בלאָע שייבלעך, ציט ער
די יינגלש־געוואָרענע פינגער, נעמט די שייבלעך אַוועק
און דוואָשע דערזעט זיינע אויגן, און ס׳שווימט מיט איר
דאָס בעט מיטן מאַן אין די וואָלקנס אַוועק. גייט זי
צוריק אין בית־מדרש, קוקט פון ווייבער־שטיבל אַרונטער
צום אָרון קודש און וויינט אַ געוויין פון דאַנק און בטחון.
און מער שוין נישט. אַפילו נישט דעמאָלט ווען יאַנקל,
דער בכור אירער, מיטן טעפּעלע יויך פון עוף,
וואָס די גביר׳טע האָט צוגעשיקט, פאַלט אויפן וועג
צום הקדש, צעברעכט זיך אַ פוס און דאַרף ליגן
אין ברעטלעך דערנאָך: מסתמא אַ צוזאָל צום מפּיל.

דער יינגל איז שוין אויפן פוס געשטאַנען, ווען ס׳איז
דער פאָטער אַהיימגעקומען. געווען שוין פאַר פּסח.
ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטוב און געזאָגט:
— מיר וועלן ווי נישט איז לעבן. נאָר איך
וועל מער קיין מלמד נישט זיין. — האָט זי געענטפערט:
— אַז איך האָב דיך אויסגעבעטן, זיי וואָס דו ווילסט.

## .18

האָסט אַ יום־טוב צוגעגרייט פון מענטשנ׳ס גאָב,
גייט דיר נאָך אין יעדן ביס דער טעם פון מרור,
קאָכט זיך לייטישער רחמנות אין דיין טאָפּ,
און דער ווין איז רויט מיט שאַנד פון שנאָרן.

האָסט געזען בלויז מענטשן, און געזען — מע קוקט
ווי דו שלעפּסט פון קהל־שטוב די געשאָנקענע המוציא,

האָסטו אויפֿן שטערן די פּאַטשיילע אָנגערוקט
און געבויגענער געבויגן די פֿאַרשעמטע פּלייצע.

ס'איז נאָר מענטש וואָס חשבונ'ט: מיינס און דיינס און קהל'ס.
ס'איז נאָר מענטש וואָס ציילט די גראָשנס אין דיין קניפּל.
הימל חשבונ'ט בלויז מיט וויפֿיל האַרץ דו צאָלסט
אַז אַ האַרץ אַ לעבעדיקס זאָל שלאָגן צווישן ריפּן.

ווער ס'האָט דיינע הענט געשטאַרקט צו שלעפּן פּעק
און דעם רוקן — זאָרג און שמאַך צו שלעפּן,
וועט זיי געבן כּח פֿאַר די לאָדונגען פֿון אַלע טעג,
וואָס מע וועט דיר הייסן לעבן, לעבן, לעבן.

נישט מיט ערד פֿאַרשאָטענע וועלן דערקענען גאָט,
נישט צו ערד געפֿאַלענע די וועגן זיינע פֿאָרשן —
לעבן דאַרף מען אויף צו שמאַכטן נאָכן גלי פֿון סוד
און צעגליט ווערן אַליין אין בראַנד פֿון דאָרשטן.

האָסטו הענט — זאָלן זיי ברעכן זיך פֿון מי,
האָסט אַ רוקן — זאָל ער אונטער שמאַך זיך בויגן.
נישט ביי מענטשן איז דיין שכר — ער איז אין גלי
פֿון דערנענטערונג צום סוד אין דיינע אויגן.

אויך אין ביסן שפּייז און שלוק פֿון וויין
איז דער גלי פֿון סוד, וואָס קומט זיך דיר דערקענען.
עס די גאָב פֿון סוד און טרינק זיין זיסן וויין,
ער זאָל וויטער קומען זיך צו דיר דערקענען.

קאַפּיטל דריי

# בײַם טײַך

## 1.

ר׳ מרדכי האָט ביים טיש גערעדט: — גיי מאַך עפּעס!
ערשט איצט האָט ער חרטה וואָס ער האָט זיך ייִנגלווייז
נישט אויסגעלערנט קיין מלאכה. ווייל אַ סטעלמאַך ווערן,
צי ווייס איך וואָס. זאָג איך: אַ שפּייז־קרעמל. זאָגט ער:
ער האָט עס פּיינט. איז מיר גאָר איינגעפאַלן:
די האָלצהענדלער דאַרפן אַ וועכטער ביים געהילץ ביינאַכט.
ס׳איז אויפן טייך און פרישע לופט. איצט, נאָך דער קראַנקהייט,
וועט אים צונוץ קומען, און נאָכן זומער וועט מען זען.
האָט גיטל אַ מטושטש׳ע דעם מאַן באַטראַכט: — וואָס דיר
קען איינפאַלן! און אויך עזריאל האָט זיך אָנגעצונדן:
— וואָס מיינט איר? ער זאָל אומגיין גאַנצע נעכט ביים טייך?
און טאָמער גנב׳עט מען, וועט ער זיך שלאָגן מיט גנבים?
— ער וועט אַ פייף טאָן, וועלן קומען סטראַזשניקעס. און וועגן גיין,
איז דאָ אַ ביידל, קען ער זיצן דאָרט. — לאָז בעסער אָפּ —
האָט גיטל זיך געבעטן. — אַז וואָס דאַרפן מיר זיך דינגען?
מ׳עט פרעגן דעם בעל דבר גופא. מ׳האָט געשיקט נאָך נח׳ן.
ער האָט געהערט, און אַז ר׳ מרדכי האָט נאָך צוגעגעבן,
אַז פרייטיק וועט מען אים פאַרבייטן מיט אַ גוי, האָט ער געפרעגט:
— אַ לעמפּל קען מען אָנצינדן אין ביידל? — כ׳מיין, אַז יאָ.
— איז זייער גוט. ווען הייב איך אָן? — באַלד — חול־המועד.
ער איז אַוועק צעהעלט אין בלייכן פּנים, און ר׳ מרדכי
האָט זיך צעלאַכט: — וואָס דען? איך קען די פּירות מיינע!

## 2.

אויפן האַלדז אַ פּייפל,
אין האַנט אַ דעמבענעם שטעקן,
אויפן קאָפּ אַ טוכענע היטל מיט דער דענקע אַראָפּגערוקט,
און דער ראָק אַרונטער די קני קלאַפּט אין די שטיוול —
אַ וועכטער אַזאַ האָט נאָך דער ברעג טייך נישט געזען.

אויפן טייך פליעסקען שיפלעך.
אויפן ברעג אַ געפלוידער פון גימנאַזיסטן מיט מיידלעך,

יונגע פועלים מיט זייערע כלות און פאַרלעך לערנער
וואָס פירן וויכוחים און קוקן בגנבה אויף מיידלעך —
צווישן זיי, מיט די פּאַלעס וואָס קלאַפּן אין שטיוול, טראָגט זיך
דער וועכטער.

די שיפלעך שווימען צום ברעג.
נאָר איינס און נאָך איינס פּאַטשט מיט די וועסלעס.
באַלד וועלן זיי אויך אַריינקומען. שיטערער ווערן די גייער,
ליידיק דער טייך און דער ברעג. און די לבנה סוף־חודש׳דיק
הייבט זיך אַרויס פון הינטער ביימער אויף יענעם ברעג.

שפּרייזט שוין דער וועכטער פאַמעלעכער.
פון הינטער קלעצער — געריד.
לאָזט ער זיך גיין אַהין מיט פאַרטאַיעטן אָטעם.
אַ פּאָרל — מען קושט זיך. ער שפּרינגט צוריק דערשראָקן.
גייט ווייטער — און נאָך איינס. דאָס האַרץ צעפּויקט זיך גזלנ׳יש.

אַזוי גאָר! אונטערן אָפענעם הימל!
און דוקא ביים אים אויף די קלעצער!
ער שטייט אַ געפּלעפּטער און וויל עס פאַרטרייבן ווי שקר.
נאָר האַסטיקער אָטעם יאָגט, און ער שפּאַנט צוריק צו די פּאָרלעך
און קלאַפּט מיטן שטעקן אין קלעצער און שרייט:—אַוועקט פון דאַנען!

פאַרטריבן שוין אַלעמען.
נאָר עס ציטערן אַלע אברים אויף אים
און ער ווייסט נישט פון וואָס: צי פון חרפּה און כעס
אויפן הפקר וואָס ער האָט דערזען, צי פון מיאוס׳ן גלי
וואָס דער הפקר ביינאַכט אונטער שטערן צעגליט אויך אין אים.

ער זעצט זיך אַוועק,
פאַרמאַכט די אויגן און שטייפּט די שלייפן.
אַזוי זיצט ער און רייסט שטיקער לייב פון זיך.
ביז אים דאַכט זיך — די טומאה אַוועק. די לבנה שטייט הויך,
אַ ווייסקייט אויף בלעטער און וואַסער, און ער זעט וואָס ער זעט.

וועגענער ווייסע גייען.
מענטשן אין ווייסן געשפּאַנט אין די וועגענער.
מענטשן אין ווייסן געפּאַקט אויף די וועגענער. ווייס פון תכריכים.
מתים אין שפּאַן און מתים די לאַדונג. קלאַמערט דער פויסט
דעם שטעקן, נאָר אויגן פאַר׳כישופ׳טע ברייט צעעפנט און קוקן.

דער וועג איז לאַנג און ווייס.
אַ וואָגן פאַרביי און אַ ווייסער וואָגן נאָך אים.
די ווייסע לופטיקע רוקנס געבויגן אין שווערן שפּאַן

און ווייסט נישט, פון וואַנען זיי שווימען אַרויס—פון טייך צי פון לופט.
נאָר ווייסט — ס׳איז אַ זעאונג, אַ זעאונג און וואָס זאָגט זי אָן?

מעשה באדם שהיה רוכב בלילה.
דאָס האָט ר׳ יהודה החסיד דערציילט פון אַ רייטער,
וואָס האָט אין אַ נאַכט אַזאַ געזען דעם עונש
פון יענע וואָס גלוסטן צו פרעמדע ווייבער, און ער
האָט עס אויך שוין געזען אַמאָל אין אַ נאַכט אין מוסר־שטיבל.

די ווייסע וועגענער גייען,
נאָר ס׳מאַכט שוין ניט אויס. איצט הערט ער
דעם יאָמער פון מוסר׳ניקעס און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ
אויף אַ קלאָץ און זעט אַ נשמה אין צויטן צעפּליקט
פון די שטיקער אַוועקגעריסענע טומאה און שלאָגט זיך על־חטא.

ביז די אויגן דערשפּירן גראָ
און באַגינען קומט אויף אין ווייסן נעפּל.
דורך נעפּל איז גרין טשערעט און קוסט און בוים.
ס׳דערהערט זיך דער ערשטער „ציף״ פון אַ פויגל. ווי גוט
צו דערהערן גאָטס אַ געשאַף און דערזען דעם פּליעסק פון אַ פיש
אין וואַסער!

ויהי ערב ויהי בקר —
דער וועכטער האָט אָפּגעוואַכט אַ נאַכט.

3.

דער וועכטער שפּאַנט אום, אין שטערן־געפלעכט אַ פאַר׳חוש׳טער,
און ווידער דערהערט — הינטער די קלעצער מען קושט זיך.

פאַר׳גנב׳עט ער זיך און דערזעט אַ פּאַרטוליעטע פּאָר —
ביידע אפשר נישט מער ווי צו פערצן יאָר.

זי אַ צעכליפּעטע: וועט נישט איבערטראָגן דאָס בענקען.
ער — זאָגט איר צו יעדע רגע פון טאָג צו געדענקען.

קען זיך דער וועכטער נישט אָפּרייסן, שטייט ער און ציטערט
און ווערט נישט ווילנדיק צו זייער סוד אַ דריטער.

וואָס איז באַשערט אַזאַ זיווג? ווער ווייסט עס!
וויל ער אַליין זיי זאָלן זיך קושן און טרייסטן,

האָט ער הנאה וואָס יער די ליבע באַשירעמט,
נישט ווי דער בייזער וועכטער פון שיר־השירים.

טראַכט ער פון אַלע וואָס קומען זוכן
אַ ווינקל פאַר זייער ליבע אין זיין מלוכה.

אויב נישט באַשערט זיי קיין היים — ווער קען וויסן די סיבה?
אפשר איז צער אין יעדער באַהאַלטענער ליבע,

און די וואָס ביי זיי בלויז תאווה, פאַר׳חומר׳ט און גראָב,
איז דאָך אַ צער וואָס עס פעלט זיי די לויטערע גאָב

פון היילִיקן יחוד — אַ צער אויף אַלע פאַריאָגטע . . .
שטייט דער וועכטער און וואַכט ווי אַ וואָלקן טראָגט זיך.

## 4.

ביז האַלבער נאַכט איז רוישיק־שפּילעוודיק דער ברעג.
דעם קייסער׳ס סאָד און די בולוואַרן זייגען פאַר די פייגע לייט,
וואָס מעגן אָפן אומטראָגן די יונגשאַפט זייערע — די אמת׳ע,
צי אָנגעשטעלטע. ווער עס קען זיך נישט פאַרפּוצן
אין „קוק מיך אָן״, ווער ס׳דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן
פון נייגעריקע אויגן, ווער עס וויל זיך לאָזן וואוילגיין,
מיט יונגן גאַרגל — קומט צום טייך. דאָ רוישט עס אָפּ
ביז האַלבער נאַכט און לעשט זיך אויס. עס טוליעט זיך צום חושך
אַ פּאָרל אַ פאַרשפּעטיקטס; עס דערשליגגט איר עלנט
אַן אויסגעלעבטע גאַסן־פרוי, וואָס האָט נישט אויפגעכאַפּט
קיין קונד; עס צאַנקט אַ פלעמל אויף אַ פליט, וואָס נעכטיקט
אין מיטן טייך — פּאַמעלעך לעשט עס אויס די נאַכט,
קערט אויס דעם אָוונט־איבערבלייב און בלייבט אַליין.

אין ביימער, גראָז, כוואַליעס; אין די רוימען־טיפן גייט
אַ בלינד געררייד וואָס וואַרפט אַ פּחד אָן. ס׳איז נישט די נאַכט
אין דאַרף אַמאָל. מיט מילנער׳ס הויז הינטערן פלייצע,
מיט פעלדער פרידלעכע, מיט ווייטע שלאָפנדיקע כאַטעס,
האָט יענע נאַכט גערעדט מיט פסוקים שירה, און די ערד
האָט זיך געגליטשט אונטער די טריט — אַ שפּאַן אַ מייל.
דאָ הינטער פלייצע איז די שטאָט מיט גאָר איר בייז
און צער. אין לופט — פאַרשייטע, יונגע תאווה. ווייסט,
אַז אין געררייד פון בוים און גראָז, אין ברום פון רוימען
האָט נאַכט אי שטאָט אי אָוונט אויפן ברעג פאַרשלונגען,
זיי דורכגעזיפּט, געלייטערט, און זי רעדט אַרויס אַצינד
מיט אויפלייזונג, מיט קלאָרן ענטפער אויפן אומרו,
נאָר ס׳לשון איז פאַרהוילן, בלינד . . . פּרובירסט אַ ווייל
פאַרגראָבן זיך אין ספר, שפּאַנסט מיט הייסן אימפּעט —

נאָר רגע׳ס זיינען רוימען, יעדע רגע אַליין די זעלביקע
אומענדלעכע צעשטערנקייט, און דאָס אומענדלעך לשון שפּאַרט
אין אויערן אַריין, פאַרפּלייצט ווי רויש פון ים׳ען. ווער
וועט קומען אויסטייטשן דאָס לשון? ווער וועט תורה ברענגען
צוםביידל דאָ ווי צו ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס הייל?

ווען ס׳קומט דער ערשטער אויסטייטשער, פאַלט נח׳ן נישט איין,
אַז ער וועט דאַרפן פון אים לערנען. טרייבט ער אים,
און יענער מוז עקשנות׳דיק זיך איינבעטן. אַ הונט איז עס.
אַ גרויסער, שוואַרצער. פּאַדעט אַרום ביידל, פּרואווט זיך
דערנענטערן, און נח וויל נישט. נאַכט און נאָך אַ נאַכט אַזוי.
ס׳ווערט עלנטער דער חושך. לייגט ער זיך ביים שוועל,
פּרובירט אַריינשטעקן די מאָרדע, קוקט. מען לאָזט.
קריכט ביסלעכווייז אַריין דער גאַנצער גוף און ליגט
אַן איינגעקנוילטער אין אַ ווינקל. קען שוין נח נישט,
און דרייט זיך אויס מיט תכלית׳דיקע רייד: — אומזיסט
דיין קומען. אַז איך עס דאָ נישט. מער דאַרף נישט יענער.
שטייט אויף אויף אַלע פיר און מיטן ווידל דרייענדיק
אַן ענטפער גיט ער: כ׳קום נישט וועגן עסן דאָ. ער זעט —
דער ענטפער איז פאַרשטאַנען. לייגט ער פאַרזיכטיק
דעם קאָפּ אַוועק צום מענטשן אויף די קני און וואַרט.
גיי טו אים עפּעס! רירט שוין נח אָן מיט שפּיצן פינגער
דעם קרייזלדיקן שטערן. פאַלט דער קאָפּ נאָך שווערער,
דער גרויסער גוף לאָזט זיך אַראָפּ אַ צוגעטוליעטער
און פייכטע אויגן לויכטן צו דעם מענטש. ער גייט
באַגלייטן אינדערפרי דעם מענטש אַהיים, און אַז פאַרנאַכט
ווילן די ייִנגלעך וויסן ווי עס הייסט דער הונט,
פאַרטראַכט זיך נח אַ מינוט און ענטפערט: — בלעם.

פון וואַנען קומט ער? ווי דערנערט ער זיך? קען זיין,
ער האָט פאַרלאָרן וואו אַ היים. קען זיין, ער וואַלגערט זיך
בייטאָג אַרום די יאַטקעס. ס׳לעבן זיינס איז סודות׳דיק
ווי אַלץ דאָ אין דער נאַכט, נאָר ער אַליין איז אָפן, פּשוט.
ער מעלדעט זיך מיט גוטע אויגן און צעפּאַכטן ווידל:
— אָט בין איך דאָ! . . . שפּאַנט מיט און שנופּט אַרום
די טונקעלע ווינקלען אין די קלעצער, לויפט אַוועק פאַרויס
ווי אויסצופאָרשן עפּעס, קומט צוריק און ליגט און ס׳רעדט
פון אים די רו: — דו זעסט, מיר זיינען אַלע דאָ און אַלע אָטעמען
און ס׳איז אַזוי — ס׳איז פּשוט, קלאָר . . . ער דרימלט איין,
און אין זיין דרימל איז די זעלבע זיכערקייט, אַז אַלץ
איז ווי עס דאַרף צו זיין. נישט ווילנדיק, טוט נח

אים נאָך: קוקט אויך אין רוים אַריין, און די געמאָסטנקייט
פון אָטעם אים צופוסנס שטילט דעם ציטער איין
אין אייגענעם אָטעם און ס'ווערט קלאָר: וואָס איז דער חילוק
צי אָפּפאַל פון די יאַטקעס פאַרן הונט, צי פאַרן מענטש
דאָס ברויט פון לייטיש גוטסקייט, אַז דער אמת איז אַלץ איינס
נישט דאָרט, נאָר דאָ, און דאָ די רו און סוד פון רו.
און ס'וואַקסט אַ נאָנטקייט. נישט צו חיה, נאָר צום סוד
פון רו און אָפענעם באַנעם פון דער אומענדלעכקייט
וואָס אין דער חיה'ס אָטעם. און אַז בלעם לייגט אַוועק
דעם קאָפּ אויף זיינע קני, ווייס נח איצט, אַז כאָטש
דאָס לשון פון דער נאַכט איז בלינד און אומבאַנומען,
איז דורך דער בלינדקייט דאָ פאַרשטענדיקונג — אַ בלינדע,
אָבער דאָך פאַרשטענדיקונג, און ער און בלעם ווייסן עס.

אַביסל שפּעטער שטייט אויך צו אַ מענטש — האַלב ייד,
האַלב גוי. מוז זיין אין נח'ס עלטער. לויפט אַרום ביים ברעג
און איז מיט אַלעמען מחותן. שמועסט מיט אַ גימנאַזיסט,
פאַרהאַלט זיך מיט ישיבה־בחורים, פאַרטשעפּעט מיידלעך
און טיילט זיי צוקערלעך פון קעשענע. געלינגט אים
זיך אַנטשעפּען אָן עמעצן — פאַרגעסט ער אַלע אַנדערע.
אַנומעלט האָט נאָך האַלבער נאַכט געטומלט זיך
ביי דער קופּאַלניע, וואו מען דינגט אַרויס די שיפלעך,
און מ'האָט איבערן גאַנץ טייך געשריען: — פּיניע!
דאָס האָט ער אַ פּאָר מיידלעך אויפגענומען און פאַרגעסן
מיט זיי צוריקצוקומען. זיינען זיי דערנאָך פון אים געלאָפן,
צעשראָקענע און בייזע, נישט געלאָזט זיך מער באַגלייטן.
און ער, אַ שולדיקער, איז נאָכגעלאָפן און געלאַכט. זעט אויס —
דער נייער וועכטער האָט צעשטערט עפּעס אין אים.
אָן אָוונט איינמאָל האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט ר' מרדכי,
דער אָקסנהענדלער, און געשניטן זיך דורך עולם יונגוואַרג
אונטערן אָרעם מיטן וועכטער הין און קריק. אַ צווייטן מאָל —
דער איידעם. אויסגעשפּרייט אַ טיכל אויף אַ קלאָץ, און מ'איז
צוויי שעה, צוויי זייגערנע, געזעסן און געשמועסט. און דערנאָך,
אַז מיטן וועכטער האָט זיך אויך אַרויסגעלאָזט אַ שוואַרצער הונט
און זיך געקלעפּט צו זיינע לאַנגע פּאָלעס, האָט עס פּיניע
נישט אויסגעהאַלטן מער.

נאָך האַלבער נאַכט. דער ברעג
איז ליידיק. דרייט זיך פּיניע אַרום ביידל. נאָר דער הונט
פאַרשטעלט דעם וועג מיט האַווקעריי. צעשפּרייט ער
די פיס און בלאָזט דאָס פּנים אָן ווי ווען מען שרעקט אַ קינד.

נאָר בלעם ווייס נישט פון דעם שפּיל. באַוויזט זיך נח.
— שטילט איין דעם כּלב אייערן! . . . ער קומט צו נענטער,
שטופּט בלעמ'ן אַ צוקערל: — נאַ, לאָמיר ווערן גוטע ברידער!
נאָר ס'גייט נישט. נעמט עס נח פון זיין האַנט, דערלאַנגט
דעם היטער זיינעם: — נעם! נאָר בלעם שפּירט נאָך אַלץ
דעם פרעמדנ'ס ריח, וויל נישט. — אַ מפונק — שמייכלט פּיניע.
— פאַר זיך איז יעדער נפש אַ מפונק — שמייכלט נח אָפּ צוריק.
דעם גאַסט פאַרפעלן ווערטער. זאָגט ער: — איך בין פּיניע.
איר האָט מיך דאָ געזען מסתמא. קום איך פּשוט —
באַקענען זיך. — אַ דאַנק — זאָגט נח: — זיצט ביי אונדז.
די נאַכט איז שטערנדיק. שטרעקט פּיניע אויס אַ האַנט,
ציינט אָן אַ הויפן שטערן, מעסט די ווייט אין ליכט־יאָרן,
דערנאָך אַ צווייטן הויפן, ווערט צעוואָרעמט און פאַרשווימט
אין הימל־קענטעניש. פאַרשווימען ביידע אין אין־סוף
און כאַפּן זיך דערנאָך: דער הונט ליגט אָן אַ זייט און בורטשעט.
לאַכט פּיניע: — ער פאַרגינט מיר נישט די רייד מיט אייך.
באַרואיקט נח בלעמ'ן און פּיניע זאָגט: — דאָס בין איך.
צו וואָס איך זאָל נישט צוגיין — איז עס עמעצענס . . . הערט נח,
פאַרשטייט נישט, אָבער פרעגן וועט ער נישט. און יענער
רעדט ווייטער: — איר'ט געטראַכט מסתמא — אַ משוגע'נער.
לויפט אום און טשעפּעט זיך צו יעדן. ווייסט איר וואָס
דער ברעג דאָ איז? דאָס ביסל אמת פון דער שטאָט.
דאָרט גזל'ט מען, מען שווינדלט און מען פּוצט זיך פאַר דער וועלט
אין צדקות. דאָ קומט יונגוואַרג אָרעמע דעם אָטעם אָפּצוציען
אין ערלעכקייט. נעמט אייערע קלויזניקעס. איך קען זיי גוט.
איך לערן זיי. דאָרט טאָר מען זיי נישט זען. אַ קלויזניק טאָר נישט
דעם אָטעם כאַפּן! נעמט די מיידלעך. ווי וואָלט זיי געווען,
ווען זייערע מאַמעס פּאַקן זיי דאָ! אפשר צאָלן זיי אַלץ איינס
מיט קלעפּ פאַר יעדער רגע דאָ, פאַר יעדער איינרעדעניש,
אַז זיי קומט אויך אַ חלק אין דער וועלט. און איז דען דאָ
אין ערלעך לעבן מער ווי רגע'ס? ס'איבעריקע איז בלויז גאַנג
דורך שקר און הכנעה פון איין רייניער רגע צו דער צווייטער.
ווער ס'האָט געדולד, זאָל גיין. איך קען נישט, כ'פּויל זיך.
איז וואו איך קען דעם גאַנג פאַרקירצן, טו איך עס.
איך ווייס — איר'ט זאָגן: ווער עס טרעט נישט אויס אַליין
זיין וועג, האָט גאָרנישט אייגנס. האָב איך נישט: און ווער
האָט יאָ? . . . ווער לעבט מיט אייגנס? איז בכלל פאַראַן
אַזוינס ווי אייגנס? . . .

רעדט דער גאַסט און נח הערט.
עס ווילט זיך אים נישט ענטפערן, נישט פרעגן . . . קלאָר:
ער קומט פון נאַכט און רעדט די רייד פון ברעג,

פון לעבן אויפן ברעג, פון יוגנט, שפּילעוודיקן בלוט,
וואָס פלאָנטערט זיך צווישן די תאוות פון דער שטאָט
און הויכן גאַנג פון מילך־וועג. אָבער ריידן רעדט ער,
איז מוז מען דאָך אַ מענטשן ענטפערן. זאָגט נח:
— אַ נאַכט אַזאַ, האָט טויזנט רגע׳ס און ווער ס׳זעט
דעם זין פון זיי, קען יעדע רגע אָנפילן מיט פרייד. קען זיין —
ס׳איז גאָרנישט קיין מהלך פון איין העלער רגע צו דער צווייטער.
ס׳איז אַ מהלך נאָר צום זין פון אַלע רגע׳ס. אַז מען קומט
צום זין, איז שוין קיין חילוק נישט פון פרעמדס און אייגנס,
ווייל אַלץ איז אייגן . . . קוקט אים פּניע אָן און זאָגט:
— איר לאָזט זיך אין די עולמות. איך רייד פון פשוט לעבן.
איצט מאַכט שוין נח׳ן נישט אויס וואָס יענער רעדט.
ער הערט דעם קול פון ברעג און הערט אין זיך
דעם ענטפער אויפן קול. ווען ס׳וועט דער גאַסט אַוועקגיין,
וועט זיך דער ענטפער נעמען לייטערן, און דעמאָלט ערשט
וועט נח הערן וואָס די נאַכט האָט אים צו זאָגן.

### 5.

עס לערנט די נאַכט
איר אייגענע משנה אַזוי צו זאָגן:
אויב דו האָסט אין דער האַנט
אַ דעמבענעם שטעקן געקראָגן,
איז נישט אויף צו קענען
די עלנטע ליבע פאַריאָגן,
נאָר צו היטן פון גנבה דאָס פרעמדע האָב.

זאָלן רודפ׳ן יענע,
וואָס שטאָפּן אָן זעק מיט מצוות,
זיי זאָלן אויף דער וועלט און יענער
זיין זיכער מיט ווייכע קישנס צום זיצן.
זיי האָבן אַ טאָפּ מיט פלייש
פון אָרעמע עין־הרע׳ס צו שיצן —
איז מעגן זיי טרייבן מיט שטעקנס פון טאָפּ.

נאָר דו, אַז דו זעסט די וואָס בלאָנדזשען,
ווייל זיי קענען דעם וועג נישט געפינען,
און לעבן מיט גראָשענע ליכט,
ווייל מ׳האָט זיי פאַרשטעלט דעם שיין פון דער שכינה,
און פאַלן אין נעץ פון עבודה זרה׳ס,

ווייל עמעצן מוזן זיי ערלעדיקן דינען —
נישט דו דאַרפסט זיי משפט'ן, ביין פון זייער ביין.

קריץ עס איין אויפן האַרץ
און פאַרזאָג עס אויף דורי־דורות:
נישט אָפּקילן זאָל אייער צאָרן
אויף יענע וואָס מאַכן פון בלוט אַ סחורה,
נאָר משפט נישט קיינעם,
וואָס שטרויכלט אין גאַנג צום אייביקן שורש —
ברידער זענט איר — אין ברידערשאַפט זאָלט איר גיין.

## .6

דער פיניע קומט. לאָזט דורך אַ נאַכט צי צוויי און ווידער.
ס'וועט גאָר נח אים נישט פרעגן ווער ער איז, פון וואַנען.
נאָר אים אַליין, זעט אויס, איז שווער צו שווייגן
און ער דערציילט. אַ היגער איז ער. ס'איז דער טאַטע
געוואָרן אויף דער עלטער רייך און דעם בן־זקונים'ל געשיקט
אין אַ ישיבה אין דער פרעמד. האָט פיניע צוגעכאַפּט זיך
צו עפּעס אַנדערש און געלערנט. אָבער אַז דער טאַטע
האָט צוגעמאַכט די אויגן און פאַרשריבן אַ ירושה —
צו וואָס באַהאַלטן זיך? אַ לאָז געטאָן זיך קיין אָדעס
און זיך פאַרנומען מיט אַ ברען. נאָר פלוצלונג — אָפּגעשניטן
דער אויפהאַלט פון דער היים — קיין פרוטה נישט און אויס.
צוריקגעקומען — ערשט אַ ברודער אַ מנובל האָט מיט שווינדל
זיין טייל ירושה צוגע'לקח'נט — ס'האָט דער טאַטע, הייסט עס,
קיין אַפּיקורסים נישט באַפוילן אויפצוהאַלטן. שריי חי וקים
אַז דער מנובל האָט זיך איינגעפּעסטיקט מיט פּאַפּירן,
און לאָדן אים צום בית־דין, וועט זיך פיניע מיט כלי־קודש
נישט אָנהייבן — ס'איז דאָך איין באַנדע! סיידן האַקן שויבן,
און אַז עס העלפט נישט — האַקן ציין. עס האָט געהאָלפן.
ער האָט אַ הויז צוריקגעקראָגן, וואו ער וואוינט אויך,
און אַז עס פעלט אים, מוז דער ברודער געבן. אָבער אָנקוקן
די טריפה'נע צורה וועט ער נישט און וויל אפילו
זיין נאָמען נישט דערמאָנען. יענער איז צופרידן אויך:
עס טויג אים נישט צו די געשעפטן אַזאַ ברודער.
איז גוט אַזוי. ער לעבט ווי ס'ווילט זיך. טירן אָפן
פאַר יעדן איינעם — גוי צי ייד. עס קומען קלויזניקעס,
וואָס ווילן לערנען. ס'קומען בעלי־מלאכות מיט די כלות —
מען טאַנצט, מען זינגט — עס פעלט נישט אויס קיין פריילעכקייט.
דאָס לעבן דאַרף געלעבט ווערן! . . . פילט נח די באַרימערייי.

— פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה? — איך? . . . חתונה? . . .
ער וויל אַ זאָג טאָן: ס'איז געגוג פאַראַן נקבות —
נאָר טוט אַ קוק אויף נח'ן און זאָגט: — צו וואָס?
פאַר וועמען פלאָדיען קינדער? ווייניק שלים־מזל'ניקעס?
ווער ס'טויג זיך נישט צו גזלה, טאָר קיין קינדער נישט
אַריינוואַרפן אין אָט דער וועלט . . . גיי ענטפער אים!

דערנאָך שטייט צו אַ צווייטער מענטש. עס גייט פאַרביי
דער סטראַזשניק זשוקאָוו, זעט די צווייען מיטן הונט
און שטעלט זיך אָפּ: — ס'קוקט אויס פאַרוואָלקנט . . .
אַ גוי, אַ פערציקער, און ס'ווערט אים אויך אודאי נמאס
דאָס שפּאַנען אין דער נאַכט. באַטראַכט ער בלעמ'ען:
— קוקט אויס ווי אַ געמיש. אים ענטפערט פיניע. גייט אַוועק
אַ רייד פון הינט, און פון די בליקן אין זיין זייט פילט בלעם —
דאָס רעדט מען וועגן אים. ער הערט זיך צו אַ וויל
און גייט אַוועק מיט אַ פאַרדראָס. — ער וויל נישט ליידן —
זאָגט זשוקאָוו. לאָזט ער אָפּ די הינט, דערמאָנט זיך
ווי ער פלעגט ייִנגלווייז דאָ כאַפּן פיש און ס'רעדט זיך שוין
פון העכט און קאַרעסלעך און שלייען — וואו זיי פלאָדיען זיך
און ווען עס איז די צייט אויף זיי . . . אַ צווייטן מאָל
צערעדט זיך זשוקאָוו אָפּנהאַרציק: — דרייט זיך אום
אַ מענטש אַליין ביינאַכט און זעט ווי אויף דער דלאָניע אַלץ.
נישטאָ קיין יושר . . . אָט אַ שטאָט . . . כאַבאַר פון אַלע זייטן.
שוין אָפּגערעדט פון פּאָליצמייסטער, פּריסטאַוועס, נאָר נעם
אַ פּראָסטן פּאָליציאַנט. ער פּאַלט אַריין אין גאָס מיט הייזלעך,
איז אָפּגעגילט צו ווערן. קריגט זיך יעדן חודש זיינס
און טאָמער אַ געשלעג צי וואָס — פּאַלט ווידער עפּעס צו.
אַ גאָס מיט קראָמען — אויך גוט. דאָ אי שפּייזן כל'ערליי,
אי סחורה אויף אַ בגד. אָדער גאָר אַ גאָס מיט שענקען.
און דאָ — קיין הייזל נישט, קיין קלייט, קיין שענק.
איז אָט — געהילץ. וואָלטן די האָלצהענדלער אַליין
קיין וועכטער נישט געשטעלט, איז דאָ פון וועמען קריגן
אַ רובל ביי דער זייט. ער האָט נישט גאָרנישט קעגן יידן דאָ.
מסתמא אויך קיין גביר נישט. נאָר גיי לעב אַזוי מיט ווייב
און קינד אויף וואָס מען צאָלט פון שטאָט. און יענע דאָרט —
מען בויט זיך הייזער און מען האַלט נקבות ביי דער זייט.
זאָגט פיניע: — ווען דו טראָגסט דעם פּריסטאַוו אונטער
אַ גאָלדענעם זייגער און דו זאָגסט אים צו אַ גלייכן חלק,
באַקומסטו אויך די גאָס מיט באָפּקע־הייזלעך. יענע —
זיי ווייסן ווי מען קריגט עס. — וואו זאָל איך אים נעמען
אַ גאָלדענעם זייגער? גיין דאָס ווייב פאַרזעצן? — אפשר.

מען טוט אַזעלכע זאַכן אויך — לאָזט פּיניע וויסן.
— איך האָב נאָר איינע, קען איך זי נישט אָפּשפּאָרן — קלאָגט זשוקאָוו.

זיי גייען זיך פונאַנדער — פּיניע אין זיין היים ערגעץ,
און זשוקאָוו אויף זיין פּאָסט, און טראָגן מיט אין שטאָט
די טומאה פון דער שטאָט. ווערט שאַרפער די מחיצה
און ס'זופט זיך תפילה'דיק די ריינע לופט פון נאַכט,
די ריין־מחשבה'דיקע און ריין־מעשים'דיקע. אָבער איז דען
די שטאָט אַליין פאַרשוואונדן הינטער דער מחיצה?
איז די אַנטרינונג אויף אַ וויַל אַנטרינונג אויף אַן אמת?
דער הימל שפּאַלט זיך נישט פאַנאַנדער און די ערד
האָט נישט קיין צייכן פון געדאַכטן גרענעץ. הייזער וואַקסן
וויביימער פון דער ערד און ס'בייז אין זיי צעבליט
ווי גרינס אונטערן הימל. ווי קענסטו זיך אָפּטיילן ווען ס'וויס
דיין טראָט אַליין נישט ווען ער שפּאַנט אַריבער די מחיצה? . . .

7.

פאַרטאָג, און נח זיצט אין דרויסן אויף די קלעצער. רויטע קויל
פון זון איז ערשט אַרויפגעקראָכן, גליווערן נאָך שפּיצן פינגער
און פייגל־עולם וועקט זיך. אויפגעשטאַנען בלעם אויך און טשוכעט זיך.
די זון צעוואַרעמט אים, געפּלאַפּל אין די צווייגן רעגט אים,
שטעלט אָן די אויערן, אַ שפּרונג — און איז נישטאָ. קוקט נח —
ער ליגט אַרום די ביימער, טשאַטעוועט די שוואַלבן. ס'איז אַ
שפּיל מסתמא.
נאָר אָט אַריבער בלעמ'ן ווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד־געשריי.
אַ מחנה שוואַלבן, וואָס אַ רגע אַלץ געדיכטער, פלאַטערט
און ליאַרעמט אויף אַן אומגליק. נח לויפט. ביי בלעמ'ן דאָס מויל
איז אָפן, צווישן ציין — אַ נפש'ל, אַ שוועלבל — ברוינע פעדערלעך
פון צווישן קליקעס שפּאַרן דורך. צעעפנט אים די געמבע,
אַרויסגעשלעפּט דאָס נפש'ל, אַוועקגעלייגט עס אויפן האַנט —
עס צאַפּלט, פּישצעט. פלאַטערט שוין די מחנה איבער נח'ן,
ער טראָגט דאָס פּיצל לעבן, לייגט עס אויפן ווייכן גראָז
צופוסנס פון אַ בוים און קערט זיך אָפּ. אַ ווײַלע שפּעטער
זיך אומגעקוקט — דער פּלאַץ איז ליידיק, פייגל־עולם אָפּגעפלויגן,
נאָר בלעם מיט צעפּרעגטע אויגן קוקט אים נאָך אַ ברוגז'ער.

ער זעצט זיך אויף אַ קלאָץ און רופט דעם הונט צו זיך און רעדט:
— ווי זאָל איך זיך פאַר דיר פאַרענטפערן, אַז איך אַליין
האָב דיר פון מויל אַרויסגענומען דעם געפאַנג, וואָס קומט דיר
על־פי־דין פון הינטישן, פאַרציקערישן בלוט? זאָל איך דערציילן דיר,

אַז אין סכנה־ליאַרעם איבער אונדז האָט זיך אַנטפּלעקט דער ליכטיקער יסוד פון לעבן — ליבשאַפט, ברידערשאַפט, מסירת־נפש ? האָסט קיין משפחה ניִשט, קיין שטאַם, ביסט רויבער, יעגער, גנב. ווערסטו פאַר אַ פּיצל נאַענטקייט אַ שקלאַף. און זיי, געבונדענע צום שטאַם, פּיקן אַרויס פון ערד די קערנדלעך חיונה און זייִנען פריי... ווי קענסטו עס באַנעמען, דו, דער הונט ?

## 8.

אַזאַ נאַכט מיט בלינדע בליצן,
בלייבע דונערס, קאַרגע רעגן־טראָפּעלעך —
אַזאַ נאַכט — די ערשטע וואָך.
פלעמלען אויף אין מאַרך רעיונות
בליציק־בריאיקע,
חוזק'ן און שרעקן.
ס'איז נישט דו וואָס שרעקסט זיך.
אין דיין מאַרך אַ פרומע מאַמע זיצט —
כשר'ע אמונה,
צאַפּלט זי אין אַנגסטן אויף
אויף די שקאַצישע רעיונות.
דאַרף מען איינשטילן די מאַמע
און פאַרשפּילן זי
מיט אַ פּורים־שפּיל, מיט אַ משל־שפּיל.
נישט אין דיר — אין די ברואים די באַפליגלטע
און באַפּעלצטע מיט אַ פעל
פלעמלען די רעיונות.
קומען זיי, די ברואים, טוען זיי די מיילער עפענען
ווי ביי בלעמ'ען דער אייזל,
טענה'ן זיי:

א קראָ:

ווי עס בינדט דיך ליבשאַפט אונטן
צו דעם שוואַרצן הונט ביים זייט,
איז אין הימל גאָט געבונדן
צו דעם שטן ביי דער זייט.

הונט איז רויבער און פאַרציקער,
אָבער דיר איז ער אַ שקלאַף.
זוכסטו פאַר זיין שלעכטס אַ תיקון
איז זיין גורל אין באַשאַף.

און דיין גוטער גאָט אין הימל
האַלט דעם שטן לעבן זיך.
שטן־טויט און שטן־טומאה
טוליעט זיך צום קוואַל פון ליכט.

**נ אָ ד א ק ר אָ :**

אַז מען האָט זיך ליב גאָרביידע,
אַז מען קען זיך נישט צעשיידן!

**פ ל ע ד ע ר מ ו י ז :**

גוט איז בין־השמשות.
ליכט און פינצטער טרעפן זיך,
האַלדזן זיך, קושן זיך —
אַלע ליבע־קוואַלן אָפן.

קיינער וויל נישט בלענד פון טאָג,
קיינער וויל נישט בלינד פון נאַכט —
בלענד אַליין און בלינד אַליין —
קיינער וויל עס גאָרנישט.

בין־השמשות לעכצט מען.
בין־השמשות נעמט די מענטשלעך אַראָפּ
פון די וועלענישן.
דעמאָלט איז זי וואָר, די וועלט.
טאָג — אַ שיין און נאַכט — אַ פליגל,
גאָלד — אַ ראַנד און בלאָ — אַ שלייער,
איינגעהילט און גלי־באַשימערט
קען זי אמת זיין, די וועלט,
לאָזט זי זיך דערקענען.

**ש פּ א ר ב ע ר :**

קראָ דערזעט אין הונט איר משל,
פלעדערמויז האָט בלינדע תורה.
ווער עס זוכט דעם בין־השמשות
האָט פאַר שאַרפן אמת מורא.

נישט קיין הונט — אַ וואָלף איז שטן:
וואָלף מיט שאַרפע ציין צעשצירעט
צו פאַרלענדן, צו פאַרשפּאָטן
גאָטס געהויבענע יצירה.

וואָס עס האַלט זיי איינס ביים צוויטן
איז נישט ליבעניש, נאָר האָס.

מיט אַ רינג פון שאָפן־טייטן
האָט זיי אייביקייט פאַר׳קנס׳ט.

פוקס:
און די תורה פון דער ליבע
האָבן צוגעטראַכט די שוואַכע.
מייזלעך אין די לעכער, האָזן אין די גראָזן,
דאַרפן אייביק רחמים.

סאָווע:
צוויי זײַנען פאַראַן
אויף דער וועלט געבאָטן.
איינער קומט פון גאָט,
דער צווייטער קומט פון שטן.

שפּאַרבער:
איינער פאַר די הינער,
דער צווייטער פאַר די שפּאַרבער.
ווילן שפּאַרבער לעבן,
מוזן הינער שטאַרבן.

איינער פאַר די לעמער,
דער צווייטער פאַר די וועלף.
טוען וועלף אַ וואָיע,
שרייען לעמער: העלף!

שרייען לעמער, הינער
מיט טענות צום באַרג סיני:
וואו איז דײַן גענאָד?
און דער פּרעסער מולך
חוזק׳ט: חברה, קוילעט,
פרעסט די גאָב פון גאָט!

האָז:
אָבער אַז דער גראָז־עסער, דער אָקס,
וועט דעם וואָלף אַ נעם טאָן אויף די הערנער,
וועט דער מולך אים אַרויס מיט די געדערים —
אוי, וועט ער אַן אַנדער תורה וועלן לערנען!

שוואַלב:
און אַז ס׳וועט אַ שטורעם קומען און צעטראָגן
דיך די נעסט מיט דײַנע שפּאַרבערלעך, די קליינע —
אוי, וועט דיך די ליבשאָפט באָגן,
וועסט נאָך אַביסל רחמים וויינען!

פלעדערמויז:

דער פּאַרציקער טראָגט מיט ליבשאַפט
צו זיין קינד דעם בלוט־געפּאַנג,
דער פּאַרציקטער יאָמערט קללות
קעגן גרויל פון אונטערגאַנג.

ליבשאַפט אָן אַ ביסל שנאה
איז אַ האַרץ אָן שוץ פון ריפּן,
שנאה אָן אַ ביסל ליבשאַפט
איז אַ מויל מיט ציין אָן ליפּן.

סאָווע:

מ׳האָט זיך איינגעטיילט
צווישן מין און מינים:
ליבשאַפט אין דעם מין,
צווישן מינים שנאה.

אין דעם מין איז גאָט,
צווישן מינים — שטן.
אייגענע דערהאַלטן,
פרעמדע אויסצוראָטן.

שוואַלב:

קען בישט אַלץ אויסראָטן
שטן, דער פאַרדאַרבער,
אַז מיט גאָט׳ס געבאָטן
לעבט אויך וואָלף און שפּאַרבער.

הונט:

ביי מיין אַלטן באַלעבאָס
איז געווען אַ קעצל,
פלעגט מען אונדז דערלאַנגען עסן
אויפן זעלבן טעצל.
כ׳האָב זיך צוגעוואוינט צום קעצל
און עס ליב געקראָגן,
און עס האָט געגאָסן טרערן,
אַז מען פלעגט מיך שלאָגן.

פוקס:

אויך מיר חיות — הונט און קעצל,
עסן פונם זעלבן טעצל!

פּיניעס קול:
חיות מיט די בלינדע מוחות
קנעלן קמץ אַלף — אָ,
מיר די גריבלער, מיר די לומדים
מעגן אָנהייבן פון תיו.

מיר — די קרוין פון דער יצירה,
שכינה׳ס ליכט אין אָדמ׳ס גוף,
זיינען כולל אַלע מינים
פון דער ערד און פון דער לופט.

וואוינען אין אונדז וועלף און לעמער,
טויב און שפּאַרבער, פליג און שפּין,
בריט דער האַס וואָס צווישן מינים,
לויכט דאָס רחמים וואָס אין מין.

זיינען מיר די קרוין פון לעבן,
זיינען מיר געשטאַלט פון גאָט —
איז ער דאָך אַליין אויך שטן,
זיינעןביידע איינער — גאָט.

ער — דער קאָזאַק מיט דער פּיקע,
ער — דאָס אָנגעשטאָכן קינד.
ער — באַשאַפער און פאַרדאַרבער,
ווייס און שוואַרץ אין ווירבל־ווינט.

ווער זשע ראַנגלט זיך מיט וועמען?
ער אַליין מיט זיך אַליין.
ווי זשע ווילסטו ברענגען שלום
אַז ער קען עס נישט אַליין?

ער וועט צווישן ליכט און פינצטער
אייביק ווירבלען אין אין־סוף,
דו — אין פּיין דאַרפסט איבערווירבלען
בלויז אַ רגע פון אין־סוף.

וועט זיך אויסלעשן די רגע,
וועסט זיך אומקערן צום נישט,
וועט דער קלאָרער ענטפער קומען
אויף דער רעטעניש.

נ אַ כ ט י ג אַ ל :

פון אָנהייב איז געווען בלויז נאַכט און נישט,
האָט ער פון חושך ליכט אַרויסגעשלאָגן.
איצט יאָגט זיך נאַכט נאָך טאָג אים איינצושלינגען
און ווער אים קיינמאָל נישט דעריאָגן.

די נאַכט וועט מוזן שלום מאַכן. זי אַליין
וועט זיך צום טאָג דערקענען ווי אַ מאַמע,
און דעמלט וועלן וועלף און לעמער
אויף שלום׳דיקע פעלדער הויערן צוזאַמען.

עס וועלן וועלף און לעמער הויערן צוזאַמען,
אַ פיצל קינד וועט זיי צו קלאָרע קוואַלן פירן,
און דעמלט וועלן שפּאַרבער אין דער לופט, און אין די גראָזן
די עקדישן און שלאַנגען זינגען שירה.

ק ו ק אַ ו ק ע :

קו־קו, קו־קו . . .

פ ו ק ס :

איצט וועט זי דיר נעמען ציילן
וויפיל אייביקייטן ס׳וועט נאָך דויערן
ביז די וועלף און לעמער
וועלן אויף איין לאָנקע הויערן.

פּ י נ י ע ס ק ו ל :

ער וועט צווישן ליכט און פינצטער
אייביק ווירבלען אין אין־סוף,
דו אין פּיין וועסט איבערווירבלען
בלויז אַ רגע פון אין־סוף.

◈

אַזאַ נאַכט מיט בלינדע בליצן,
הייסן אָטעם, שווערע טראָפּנס
האָניק פון די וואָלקן־לאָגלען.
אַזאַ נאַכט — די צווייטע וואָך.
שפּאַנט איבער די גראָזן לילית,
זעצט זיך אויפן שוועל פוןביידל
און דער אָטעם אירער אָטעמט
מיטן האָניק פון דער נאַכט.

ל י ל י ת:

אַלע שטאַמען
פון אַ מאַמען,
לעבן וואַקסט אַרויס
פון אַ שויס.

נישט געווען איז אין גן־עדן
נישט קיין זינד און נישט קיין שאַנד
ביז דער נאַר, דיין זיידע,
האָט די פרוכט פון נאַרישקייט פאַרזוכט
און פאַרלאָרן גאָט׳ס פאַרשטאַנד.
טראָגסטו איצט די פלוך
פון אַ גלוסטונג און אַ מורא,
פון אַ ליבשאַפט און אַ שאַנד
און עס מאַטערט דיך אַ תורה
מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט.

שויס — פון אומצוכט אַ געפעס,
שויס — פון שאַפונג סוד און נס,
הימלדיקער תענוג,
וויסטע הייל פון פיינען,
בענקשאַפט צו די שטערן,
חיה׳שע באַגערן,
זיווג מיט דער שכינה,
קין׳ס בלינדע שנאה,
פרייד פון וויטסטן דור,
מאַטערניש און מאָרד —
אַלץ איז טפה לייב
וואָס איז שויס פון ווייב.

האָט ער דאָך געוואָלט אַזוי,
האָט ער דאָך געמאַכט אַזוי,
אַז אין טפה לייב פאַרבאָרגענעם
זאָלן דיינע דורות מאָרגענען,
און פון קוואַל פון נידה
זאָלסטו שעפּן דיין עליה און ירידה.
איז וואָס בינדסטו אים אַ שטן אָן,
אַז דאָס אומריינע און ריינע
הויערן אין אים אינאיינעם?
און וואָס בינדסטו זיך געבאָטן אָן,
אַז די קדושה און די טומאָה
פון דעם שויס דעם זעלבן קומען?

און צו וואָס דאָס טײלן, שפּאַלטן, רײסן
זיך אַלײן אין צװײען,
אַז דאָס שוואַרצע מיטן װײסן
װי די חתן־כּלה גײען
און דער זיווג איז פון אים אַלײן,
און דער זיווג איז אין אים אַלײן?

גאָט האָט נישט געװאָלט זיך שײדן
פון דײן זײדן אין גן־עדן.
איז געקומען צום פאַרשלאָפענעם
און אָ װײב געגעבן מיט אָ שויס אָן אָפּענעם:
דאָ האָסטו פון שאָפן זיך דעם סוד,
זײ אַלײן אָ גאָט!
האָט די נאַרישקײט פאַרנאַרט אים
אין אָ בלעטער־גאַרטל
און אַרויסגעגנאַרט פון אײביק־לאַנד
מיט אָ שרעק פאַר זינד און שאַנד.

מיר דאָ בײדע
װי דײן זײדע אין גן־עדן.
שפּרײט איך מײנע קניען אויס,
עפן איך פאַר דיר מײן שויס,
נישט פאַרגאַרטלט, נישט פאַרשטעלט,
נאָר אין פרײד אויף דיר צעקװעלט.
װאָס עס גליט אין דיר און צינדט
איז נישט שאַנד, איז נישט זינד,
נאָר געבאָט פון דײן גאָט,
צו דער אײביקײט אָ טראָט.
װאָס עס רופט דיך צו באַהעפטונג
איז נישט אומרײן און נישט רײן,
נאָר אָ תּפילה אויף די לעפצן
אין דער אײביקײט צו גײן.
לײז דיך אויס
פון דער קללה פון צעהאַלבטן,
קום אין שויס
פון דער שכינה אָ געזאַלבטער,
אײנס װי גאָט,
גאַנץ װי גאָט,
װעט ער זען זײן בילד אין דיר,
װעט ער פרײען זיך מיט דיר —
קום!

אַזאַ נאַכט מיט גראָע הימלען,
פּוכקע, שלעפּעריקע, פּוילע,
אַזאַ נאַכט — די דריטע וואָך.
הייבט דער הונט אָן פלוצלונג וואָיען
מיט אַזאַ פאַרדעמפטן טרויער —
וואָס איז אים געשען?
נישט קיין קול, קיין טריט צו הערן,
נאָר דער הימל־ראַנד
האָט צעצונדן זיך, און בראַנד
שיסט מיט צינגער, לעקט די שטערן.

ווייט פון דאַנען? נאָנט פון דאַנען?
פלאַמען שפּאַנען מיילן־שפּאַנען,
שלינגען שטח, טראָגן מיט
טויבן טומפּ פון טויזנט טריט,
קוי־געמעק און מענטש־געשריי,
פערד־געהירזש און קינד־געוויין,
הערסט און זעסט און שטייסט אין אַנגסטן —
ווי דערגרייכסטו, ווי דערלאַנגסטו
ברודער־מענטש אין נויט,
שטומע פּי אין נויט?

קומט אַ קול פון הינטער פּלייצע:
— ביסט נישט איינער אין דיין אַנגסט.
אַלע ציטערן אין אַנגסט.
הער דאָס וואָיען פונם הונט,
דעם געצוויטשער פון די פייגל,
דעם געשאָרך פון די אַאירן —
אַלע ציטערן מיט דיר
ווייל ס'איז האַרץ פון געשאַף צערירט
און צעציטערט
פאַר באַשעפענישן־ברידער.

ווער איז דער וואָס רעדט?
תשבי מיטן גאַרטל? אַלטער הלל?
ר' חסדאי? ר' ישראל מעזיבאָזשער?
ס'ווילט זיך אים נישט זען, נישט קענען
נאָר דאָס קול זיינס הערן:

— אַלע גיפטיקע רעיונות,
וואָס ווי שלאַנגען

האַלטן דיך געפאנגען
אין אַ קנויל פון ספקות,
טרינקען זיך אַליין אָן מיטן סם
פון די בריענדיקע ציגגער
און צעשטויבן זיך ווי פּראָך,
ווען דיין עלנט שלאָגט זיך אָן
אָן אַ ברודערס בראָך,
און דאָס האַרץ פון געשאַף
ציטערט אויף אין דיר מיט רחמים.

אפשר איז גאָר דער וואָס ברענט דאָרט
זינדיק מיט אַ טויזנט זינד
און פאַרדינט,
אַז זיין האָב זאָל ברענען.
מעסטו נישט קיין גוטס און שלעכטס,
וועגסטו נישט קיין מעשים.
איבער שטראָף און איבער שכר
טוטסטו זיך אָן מענטש באַהעפטן
אין די פלאַמען פון געפאַר,
ווען דאָס האַרץ פון געשאַף
ציטערט אויף אין דיר מיט רחמים.

נישט אַ דאָרן אין דער מדבר
לאָזט מען פאַר דיר ברענען
צו דערקענען
דאָס וואָס אייביק איז
נאָר אַ מענטשנס דאַך און האָב,
גרונט און שוץ פון לעבן.
אין דיין ציטער, אין דיין שרעק
פאַר אַיעדער רגע לעבן
ווערט די אייביקייט אַנטפּלעקט
ווען דאָס האַרץ פון געשאַף
ציטערט אויף אין דיר מיט רחמים.

## 9.

אַז דאָס רויט פון דער זון נעמט שטייגן באַגינען,
און די נעפּלען פון איבערן וואַסער צערינען,
און דער טוי פון נאַכט אויף די גראָזן צעפינקלט
און ס'צעזינגען זיך פייגל פון אַלע ווינקלען, —

צעפּליט אויך פון מוח די מחנה צווייפלען,
וואָס האָבן דאָס האַרץ פאַרקלעמט אין רייפן,
און אַלע טאָמער'ס און הלמאי'ס און פאַרוואָס'ן
ווערן ווי נעפּל אין זון צעפּלאָסן.

אַזוי גרויס איז דיין אָרעמקייט, אָרעמער פרעגער,
און דיין קליינקייט ווי קעגן אין־סוף אַ רגע —
וואָס ווייסטו דען מער ווי דער פויגל וואָס טרילערט
און זוכט זיין שפּייז אין די גראָזן, די קילע?

כ'ווייס טאַקע נישט מער. נאָר דאָס ווייסן מיר ביידע,
דער פויגל און איך, אַז דאָס האַרץ וויל ריידן,
און ס'איז דאָ אַ האַרץ וואָס גאַרט צו פאַרנעמען
פון אים דעם געטריל און פון מיר דאָס קלעמען.

און ס'איז דאָ אַ קלאָרקייט אויף יעדן צווייפל
אין אייביקן, נישט־געשריבענעם ספר,
און צו קשיות אַ תשובה, און צו סודות אַ שליסל,
כאָטש איך מעג זיי קיינמאָל נישט זוכה זיין וויסן.

טאָ באַנעץ די פינגער אין די טויאיקע גראָזן
און זאָג אַ ברכה צו די רזי דרזין,
און בענטש דעם בונד פון דיין פרעגן צעקלעמטן
מיטן ליכטיקן, ווייטן, פאַרהוילענעם ענטפער.

## 10.

עס טונקען אין דיר ווערבעס דינע צווייגן־ריטער,
עס שווענקען זיך אין זייער שאָטן זאַפטיקע טשעראָטן,
דורך וואַלד און ישוב, אונטער בלאָקייט און געוויטער
די כוואַליעס טראָגסטו ווי מ'האָט דיר געבאָטן —
אַ טייך צום טייך.

אַ קוואַל האָט דיך געבוירן. פון די טיפענישן
אַרויסגעשטויסן צו דער זון: גיי גראָב דיין בעקן,
פאַרוויש מיט כוואַליעס וואָס דו קענסט פאַרווישן,
פאַרדעק מיט שטראָמען וואָס דו קענסט פאַרדעקן,
און זיי אַ טייך.

האָסטו געפאָלגט און זיך געגראָבן. נישט געפרעגט
וואָס איז דער זין פון גראָבן זיך און וויפיל פרייער ווילן

דיר איז געגעבן אויסצוקלייבן זיך אַ וועג.
קען זיין — מ'האָט דיך געשיקט בלויז צו דערפילן
דעם ווילן פון די טיפעניש, און דיין אָטעם, דיין נשמה
איז שוין פון לאַנג פאַרגרייט געווען, ווי ס'איז געווען פאַרגרייט
דער טאָל, דורך וועלכן ס'יאָגן דיינע שטראָמען.
קען זיין, אַז אַלץ: דיין טיף, דיין ברייט
און יעדער קער דיינער זיינען זינט אַלע אייביקייטן
געווען פאָראויסבאַשטימט, און דו אַליין קענסט גאָרנישט בייטן,
אין גורל, אין פאַרצייכנטן. האָסט נישט געפרעגט
און פרום געגראָבן זיך דיין וועג,
דעם וועג פון טייך.

און נישט געפרעגט האָבן די ריטשקעלעך און שטראָמען
וואָס האָבן דיינע וואַסערן מיט זייערע פאַרמערט.
דו האָסט דערגרייכט דיין ציל. מען האָט געגעבן דיר אַ נאָמען
און ביסט געוואָרן צווישן אַלע טייכן אויף דער ערד
אַ טייך.

איצט לעבסטו. שפּיגלסט זיך אין הימלדיקע טיפן
און כמורעסט זיך אויף כמאַרעס. שלינגסט בייַנאַכט די שטערן.
טראָגסט אויפן רוקן פליטן, שיפן.
לאָזסט פיש אין דיינע קילקייטן זיך מערן.
דיין וואַסער טוט אי מענטש אי פי דערקוויקן.
נאָר ווי אַ חיה קענסטו אויך פאַרציקן.
אונטערן שווערן דעק פון אייז
דורך פינצטער שפּאַרסטו זיך און גראָבסט דיין בעקן,
און מיט באַפרייאונג קומט נקמה, פלייצט און רייסט,
ביז אויסגעפלייצט דעם צאָרן און אין אַלטע ברעגן
ביסטו צוריק אַ טייך.

עס וועט זיך אויסשעפּן אַמאָל דער קוואַל וואָס נערט דיך
און טריקעניש וועט אויפעסן די שפּייזער־שטראָמען.
מיט לעצטער כוואַליע וועט זיך אויסלאָזן דער גאַנג באַשערטער
און אָפּגעבן דעם הימל דיין נשמה.
וועט כביכול אויפמישן דעם לאַנגן רייסטער
פון גוטס און שלעכטס, וואָס איז אויף דיר פאַרשריבן,
און זען, אַז אין די שלעכטע ווי די גוטע מעשים
ביסטו דיין שליחות טריי געבליבן,
און זאָגן: ער האָט אויסגעפילט די שליחות פון אַ טייך,
ער איז געווען אַ טייך.

## 11.

— דאַנקען גאָט, ביסט שוין דאָ.
— אַז פֿאַרוואָס זאָל איך נישט זיין?

יעדן מאָרגן די זעלביקע רייד. אָפּגעדאַוונט, אַ ביס געטאָן,
און אין וואַרעמען בעט אַריין. הינטער פֿאַרריגלטע לאָדנס
שטיקט די נאַכט וואָס געבליבן פֿון דריי נפשות אין קאַמער.
פֿליגן ווילן נישט גלייבן דעם טונקל און שפּרינגען אין פּנים.
דוואָשע קלייבט זיך אין דרויסן אַרויס. נאָר די ווייבער
פֿון די אַנדערע קאַמערן גוידערן, רייסן דעם שלאָף, דעם מאַנ'ס.
ע' דערשפּירט ווען ער עפֿנט די אויגן און שלייכט זיך אַריין:
— נח, שלאָפֿסט?
— יאָ, איך שלאָף.

אַז זי דרייט זיך אַדורך דורכן קאַמער, דערהערט ער
און באַגלייט זי מיט חידוש: ווער איז אָט די פֿרוי?
נישט פֿון אים קומט דער חידוש. ס'איז יענער פֿון נאַכט,
פֿון מחשבות און ספֿקות ביים טייך, וואָס פֿאַרשטייט נישט:
צו וואָס ליגט ער אין בעט דאָ? וואָס איז אים די פֿרוי,
אירע קינדער, די זאָרגן און קלעמעניש זייערע? וואַרפֿט ער זיך
ווי צו ווערלן אַנטלויפֿן פֿון יענעם און גראָבט זיך אין קישן.

פֿאַלט אים איין: אפֿשר האָט זי דערהערט
די מחשבות פֿון יענעם. וויל ער תשובה טאָן
און ער רופֿט זי. זי ראַנגלט זיך: שכנות וועלן דערהערן —
און צעשמעלצט פֿון זיין ווילן. פֿאַרזינקט ער אין וויסן,
אַז דאָס האָט ער פֿון פֿרעמדקייט צו איר זיך צוריקגעבראַכט,
און ביי איר פֿלאַמט דאָס פּנים און שכנות דערקענען.

ביי דער וועטשערע שמועסט מען. ווי קען זי שלאָפֿן
אַז ער שטייט דאָרט ביינאַכט אין אַ מדבר אַליין?
און נישט זינדיקן זאָל זי — ס'איז טאָקע נישטאָ
אויף חיונה גענוג און די חובות אין קרעמלעך וואַקסן.
נאָך אַ גליק וואָס די מאַמע פֿאַרגעסט נישט אָן זיי.
און אַז ווינטער וועט קומען? . . . זי רעדט און זי כאַפּט זיך,
אַז די אויגן ביי אים הינטער ברילן בלאָנדזשען.
— נח, הערסט וואָס איך רעד?
— וועגן ווינטער . . . אַוודאי.

וואָלט ער עפּעס געזאָגט אַמאָל! האָט זי קיין האַרץ נישט
אים צו קלעמען מיט ווייבערשע מאָנעכצן . . . וואָלט זי
אויף די הענט כאַטש אַ פּיצלס געהאַט! . . וועדט זי תקיפֿ'ער

ווען זי קען מיט דער בשורה דערפרייען אים: ווידער פֿאַרגאַנגען.
נאָר דאָס טראָגן איצט קומט איר אָן שווער. ווייבער זאָגן —
זי דאַרף פּוטער און אייער. האָט ער זיך נישט געכאַפּט,
אַז זי האָט אים ביים אָנבייסן פּוטער געשטעלט?
ווייל אויב פּוטער, זאָל זיין שוין פאַר אַלעמען.
— נח, הערסט וואָס איך רעד?
— וועגן פּוטער . . . אַוודאי.

.12

קלויזניקעס ביים ברעג האָבן נישט די העזה בפרהסיא
צוגיין, אַנמוטן דעם וועכטער רייד. אָבער וויסן וויל מען
וואָס אַזוינער טראַכט, אין וואָס ער קוקט אַריין ביינאַכט.
טשאַטעוועט מען און מען כאַפּט די ווייַלע ווען ער גייט אַרויס
מיטן הונט אַרומשפּאַנען דעם ברעג, ציט מען אָפּ דערנאָך
מיט אַ ספר אין אַ בוזעם, און אויף מאָרגן זיצט מען
אין אַ ווייבער־שטיבל און מען לייענט שירים. ס'איז באַ'טעמ'ט,
אָבער אויפן שער־בלאַט איז אַ שטעמפּל פון ר' מרדכי'ן.
ציט מען גורל ווער ס'זאָל גיין די גנבה אָפּטראָגן.

אָנהייב נאַכט. דער וועכטער זיצט אַליין אין דרויסן.
טריט געגענען. בלעם לאָזט עס וויסן. ציטערט אויף אַ קול
און אַ בחור'ל פון אַ יאָר דרייצן טראָגט דעם ספר אויסגעשטרעקט:
— כ'האָב עס נישט גענומען. כ'קום בלויז אָפּגעבן.
שמייכלט נח אויף: — קונדייסים! . . . אָבער ווערט באַלד ערנסט:
— ס'איז נישט רעכט. דער ספר איז נישט מיינער. — מ'עט עס
מער נישט טאָן — פֿאַרזיכערט דער שליח. איצט דאַרף ער שוין גיין
און ער שטייט נאָך אַלץ: — איך בין דעם מורה־הוראה'ס זון.
עליע הייס איך. וויל איך איר זאָלט מיר דעם אמת זאָגן.
—וועלכן אמת?—האָט דער ים־סוף זיך געשפּאָלטן? און די לוחות—
ווער האָט אויסגעקריצט די לוחות? . . . שטייט דער וועכטער
אַ פֿאַרציטערטער: — וואָס פרעגט איר זיך ביי מיר? — איר ווייסט.
— ווער האָט אייך געזאָגט? — ווילט איר מיר נישט ענטפערן?
— לערנט, וועט איר וויסן. — אַז מען לאָזט נישט!
— וואַרט ביז איר וועט איבער זיך אַליין רשות האָבן.
— כ'קען נישט. ס'איז צו לאַנג. — מער קיין ענטפער קריגט ער נישט,
אָבער גיין גייט ער נאָך אַלץ נישט. העלפט אים נח:
— האָט קיין מורא נישט. כ'וועל נישט דערציילן קיינעם.
דאַכט זיך — שוין. אַ טראָט געשטעלט און ווידער זיך פֿאַרהאַלטן
מיט בקשה, טרערנדיק: — בלויז איינס מוזט איר מיר זאָגן:

וועט משיח קומען? — אַז איר דאַרפֿט אים, וועט ער קומען.
— איך פֿאַרשטיי נישט. — איר וועט נאָך פֿאַרשטיין אַמאָל.

שעה'ן נאָכדעם גייט פֿון נאַכט אַ נאָך־קול: וועט משיח קומען?
און באַגינען צו האָט נח וואָס צו ענטפֿערן דעם בחור:

עס וועט קומען אויף דיר אַזאַ ליכטיקע רגע,
וועסט דערקענען דעם בונד צווישן עלנטן פֿרעגער
און אייביקן ענטפֿער און זאָגן ווי איך:
נישט פֿאַר מיר דאַרפֿסטו פֿיינען און שיינען, משיח!
נישט פֿאַר מיר דאַרפֿסטו ברעכן דעם קאַרק אונטער אייזן
און גיין צום כביכול די וואונדן באַווייזן,
כ'בייג אַליין מיין גניק אונטער אייזערנע יאָכן,
און אין אייזן פֿון יאָך ווערט געשטייפֿט מיין בטחון.

נאָר דער בחור קריגט דעם ענטפֿער נישט. דאָס צווייטע מאָל
אַז ער שאַרט זיך צו צום בײדל, טרעפֿט ער נאָך אַ מענטש,
אָבער שעמט זיך נישט און זאָגט: — כ'בין אַ נאַריש יינגל, מיינט איר,
און דעריבער ווילט איר מיר נישט ענטפֿערן. בין נישט אַזוי נאַריש.
איך קען אַלץ פֿאַרשטיין. פֿיניע פֿרעגט דעם טייטש
און גיט רעכט דעם עלטערן: — אַוודאי איז גערעכט ר' נח:
לערנען דאַרף מען. קומט צו מיר . . . דערציילט ער אים
פֿון קאַברינער און פֿון קאָסאָווער וואָס לערנען זיך ביי אים,
כאַפּט זיך עליע אָן, צעשיינט. איצט איז ער שוין דאָ נישט פֿרעמד,
זיצט ער, הערט ווי דער, וואָס דאַרף זיין רבי ווערן, רעדט
פֿון פּייטנים גוי'שע און וואַרפֿט מיט פּסוקים אויפֿן פֿרעמדן לשון
און פֿאַרגעסט ווי שפּעט עס איז. דערשרעקט זיך פֿיניע:
— אַז איר ווילט זיך ביי מיר לערנען, קומט ניט מער אַהער.
אָבער עליע איז פֿאַר'שיכור'ט, דרייט זיך אַרום בײדל. ביז אַ נאַכט,
און פֿון הינטער אים וואַקסט אויס אין פֿולער הויך דער ברודער,
דער וואָס זאָגט דעם עלטסטן שיעור אין תלמוד־תורה:
— שוין זאָלסטו אַהיים גיין! . . . נישט קיין וואָרט צו די פֿאַרפֿירער,
נאָר ווי ס'טרייבט אַ בייזער ייד אַ קעלבל, שפּאַנט ר' וואָלף
הינטערן צעמישטן ברודער, יאָגט אים מיטן בליק,
מיטן בייזן בליק אין פּלייצע אין דער נאַכט. מאָרגן אַוונט
אויפֿן ברעג אַ געיעג. ס'שפּאַנט דער שוואַרצער דיין ר' יואל זרח,
הינטער אים צעהיצטע באַלעבאַטים, קוקן אין די פּנים'ער
און מען טרייבט: — טעג צו עסן גיב זיי! זיך אַרומצושלעפּן דאָ
מיט ליידאַקעס, מיט שמד'אַלניקעס! איר וועט שוין שפּאַנצעצירן!
ווער עס איז געכאַפּט, באַגראָבט דאָס פּנים, ווער נאָך נישט
יאָגט זיך, טראָגט זיך מיט דער נישט־געכאַפּטער גנבה.

גייט אַ ריידביים רב : — אַן אַפּיקורסים־נעסט . . . דער סעלצער...
נאָר ווען אַלע היצן זיך, מישט זיך ביי ר׳ יחיאל׳ן אין מוח :
— שומר ביים געהילץ . . . וואַסער־טרעגער, האָלץ־העקער . . .
וויל ער וויסן ווי איז עס געוואָרן, הערט ער, אַז דער סעלצער
האָט דעם מעמד אַנגעוואָרן, אַז אַ קינד איז אים געשטאָרבן,
אַז ער איז אין הקדש אויף אַ טיפוס אָפּגעלעגן . . . ציטערט ר׳ יחיאל,
זעט ער ווי דער נח שטייט פאַר אים און בעט זיך, ער זאָל גיין
ראַטעווען אים מיט אַ וואָרט. פאַלט אים אָן אַ פּחד,
הערט ער, אַז מען וויל שוין ווידער רופן אים צום רב,
שטעלט ער זיך אַוועק מיט אַ געבעט : — רבותי, איך אַליין וועל גיין,
איך אַליין וועל אַלץ חוקר ודורש זיין . . . קוקט דער רב און די דיינים,
קען מען אים נישט מעיז פּנים זיין, נעמט מען אויס אַ תנאי :
— אָבער איר זאָלט קומען דאָ דערציילן אַלץ . . . — אַוודאי אַלץ . . .

דורכן עולם יונגוואַרג אויפן ברעג ביינאַכט ר׳ יחיאל גייט
מיט דער גרויסער גמרא אונטערן אָרעם. קוקט ער, זוכט ער,
זעט אַ יידישלעכן בחור, פרעגט ער : — וואו איז דאָ דאָס ביידל ?
פונם שומר ביים געהילץ דאָס ביידל ? ווייזט מען אים, דערזעט ער
פאַרן שוועל אַ הונט, רוקט ער זיך פאַמעלעך, שרייט : — ר׳ נח !
קומט אַרויס דער וועכטער. רופט ער פונדערווייטנס : — כ׳קום צו אייך.
זיך דערוואוסט — איר וועכטערט דאָ. קענט איר דאָך אוודאי נישט
קומען צו מיר איצטער . . . ער דערנענטערט זיך צום ביידל,
גיט אָפּ שלום : — כ׳האָב אַ ליכט געבראַכט, מיר זאָלן קענען לערנען.
זיצט ער שוין ביים שוועל און די גמרא אַלץ אונטערן אָרעם.
ריידן ווילט זיך ר׳ יחיאל׳ן : — ראשית טו איך ביי אייך בעטן מחילה.
— איר ? פאַרוואָס ? — פאַר יעמאָלט, ווען כ׳האָב אייך געלאָזט
אַוועקגיין
מיטן ליידיקן . . . אַ זינד געווען . . . — איך האָב פאַרשטאַנען —
ענטפערט נח :
אייער תורה איז אַזאַ. בין אָדם בלויז למקום. — נו, און אייערע ?
— וואָס למקום וועל איך לערנען. לעבן וויל איך לעבעדיקע תורה.
— און ביי מיר דאָס לעבן איז אַריין אין לערנען, האַ ? לשם שמים אַלץ ?
און מיט מענטשן טו איך רשעות ?...—יעדע פרישות איז אַ רשעות—
דרש׳נט נח : ס׳שטייט בעל־כרחך אתה חי. לעבן מוז מען.
און ווער ס׳גייט אַרום מיט תורה, וואָס איז גוטס און ליבשאַפט,
און פאַרמיידט דאָס גוטס פון אַנדערע . . . — ווערט אַ רשע, האַ ? . . .
אפשר, אפשר . . . — וויגט זיך ר׳ יחיאל. — נו, און דער גלות ?
וואָס מען זאָגט, עס קומט צו אייך אַזאַ גלות — ווער איז ער ?
נח ווערט צעמישט : פון וואַנען וויים ער ? ס׳ווערט פאַרדעכטיק
אי דאָס קומען זיינס, אי די גמרא : — ווער האָט אייך דערציילט ?

ווייס ר׳ יחיאל נישט קיין סודות: — כ׳האָב געהערט ביים רב.
מ׳האָט געטריבן די ישיבה־בחורים פון דאַנען, האָט מען עס דערציילט,
און פון אייך דערציילט. פון וואַנען ווייס איך דען צו זוכן אייך?
צינדט זיך נח אָן: — ביי וועמען די אמונה איז אין יאַרמולקע,
שרעקט זיך פאַר עין־הרע׳ס. מיין אמונה האָט אַ פעסטערן יסוד
און איך דאַרף נישט קיין משגיחים! . . . קומט צוריק דער פחד,
באַמבלט ווידער זיך אין מוח: — שומר, וואַסער־טרעגער, האַלץ־
העקער —
בעט זיך ר׳ יחיאל: — כ׳האָב, חלילה, גאָרנישט געמיינט . . .
אַז איר זאָגט, מסתמא ווייסט איר. נו, און לערנען וועלן מיר?
זוכט מען נאָך אַ קלעצל אויף צום זיצן און מען צינדט דאָס לעמפל.

פיניע קומט. זעט די צוויי איןביידל שאָקלען זיך איבער אַ גמרא.
שפילט ער זיך מיט בלעמ׳עז. שפעטער קומט אויך זשוקאָוו.
גיט אים פיניע צו פאַרשטיין, אַז דער וועכטער דאָ אין ביידל
איז נישט גלאַט אַזוי אַ וועכטער. הערן זיי זיך צו צום ניגון.
נאַכט ווערט טיפער. ר׳ יחיאל קלייבט זיך גיין. זאָגט פיניע:
— ס׳איז נישט רעכט צו לאָזן גיין דעם ראַבין אין דער נאַכט אַליין.
גייט ר׳ יחיאל, און דער סטראַזשניק פון דער ווייטן שפּאַנט אים נאָך
טריט ביי טריט ביז ער ברענגט אים צו דער טיר. מאָרגן פרי
פּאַלט אַריין ר׳ יחיאל אַ צעצונדענער צום רב: — אַ נחת, רבי!
אַזאַ נאַכט פון לערנען נישט געהאַט שוין לאַנג. — וואָס מיינט איר?
— מיטן סעלצער, מיט ר׳ נח׳ן. ביי אים אין ביידל. הוילע מתיקות!
— נו, און דער גלוח? — לשון הרע, רבי! מען דאַרף וויסן
וועמען חושד זיין. נישט אים! אויף מיין אחריות, רבי!
ר׳ יהושע לייבן שמעקט דאָס עסק נישט — צו וואָס אַזאַ התפעלות?
נאָר נאָך אַלע יאָרן כאַפּט ער זיך אַצינד — ער ציטערט
מיט אַ יראה אַ באַהאַלטענער פאַר אָט דעם קליינעם יידעלע.
„זיין אחריות" — זאָל ער! ער איז אין די הימלען אַ בטוח.

## .13

ווען נישט ר׳ יחיאל׳ס קומען מיט דער גמרא איינמאָל
און נאָך אַמאָל, וואָלט פיניע נישט דערוועגט זיך צושטיין
צו נח׳ן מיט קשיות. נאָר דער שותפות׳דיקער ניגון מיטן פּרוש
נאָך נעכט מיט אים, מיט פיניען, האָט צערודערט,
און נח אין אַ שעה אַזאַ, ווען ס׳ווילט זיך אויסלייגן
פאַר זיך אַליין אַ חשבון, האָט געמישט די בלעטלעך
פון די אומזיסטע פּשרות און רדיפות פון אומזיסטע שונאים.

ווי זאָל אים איינפאַלן, אַז פיניע מיטן קול פון נעכטיקן
און בטול־שמייכל, זאָל זיך פון דער העלער הויט צעשוימען
מיט צאָרן: — חיימ׳קע! . . . יאָ, מיט די ביינער חיימ׳קע! . . .

אַ שבת. פון צעפראַלטע פענצטער פון בית־מדרש האָט אַ ווינט
געפאַכט מיט די טליתים. עולם, וואָס פאַרגינט זיך
אַ שמועס טאָן אין דרויסן בעת׳ן לייענען, האָט זיך געררוקט
צום טיר. „פינף גילדן שלישי״ — האָט דער שמש
זיין מסחר אויסגעזונגען. קיינער האָט זיך נישט געדונגען.
נאָר ווען דערלאַנגט צום מפטיר, האָט פון הינטער אַלע בענק
אַ קול מיט אַ געבייזער אָפגעשניטן: — צוואַנציק גילדן!
דער שמש האָט געוואוסט צו וועמען ס׳דאַרף דער מפטיר
דעם שבת אָנקומען און זיך געזונגען זיינס: — צען גילדן!
האָט זיך דאָס קול פאַר׳עקשנ׳טער אַריינגעשניטן: — דרייסיק גילדן!
האָט שוין דער שמש נישט געהאַט קיין ברירה, אומגעקוקט זיך,
דערזען אַ פרעמדן — הילוך גוי׳שער און פנים פון אַ גוי —
און צוגעגאַנגען: — האָט נישט קיין פאַריבל . . . איר זענט דאָ
אַן אורח... ס׳ערשטע מאָל... דער פרעמדער מיט אַ בייז געלעכטערל
האָט אים פאַרזיכערט: — ס׳געלט איז קראַנט. מיין ברודער
קען צאָלן. — ווער איז אייער ברודער? — חיימ׳קע!
— וואָס פאַר אַ חיימ׳קע? — קומט, וועל איך באַווייזן.
פאַרביי די בענק און בימה, אונטער אָנגעשטעלטע אויגן
האָט ער געפירט דעם שמש צו דער מזרח־וואַנט,
זיך אָפגעשטעלט ביים ראש הקהל ר׳ חיים סעגאַל: — חיימ׳קע,
ווערסט דאָך באַצאָלן פאַר מיין מפטיר? ביי ר׳ חיימ׳ען
האָט באָרד און מויל צעציטערט זיך. ער האָט געקוקט
מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן און געשטאַמלט: — כ׳קען אים נישט . . .
דעם פרעמדנס פנים האָט זיך אָנגעצונדן. מ׳האָט דערזען
דעם ראש־הקהל׳ס שוואַרצע אויגן, ברעמען אויפן פרעמדן,
און ער האָט אויסגעציישעט: — חיימ׳קע, ווילסט דווקא אַן עליה
פון מיר דאָ? קענסטו עס פועל׳ן . . . מיט הענט אין שטענדער
ווי אויפצוהאַלטן זיך אויף שוואַכע קני, האָט זיך ר׳ חיים
צעשריען מיט תחנונים: — נעמט אים צו! ברענגט פאָליציי!
אַ רגע — האָט דעם ברודערס פויסט געהאַלטן שוין זיין קאָלנער
און ער האָט שטיל אין אים אַריינגערעדט: — דאָס קענסטו אויך . .
איך ווייס . . . אַביסל גזלה, אַ מסירה׳לע . . . פּרוביר, אַנו! . . .
עס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן פון מזרח באַלעבאַטים,
די ברידער אָפגעריסן און גע׳טענה׳ט: — גיט אים נאָך, ר׳ חיים!
אַ חילול קודש . . . גיט אים נאָך . . . עס האָט אַ גלאַנץ געטאָן
אַ טרער אין ראש־הקהל׳ס אויגן, האָט זיך אויסגעדרייט

און איינגעשפּאַרט זיך מיטן קאָפּ אין וואַנט. דער ברודער אָבער
איז שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן ביזן רוף: — ר׳ פּנחס בר׳ יונה!

שוין מיטן ערשטן אויסרוף — „צוואַנציק גילדן!״ — האָט דאָס קול
צעשפּרייט זיך אויף די שורות מדרש וואָס פאַר נח׳ס אויגן.
וואָס טוט ער דאָ? נאָר מיט די ווערטער: ברודער — חיימ׳קע —
האָט בליציק אויפגעלויכטן ווער דער פּיניע איז און ווער
מיטן דערציילן ווי ר׳ חיים האָט אַ מפטיר אויסגעדונגען
ביי ליפּע ווינשיינקער האָט אים געבראַכט אויף דער מחשבה.
דער טומל האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער זיך ווידער
פאַררוקט אין מדרש. נישט אויס מורא, אַז מען זאָל, חלילה,
פון פּנים נישט אַרונטערלייענען זיין חלק אינם שפּיל,
נאָר אויס פאַרדראָס: נקמה איז אַ מיאוס׳ע מידה!
נישט ער האָט עס געזוכט, נישט ער האָט פּיניען
רשות געגעבן זיך צו רעכענען פאַר אים. נאָר אַז דערנאָך
האָט פּיניע מיט אַ לויטערער הברה אָפּגעזאָגט די ברכות;
אַז ער האָט דעם בעל־קורא אויך אַוועקגעשאַרט
און קלינגענדיק איבערן גאַנצן בית־המדרש זיך צעלייענט
אין דער הפטורה, האָט אויך נח נישט געקענט דערשטיקן
אַ מין הנאה, וואָס איז אויך געווען נקמה אין זיין שונא.

ביינאַכט האָט ער געטאַדלט פּיניען: נישט קיין דרך!
מען טאָר אַזוי דעם ערגסטן נישט מבזה זיין!... און פּיניע
האָט זיך געשיצט: — איך שווייג שוין יאָרן... האָט ער מיך
באַ׳גזל׳ט — איז עס כאָטש זיין טאַטנס ירושה. וואָס האָט ער
צו אַנדערע? — די אַנדערע — זיי זוכן קיין נקמה נישט.
— איר זייט גערעכט — האָט פּיניע זיך דערנאָך געבויגן —
ער׳ט זיך דערוויסן, אַז איך קום אַהער, וועט ער זיך ווידער
אייך נעמען רודפ׳ן. — ער קען שוין מער קיין מעמד
ביי מיר נישט צונעמען. — ער קען אויך ערגערס טאָן — האָט פּיניע
דאָס קול פאַרגראָבן אין חרטה.

מער איז נישט געווען קיין רייד
און נישט קיין פּיניע אויך. אַוועק מיט יענער נאַכט
און ווי אין וואַסער. שפּעטער אַ פּאָר טעג איז זשוקאָוו
געקומען וואָרענען: — געווען אַ חברה־מאַן, דער דאָזיקער...
דער ראָבין דאַרף זיך אָפּהיטן, נישט ריידן דאָ מיט יעדערן.

ערשט דעמאָלט האָט זיך נח אומגעקוקט, אַז בלעם אויך
געפינט זיך נישט קיין אָרט. אַוודאי... האָט דאָך לעצטנס

זיך איינגעלעבט מיט פיניען — אפשר טאַקע איז אים מיט יענעם, מיטן שפּילעוודיקן, הימלעכער געווען. האָט ער אים צוגערופן און זיין קאָפּ אין דלאָניעס האַלטנדיק גערעדט: — זעט אויס — מיר האָבן אים פאַרשפּילט. מען טאָר נישט אַ מענטשן צופיל אמת געבן אין די הענט. סע שלאָגט צוריק... די האַנט, וואָס האָט אים אַזוי זעלטן אָנגערירט, האָט איצט מיט וואָרעמקייט אָוועקגעווישט די בענקשאַפט נאָכן צווייטן, און בלעם האָט די נייע נאָענטקייט אָנגענומען און געטרייסט זיך.

## .14

אין אַ רעגנדיקער נאַכט, אַ פינצטערער,
גנב'עט זיך אַ וואָגן צו די קלעצער.
בילט דער הונט — פריער אין דער נאַכט אַריין,
און דערנאָך צום וועכטער — מיט אַ רופנדיקן, מאָנענדיקן בילן.
גייט אים נח נאָך מיט שטאָק און פייפל, זעט:
צווייען שטייען זיי ביים לאַנגן וואָגן,
קייקלען איבער דרענגער קלעצער אויפן וואָגן.
אַ צעוואָרף די דרענגער און דעם שטאָק צעפּאָכעט: — לייגט אַוועק!
נאָר אַ יונג מיט ביינער כאַפּט אים אָן ביים לאַץ:
— טראָג זיך אָפּ, וועט זיין געזינטער!
כאַפּט דאָס פייפל נח און צעפייפט זיך
אין דער וויסטער נאַכט
און ער לויפט צום פערד עס אויסצושפּאַנען.
מיט אַ פויסט אין פנים וואָרפט דער יונג אים אויף די קלעצער,
שיסט דער שאַרבן פונקען פון די אויגן,
שפּרינגט ער אויף, צעפייפט זיך ווידער,
און אין שלאַכט מיט די גנבים שטייט שוין בלעם.
צוגעשפּרונגען, אָפּגעשפּרונגען מיט אַ בילעריי,
איינגעגעסן זיך מיט ציינער אין אַ ליטקע איינעם,
רעוועט דער געביסענער און זיין שותף מיט אַ דראָנג
מעסט איבערן רוקן בלעמ'ען. רעוועט מענטש,
הונט פון מורא'דיקע קלעפּ די ציינער שצימעט אין דער ליטקע
ביז עפּעס צערייסט זיך אין אים און ער פאַלט אַוועק.
פאַלט מיט אים אויך רעוועדיקער מענטש,
שלעפּט דער שותף אויפן וואָגן אים,
יאָגט אַוועק דער וואָגן מיט די קלעצער,
און מיט שאַרבן איינגעשרויפט אין פלאַמענדיקן רייף
טאַפּט זיך נח — בלויז אַ בייל אין דער פּאַטילניצע.
נאָר אָט הערט ער אַ באַנומענעם קאַוואַטשען,

טאַפּט אין פינצטער אָן דעם חבר,
לאָזט זיך אויף דער ערד צו אים אַרונטער: — בלעם!
אַ באַנומענער קאַוואָטשען איז דער ענטפער.
פּרוּווט ער אים אַ הויב טאָן — יאָמערדיקער, בעטנדיקער
ווערט דאָס קלאַגן.
און מיט הענט אונטער דער צאַפּלדיקער מאַסע,
מיט דער שווערער צאַפּלדיקער מאַסע אויף די הענט,
שפּאַנט צום ביידל נח. לייגט עס אויף דער ערד אַוועק,
און אַליין, אָן אויסגעווייקטער, מיט אַ פלאַמענדיקן שאַרבן,
זעצט ער זיך אַרונטער אויף דער ערד.
אויגן עפענען זיך, קוקן אויפן מענטש און שליסן זיך צוריק,
און דאָס סטענקען — כריפּעדיקער, אָפּגעהאַקטער.
נאָך אַמאָל אַ קוק: — די גסיסה מיינע.
נעמט דעם שוואַרצן קאָפּ אין זיינע דלאָניעס נח,
האַלט אים. דאַכט זיך — רו און אויסלייזונג
פליסט פון זיינע הענט אין קאָפּ פון גוסס.
אויגן האַלב שוין טויטע, מאַטערן זיך עפענען,
נאָך אַמאָל אויף אים אַ קוק טאָן. ס׳ציט זיך לאַנג,
ס׳ציט זיך שעה׳ן ביז דער קאָפּ ווערט שווער ווי שטיין
און טויט.
איצטער שטעלט זיך נח, זעט דעם מאָרגן גראָען
אין די רעגנדיקע וואָלקנס.
שפּאַרט זיך אָן מיט ביידע דלאָניעס, נישט געוואַשענע,
אָן די ביישטידלעך פון טיר.
און פון הינטער אים די טויטע חיה
שרייט מיטן גוואַלדיקן געשריי
פון די שעה׳ן שטומער גסיסה.

## 15.

הער אויף צו שפּאָרן זיך פון מויל מיינעם
מיט גאָט־געשיקטע ווערטער, נביא!
הער אויף און הער זיך צו צו מיר!

עס רייסט זיך אויך פון מיר דער גוואַלד פון בייז.
עס הענגט אויך אויף דער ברוסט ביי מיר
אַ זאַק מיט שטיינערדיקע רייד.
נאָר איך שטיי איינגעשרומפּן
אַנטקעגן דער פאַרבלענדעניש פון אומבאַנומענעם,
און ווער האָט מיך געשיקט,

אַז איך זאָל מעגן שטיינער שלעפּן פון מיין זאַק
און וואַרפן אין די שויבן פון דער וועלט ?

און דו וואָלסט אין דער נאַכט
געשטאַנען ווי אַ היימישער אַנטקעגן מילך־וועג
און אין דער פרי אין שטאָט אַוועק מיט רייד
פון בייזן טאַטן, גוטן טאַטן, רחמימ׳דיקן טאַטן,
און ס׳וואָלט קיין פּורכט דיר ניִשט געהאַמעוועט די צונג
ווי נאָר די ליפּן וואָלטן אָנגערירט דעם שליסל :
אַזוי זאָגט גאָט.

נישט דו דער טאַטע — ער.
ביסט בלויז געווען די כלי פון זיין ווילן,
פאַרפולטע, איבערפליסנדיקע כלי.
און טאָמער האָט ער דיך געלאָזט אַליין,
איז אויך אויף דיר געפאַלן
דער עלנט פונם דורשטיקן, פון פרעגער,
ביז ער האָט ווידער דיך באַרעגנט מיט זיין ווילן
און ס׳האָט די איבערפילטע כלי
זיך מער שוין נישט געזען
און גאַרנישט מער געפרעגט.

און איך בין איך. בלויז איך.
און יעדער צווייפל, רעטעניש און קשיא
שניידט ווידער אָפּ דעם נאָפּל
פון מוטער־לייב אין־סוף.
און פון דעם שווערן זאַק מיט ווערטער
מוז איך אַליין זיך נערן, וואַרגן זיך מיט זיי,
און יעדער וואָרט — אַ שלייפשטיין פאַר די מעסערס,
וואָס שניידן מיך אַוועק פון מוטער־לייב.

ניט שפּאַר זיך אויף מיין גומען מיטן איבערפלייץ
פון גאָט אין דיר !
האָסט דאָך געהאַט אויך טעג
ווען אין דער מדבר, אין פאַרבאָרגעניש
פון די וואָס האָבן דיך געיאָגט, ביסטו אַרומגעגאַנגען
אַ כלי אַ פאַרטריקנטע, אַן אויסגעלעכצטע
נאָך גנאָד פון נייער פולקייט,
און דעמאָלט האָסטו אויך געשעפּטשעט ווערטער,
דו האָסט זיי געשעפּטשעט , דו, דו . . .

מיט יענע ווערטער קום,
צו יענער טריקעניש אין דיר
לאָז מיר די ליפּן צורירן
און טועם זיין דעם דורשט נאָך איבערפלייץ,
דעם דאָרשטיקן בטחון,
אַז פון די הימלען אויבן וועט זיך גיסן פולקייט.

הער אויף צו שפּאָרן זיך פון מויל מיינעם
מיט גאָט־געשיקטע ווערטער, נביא!
רעד דו, רעד דו צו מיר.

## .16

עמוס פּאַשעט די שאָף אויף די בערג פון תקוע.
פון די בערג פון תקוע זעט ער די וועלט —
פון גרויסן ים
ביז די פעלדער פון מואב און מערק פון אַרם.
זעט ער שטעט ווי די זונות צעלייגטע אָן בושה
מיט האַרן און הערשער פון רויב צעיושעט,
און פעלקער ווי שאָף אין די צוין פון פּאַרציקער,
און פון אַלע באַדריקער
די שאַנד איז דאָס לאַנד פון ישראל:
זיי, וואָס מ'האָט זייערע לייבער אַמאָל
אין מדבר געגליט אויסצוגליען פון זיי
דעם שקלאַפישן שמאַד,
האָבן אייגן געביין פאַר שקלאַפן געמאַכט;
מען פיטערט דאָס לייב ווי געשטאָפּטע קי
אויף אביונ'ס ביסן און אָרעמענ'ס מי,
און די זינד פון אַלע צוימען אַרויס
מיט פאָטער און זון ביי איין זונה אין שויס.
איצט קומט די באַצאָלונג. די רוט פון באַשטראָפער
איז גרייט און זי גייט ווי אַ כמאַרע פון צפון
מיט די מחנות פון אַשור,
ס'וועט דער שטראָפער אין זעלביקן בלוט פאַרוואַשן
די זינד פון זינדער און אומשולד פון ריינעם,
און פאַלן וועט רויבער און רויב אינאיינעם
ווי לעמער, ווי שאָף,
אין טאָג פון שטראָף.

הערט עמוס אַ קול: — גיי אין בית־אל דער שטאָט,
אין דער רויבערישער נעסט,
און זאָג וואָס דו זעסט.
פאַלט ער צו דר׳ערד:
— צי וועט דען דאָס וואָרט פאַרמיידן דעם שווערד?
— דאָס וואָרט וועט איבערלעבן דעם שווערד.
— איז ווער בין איך,
אַן אָרעמער פאַסטוך, צו זיין דיין שליח?
ענטפערט דאָס קול: — שטיי אויף און גיי.

שטייט עמוס אין שטאָט פאַר ירבעמ׳ס פאַלאַצן,
און דעם קעניג׳ס באַדינער מיט צימבלען און טאַצן
פאַרטויבן זיין וואָרט. נאָר דאָס פאָלק, דאָס באַרויבטע,
הערט צאָרן און ווי אויך פון רייד פאַרטויבטע
און ציט זיך צו אים ווי אַ סטאַדע צום פאַסטוך.
זעט דער כהן אמציה די קנעכט, די פאַרהאַסטע,
ווי ס׳רייסט זיך פון זיי דער געוואָרגענער צאָרן,
און חוזק׳ט פון פרעמדן און וואָרנט:
— וואָלסט בעסער אין יהודה פאַרקויפט דיין נבואה.
דאָ וואַקסט נישט קיין ברויט פאַר אַזעלכע ווי דו.
זאָגט דער באָרוועסער פאַסטוך:
— מיין ברויט איז אין זאַק ביי דער סטאַדע שאָף,
און דו הער דיין סוף:
ווי דו האָסט צו זינד אַנטפּלעקט דיינע לענדן,
וועט דער שונא דיין ווייב פאַר די אויגן דיר שענדן.
די זין און טעכטער,
וואָס דו האָסט געפיטערט מיט רויב פון גערעכטן,
וועט ער אויפן שטיין דאָ צעשעכטן;
דיין שיצער, דער קעניג, וועט פאַלן פון שווערד,
און דיך וואָרט אַ טויט אויף אומריינער ערד!
לויפט דער כהן צום קעניג, און די מחנה צעצונדן
קלאַמערט צו עמוס׳ן:
— נביא, דערלייז אונז, באַווייז דיינע וואונדער!

מען פאַלט צו די פיס,
מען ליגט אויף דער ערד צעשפּרייטע
מיט געבעט און געוויינען,
און עמוס זעט: באַלד וועט מען קומען פון קעניג
אים שמידן אין קייטן,
און ער וועט נישט רירן

קיין אבער און לאָזן זיך שמידן און פירן,
נאָר ס'חיל פון קעניג אַלץ איינס וועט צעטרעטן
די שמאַכטיקע גופים, וואָס פיינען און בעטן —
ער זעט,
און פון מיטן געבעט
ווי פון אומגליק אַנטלויפט ער,
און עמעצער שרייט: — ער איז אויך אַ פאַרקויפטער!

עמוס אַנטלויפט, פון זיין שליחות דערלייזט.
און אויב ס'האָט דאָס וואָרט אויף אַ ווייל אויסגעטיילט אים
פון אַלע, וואָס שווייגן, האָבן קללות געטרייסט
און באַפרייט פון דער לאַסט פון דערוויילטן.
פון די בערג פון תקוע שיקט ער זיין זאָג:
— ס'קומט אַ טאָג:
ווער עס בויט אַ הויז וועט דער איינוואוינער בלייבן,
ווער עס אַקערט אַ פעלד, וועט די תבואה קלייבן,
ווער עס פלאַנצט די טרויבן, וועט טרינקען דעם ווייַן
אין דעם טאָג
ווען גאָט וועט דער איינציקער קעניג זיין.

## 17.

זשאַבעס קוואַקען. ביים שוועל פון אַ שטרויעןביידל
אויף אַ פליט אויפן טייך האָט אַ שייגעץ
זיך צעפייפט אויף אַ פייפל. פון דיביימער
קומט געזאַנג פון אַ נאַכטיגאַל. שטיקלעך וואָלקן שווימען
איבער די שטערן און די ביימער אין לינדן ווינט —
אָט אַ רויש, און אָט שטיל.

ר' מרדכי זיצט אויף אַ קלאָץ און זיפצט אָפּ: — מנוחה . . .
און אין אייך איז שוין גאָר קיין מנוחה נישטאָ.
וואָס יאָגט אייך פון איין ספר צום אַנדערן?
דער וועכטער, ווי מ'וואָלט אים געכאַפּט ביי דער האַנט, שטאַמלט:
— כ'האָב גאַנצענע נעכט צום לייענען.

שטיל. אויפן טייך דער שייגעץ בענקט. אַזוי אָפן
דערציילט עס דאָס פייפל. דער וועכטער פאַרשעמט זיך:
— ס'איז אמת — איך קען נישט קיין ספר דערלייענען.
— וואָס טרייבט אייך? — אָט דאָס דאָ אַרום.

ר' מרדכי קוקט נישט פאַרשטייענדיק. דער וועכטער
מאַטערט זיך מיט די רייד: — די מנוחה דאָ וואָס איר פּילט
איז נישט אייערע. ס'איז פון דאָ. פון דער שלימות אַרום.
דאָ איז שלימות אין אַלץ. אָט אַ בוים. ער ווייס.
ער איז איינס מיט זיין גורל — צו גרינען זומער
און נאַקעט זיין ווינטער. און ווען ס'קומט די האַק,
לאָזט ער זיך נעמען פאַר אַ קלאָץ אין אַ וואַנט
צי אין פייער אויף קוילן. ער פּילט די גילגולים זיינע
און ווייס, אַז אין יעדן גילגול בלייבט ער אַלץ אין יצירה.
ער איז גאַנץ מיט זיין בורא. מיר — נישט. קיינער נישט.
אַלע מאַטערן זיך צו געפינען די שלימות, יעדער איינער
אויף זיין אייגענעם שטייגער, און ביז יציאת נשמה
ווייסט מען אַלץ נישט דאָס וואָס עס ווייס דער בוים.

—און איר מיינט — אַלע שטאַרבן אָן שלימות?
— אויב שלימות דאָ — צו וואָס דער גן־עדן דאָרט?
צו וואָס געמאַכט פון דער וועלט בלויז אַ פּרוזדור?
הייסט עס — דער אייגענער פלאַץ אין יצירה
קען דאָ נישט דערקענט ווערן קיינמאָל,
און דער תיקון דאַרף קומען ערגעץ וואו, ערגעץ ווען,
דורך אַ שליח, דורך גאָט'ס מוזיניקל, וואָס ער האַלט אים
באַהאַלטן הינטערן כסא־הכבוד, ווי, להבדיל,
אַ יידענע אונטערן פאַרטוך, און וועט אים אַרויסלאָזן איינמאָל
און באַקרוינען מיט זיבן קרוינען און לאָזן מחיה־מתים זיין
און ברענגען תיקון דער וועלט.

— יונגערמאַן!
— כ'האָב עס פיינט ווי עבודה זרה!

ר' מרדכי שפּרינגט אויף:
— אַ גליק וואָס עס הערט אייך נישט קיינער.
נאָר דער וועכטער האָט שוין די ווערטער אין מויל
און רעדט געלאַסן: — איר זענט אַ ייד אַ גביר.
איר האָט גרויסע עסקים צו פירן און מוזט נעמען אייער אמונה
ווי זי גייט, צי ווי אייך איז גרינגער.
און איך בין אַן אביון, איך דאַרף נישט מער
ווי דאָס ברויט פאַר מיין ווייב און קינדער, און ביי מיר
איז אמונה דאָס לעבן. זאָג איך: משיח איז עבודה זרה.
איך וויל דעם תיקון דאָ, אויף דער ערד, און קודם —
אין זיך. כ'האָב נישט מורא פאַר ספקות און קשיות,
ווייל איך ווייס, אַז דער ענטפער איז דאָ,

אויף יעדן טראָט ערד וואו איך שטיי, און בין איך נישט זוכה
דעם ענטפער צו זען, ווי עס זעט דער טייך און דער בוים,
דאַרף איך מתקן זיין זיך און די וועלט ביז מיר׳ן קומען
צו זייער אָפּענעם וויסן.

— איר גייט אַהין פון וואַנען מען קומט נישט אַ גאַנצער צוריק.
— איך ווייס נאָר איין וועג — פון מענטש צו זיין מקור,
און אויף דעם וועג דאַרף נישט זיין קיין צוריק.
דער פלויט אַרום פרדס מיט די שומרים ביים טויער
איז פאַר יענע וואָס שרעקן זיך. די וואָס האָבן אמונה
זיינען גרייט אין פרדס נישט נאָר אויף רויזן
און טייערע פירות, נאָר אויך אויף דערנער און קראָפּעווע.
ר׳ עקיבא איז אַלעמאָל גרייט געווען לאָזן קאָמען זיין לייב
מיט אייזערנע קאָמען — האָט ער געקענט גיין דורכן פרדס
און קומען בשלום צוריק און לערנען די שרעקעדיקע
נישט צוצוגיין נאָענט צום פלויט.

ר׳ מרדכי׳ס קול ציטערט אויף מיט צאָרן:
— יונגערמאַן, דאָס איז חוצפה!
— חלילה, ר׳ מרדכי! איך בין אַ פּראָסטער ייד,
און ס׳איז גוט וואָס איך דאַרף מער נישט לערנען מיט קינדער אפילו,
ווייל איך ווייס נישט אַליין. נאָר פון קינדווייז אָן
בין איך געגאַנגען אָן שרעק דורך וואַלד און שטעג
און אויף מיין וועג צום מקור וויל איך אַוודאי
נישט וויסן פון מורא.

ר׳ מרדכי זיפצט אָפּ און מיט אַ קורצן: — זאָל אייך גאָט העלפן!
פאַר׳יאוש׳ט אַ מאַך מיט דער האַנט און פאַרשווינדט.
דער שייגעץ אין מיטן טייך מיטן פייפל
האַלט אַלץ נאָך אין שפּילן. איצט זיינען זיי ביידע אַליין
און וויט איינס פון צווייטן, און ס׳כאַפּט זיך דער וועכטער,
אַז אויך אין אים עפּעס ברומט אַ געזאַנג.
ער הערט זיך איין טיפער אין זיך און מיט אַ ניגון,
וואָס קומט פון וויטע קינדער־זכרונות, זאָגט ער:

איצט בין איך אַליין, נאָר איך האָב נישט מורא.
איך ווייס, אַז איך בין אין דיר
און אין דיר איז אַלץ אין דער וועלט מיט מיר.
נאָר איך בעט: זאָל דאָס וויסן, אָט דאָס,
העלער אויפלייכטן איבער די בלינדקייטן מיינע,
ווייל מיין איינציקער וועג צו דיר
איז דאָך איך אַליין.

קאַפּיטל פיר

# שלום

## .1

און אַז קאַלט — איז וואָס ?
ערגעץ זיינען לענדער דאָ וואו אייביק זומערט,
און אויב דאָרטן שטייען וועכטער ביים געהילץ,
האָבן זיי כסדר זומער.

דאָ אין לאַנד קומט חשון מיט די רעגנס,
דאָ אין לאַנד קומט טבת מיט די פרעסט —
האָסט געוועכטערט תמוז אין דער חמימה,
דאַרפסטו וועכטערן אויך טבת אין די פרעסט.

שווערע אָניטשעס אין שטיוול, אויפן קאַרק אַ שווערע בורקע—
מעגן בייסן, רייסן ווינטן אויפן ברעג.
קיינער גייט נישט. לאַנגע אויפדערנאַכטן
און די נעכט נאָך לענגערע פאַר דיר אַליין דער ברעג.

קלאָג נישט, אשה! לערנער אין די קלויזן
זיינען נישט די איינציקע, וואָס לערנען תורה אין דער נאַכט.
ס׳לערנען אויך די שטערן אינם קאַלטן הימל,
ס׳לערנט אויך דער ווינט, וואָס וואָיעט אין דער נאַכט.

## .2

ר׳ יחיאל פסק׳נט נישט קיין שאלות און ער קריגט נישט
ביי דער שטאָט קיין שכירות. וועט אים קיינער נישט פאַרקוקן
וואָס ער לערנט: נגלה אָדער נסתר. נאָר אין נגלה
זיינען דאָ אי מיטלערנער אי פרעגער. מיטן נסתר אָבער
מוז מען זיין אַליין. די בלעטער פון דעם „פרדס״
וועלן איינפירירן אונטער די אויגן פון ר׳ יהושע לייב׳ן.
אפשר זיינען אין די שטיבלעך דאָ קבלה־לערנער,
שטייט נישט אָן ר׳ יחיאל׳ן צו זוכן זיך חברים
צווישן די וואָס הערן תורה פון אַ רבי׳ן עפּעס
מיט אַ גבאי און מיט קוויטלעך און שיריים־כאַפּער.

זאָגט דער בעל־ה„פרדס״, אַז קבלה לערנען
אין די וואָכעדיקע טעג איז גוט נאָך האַלבער נאַכט.

קומט ר׳ יחיאל׳ן ווידער אויפן רעיון דער וואָס וועכטערט
אין די נעכט ביים טייך. איז שייך, אַז דער מענטש, אָט דער,
זאָל נישט אַנטאָפן די פעדעם צווישן די עליונים און תחתונים?
צינדט זיך ווידער אָן אַ גלוסטעניש — מיט אים צו זיצן
אַזאַ נאַכט אַ רעגנדיקע ווי געזעסן זומער אונטער שטערן.
טאַפּטשעט ער די בלאַטע מיטן ספר אינם בוזעם.

נח׳ס יאָרן זיינען אַכט און צוואַנציק, ר׳ יחיאל׳ס פופציק.
אויפן גוף אָבער, דעם אויסגעדאַרטן, ליגן צוויי מאָל פופציק.
וויפיל נעכט אַזעלכע וועט אים נח לאָזן אָפּזיצן
און באַגינען קוקן ווי ער שלעפּט די שטעקלדיקע פיס?
קומט ער צווישן טאָג און נאַכט צו אים הינטער בעלעמער
און פון דאָרט אויף נאַכט אַליין אַ ספר טראָגט ער.
די השגחה איז מיט אים און לערנט: פרעג נישט!
נעם אָן דעם געפּלעכט וואָס וועבט זיך פון אין־סוף
ביז טמא׳דיקסטע תהום׳ען — לאָז דיך איינפלעכטן אַליין,
אַז די צייט וועט קומען, וועט דער זין זיך אויפדעקן.

אָבער סודות זוכן זייער שליסל. וואָס איז דער יסוד
פון דער נאָנטשאַפט צווישן ר׳ יחיאל׳ן און אים? ווער פוןביידן
איז בבחינת „מאַן״ און ווער בבחינת „ווייב״? ווער אין וועמען
זוכט אַ תיקון? ביידע זוכן איינס ביים צווייטן. נח מיטן עול
פון חיונה זוכט די שלימות פון ר׳ יחיאל׳ן, פון כלו תורה,
און ר׳ יחיאל זוכט דעם כוח פון הכנעה זיך צו בויגן
פאַרן ברויט פאַר ווייב און קינדער. צוויי נשמות,
ביידע נישט דערגאַנצטע, זוכן גאַנצקייט צווישן זיך.

ווערט געבענטשט דער זיווג, און אַ דריטער, אַ דערגאַנצטער,
קומט און זעצט זיך צווישן ביידן. ר׳ יחיאל זעט אים נישט.
ר׳ יחיאל דאַרף אים נישט — ער דאַרף דעם ספר בלויז.
אָבער נח דאַרף אים. איז ער זיינער. ווער? ער.
דער וואָס זאָל די טונקלקייטן אים באַליכטן ווי עס האָט
ביים מחבר פון „בית־יוסף״ דאָס געטאָן דער מגיד זיינער.
נאָר ר׳ יוסף׳ס מגיד האָט קיין נאָמען נישט געהאַט, און נח׳ס האָט.
שלום דאַרף ער הייסן, יאָ, אַוודאי שלום. שלום,
וואָס דאַרף זיין פאַר אים השגחה, זיין השגחה פּרטית.
אָבער בגמטריא איז „שלום״ מער, מיט פינף און פופציק מער
ווי „השגחה״. וואָס זשע טייטש די פינף און פופציק?
„הלך״ — גאַנג. אונטער אויג, וואָס גיט אויף דיר השגחה
דאַרפסטו גיין אַליין דערגאַנצונג זוכן. גיין וואוהין?

וואו דו וועסט זיך קערן, וועסטו זיין אין וועלט
און דורך וועלט וועט שלום פירן דיך צו זיך.

3.

זעקס טעג אַ וואָך ווערט פון ר׳ יוסף׳ס טיש
נישט אָפּגעראַמט קיין ספר, קיין פּאַפּיר און טינט.
די פינגער מישן, בליציקער זכרון מישט
אין משנה, גמרות, פּוסקים — טרייבט געשווינד
די גלאַטע פעדער — נאָך אַ דין, נאָך אַ הלכה
מיט ראיות צו פאַרפונדעווען: דער פעסטער גדר
וואָס אונטער גזירות און גירושים ווערט צעבראָכן,
זאָל ווידער גאַנץ ווערן אונטער זיין פעדער,
און ס׳פּאָלק, צעשטויסן איבער שבעה ימים
זאָל זיך צוריקגעפינען אין די אַלטע צאַמען.

די וואָכן זיינען פול מיט מי, און ס׳טרייסט
דער ים פון פולקייט, וואָס וועט זעטיקן די טעג
פון יאָרן, יאָרן נאָך. אַליין זיין ליבער נאָמען ווייסט
ווען ס׳וועט זיך לאָזן אָפּשווימען פון ברעג
מיט אָט דעם אָקרענט וואָס ער בויט איצט, דעם „בית יוסף״.
און אַז עס וועט שוין זיין אַ שיף פאַר די וואָס קענען
אַליין זיך לאָזן שווימען דורכן ים, דעם גרויסן,
פון תורה, דאַרף מען פאַר די אָרעמע, פאַר יענע,
וואָס מוזן נעבעך אָנקומען צום אַלעם גרייטן,
אַ טיש מיט אָנגעשניטן ברויט, אַ „שולחן ערוך״ שפּרייטן.

די וואָכעדיקע טעג זיינען פאַרפולט — געגרויסט
דערפאַר זיין נאָמען! נאָר ווען שבת קומט און האַנט
און פעדער דאַרפן רוען, שווימען בלוטיקע אַרויס
געדעכענישן פון אַמאָל פאַרלאָזטן לאַנד:
עס גרוילן אינקוויזיציע־פייַנען, ס׳פלאַמען שייטערס
און רוצחים שפּאָטן — און וואָס מער געבונדן
די אַלטע וואונד מיט ברודער־גורל, אַלץ פאַרשייטער
פון גורל שרייט דער ווײ פון אַלע, אַלע וואונדן:
— וואָלט כאָטש אַ פלעק פון שיין דעם חושך דורכגעבראָכן,
אַ טראָפּן זאַלב אויפן צעבלוטיקטן בטחון!

געווען אַ מענש. זיך אָנגעצונדן ווי אַ קנויט,
געוויקט אין כוס יסורים, און געגליט,

און וואו ער איז פאַרביי האָט הימל אויפגעבלויט
און ערד האָט אויפגעזונגען מיט משיח׳ס טריט.
אַליין ווי אַברהם דעם בונד אין בלוט פאַרשניטן
און ווי אַ תלמיד אומגעגאַנגען מיט אברהמ׳ען —
האָט אײנגעוויייד פון ערד פאַר אים אַנטפּלעקט איר ציטער,
און הימל אויפגעדעקט דעם אחרית הימים — — — —
געוועזן אַ קול — אין שייטער־פלאַמען קול פון שירה
און ביזן לעצטן אָטעם וועט עס ברענען די געהירן.

ר׳ יוסף קלאָגט: פאַרוואָס האָט מיר דער זכות געקומט
פון שלמה מלכו׳ס ליכט אויף מיינע ווענט,
אַז וואָס ער האָט געהערט איז מיר פאַרשטומט
און וואָס ער האָט געזען איז מיר פאַרבלענדט?
נעם צו דעם פּייל־פּלי פון געשליפטן שכל,
דעם בליק וואָס בויערט דורך אַ טויזנט בלעטער,
און לאָז מיר בלויז דערזען אַ שיין פון היכל,
אַ צייכן אויפן קץ, אַן אָנזאָג אויפן שפּעטער . . .
און האָב איך נישט אַליין פאַרדינט די זכיה,
גיי, שלמה, דו זיך פאַר דיין בלינדן חבר מיען.

און שלמה ענטפערט: — נישט פון יענעם קוואַל
פון וואַנען ס׳העלט אַנטפּלעקונג פון גורלות, האָט
דער בורא אַ נשמה דיר געגעבן. וועט קיין שטראַל
פון דאָרט צו דיר נישט צוקומען, קיין סוד
זיך נישט אַנטפּלעקן. דיין נשמה קוואַלט פון משנה,
פון לעבעדיקער, ערד־געפלאַנצטער. זי מתפּלל,
און זי וועט קומען, וועט דעם זין פון די פאַרבאָרגענישן
אין אירע רייד מיט שכל דיר באַשטראַלן
און פירן דיך מיט חכמה צו די העכסטע הייכן
פון קלאָרן וועג וואָס איז פאַר דיר פאַרצייכנט.

קומט שבת. אונטער רו ווי אונטער הייסן דעק
זידט וואַרטעניש אויף צוגעזאָגטן נס. גיי דו,
נשמה יתרה, גיי דערהער, אַנטפּלעק,
לייז אויס פון פּיין די פּיין־פאַרפּלייצטע רו.
און זי דערהערט, די שבת׳דיקע. פון די ספרים־שטויסן
אַ קול קומט אויף: — איך, משנה, וועל דיין זאָגער,
און וועל דיר זיין אַ שליסל צו פאַרמאַכטע אותיות
און שומר איבער דיינע מעשים און הנהגה — — —
ער הערט און וייס: אַזוי איז אויך צו שלמה׳ן
דאָס וואָרט געקומען פון די אָפּגרונטן און רוימען.

און נאָך הבדלה אַ צעלויכטענער ר׳ יוסף שרייבט:
היינט, שבת קודש, האָט דער זאָגער מיר געזאָגט אַזוי:
נישט לאָז דיך איינשלינגען פון גלוסטנדיקן לייב
און פיל מיט קדושה אָן די פרייד פון ווייַן און פרוי . . .
ער שרייבט און ציטערט, און מיט ציטערדיקן אָטעם
באַהאַלט ער דאָס געשריפט: ס׳איז זיין עלית־נשמה,
זיין יחוד מיטן שרש. טאָר נישט קיין בן־אָדם
דעם יחוד טיילן, אויפדעקן דעם סוד פון זיין השלמה.
נאָר אין „בית־יוסף" זיינעם, אין די שורות נגלה
זאָל זיך דאָס ליכט פון דער השלמה שפּיגלען.

פאַרהוילן איז דער קץ, און דער געזעליקטער וואָס קען
דערזען אים, ווערט ווי ליכט־פאַרבלענדטער מאַט
אַריינגעשלעפּט אין פייער און פאַרברענט.
דער פּשוט׳ער בן־אָדם לעבט מיטן געבאָט
צו לעבן. לעבן, גיין דורך וואָכעדיקע מעשים
צו הייליקייט, פאַרשמידן ס׳בייז אין חומרות־קייטן,
וואָס אַשמדאי אַליין זאָל נישט צערייסן,
און צו דעם טאָג פון גאולה אַ נשמה גרייטן
וואָס זאָל אין אייגן ליכט צעשטראַלן ווי אַ כלה
אַנטקעגן חתן ווען ס׳וועט שופר של משיח שאַלן . . .

— — — — — — — — — — — — — —

ער האָט דערפירט, דער זאָגער. אין דער ווייסער באַרד
באַלד לויטערן זיך אַכציק יאָר. וואו ס׳וויקלט זיך אַ ייד
אין טלית, גילט דער „שולחן ערוך". העל איז יעדער וואָרט
און פעסט אין העלקייט שפּאַנען אַלטע טריט.
אַ, לאָז מיר שוין אַזוי, אַ נישט־געשטרויכלטע, צעהעלטע,
דיר די נשמה אומקערן! . . . נאָר ווי אין נאַכט אַ שרפה
יאָגט אָן אַ נייער אומרו אויף ר׳ יוסף׳ס עלטער
און צווייפל האַמערט ווידער אין די גראָע שלייפן:
— האָסטו שוין אַלע סודות־שלייערן אַראָפּגעריסן?
ווייסטו שוין אַלץ וואָס איז פאַראַן צו וויסן?

פון ברעג פון נילוס־טייך האָט אָנגעיאָגט קיין צפת
אַ פּרוש, דין און מיט אַ קאָפּ אַ גרויסן, ווי אַ „וואָוו".
ער טראָגט זיך אין די ספירות אום ווי דאָ אין גאַס
און בלייכע ליפּן שרפ׳ען סודות פון אין־סוף.
ס׳קומט ערב־שבת, און עס פירט ר׳ יצחק אשכנזי
אין שם פאַרוויקלט, אין פיר ווייסע בגדים,
דעם יונגן עולם זיינעם צו פאַרטיליקן די עולם הזה

און מיט השבעות ברענגען דער פאַר־נחש׳דיקן אָדם,
און ס׳זעט ר׳ יוסף: נישט דער פרוש פון די נילוס־ברעגן,
ס׳גייט שלמה מלכו אין זיין לעבעדיקער קדושה אים אַנטקעגן.

ער גייט אים נאָך. ווי אַ פאַר׳חוש׳טער תלמיד זיצט ער, הערט.
די ספירות ברעכן זיך איבערגעלאָדענע מיט ליכט,
מיט ספירות־שפליטערס, פונקען פון אין־סוף איז פול די ערד.
נשמה־שפליטערס זוכן זיך, דערקענען זיך, באַהעפטן זיך . . .
ער הערט מיט אַלע חושים, הערט געפּלעפט, פאַרציטערט.
נאָר פון מיליאָסן פונקען־פלעמלעך שווינדלט אין די אויגן . . .
אַט כאַפּט ער אָן דעם זיווג זיינעם, דעם נשמה־שפליטער,
וואָס וועט אים גאַנץ מאַכן, און אַט אַוועקגעפלויגן,
און ס׳וועקט אים חוזק פון אַ יונגן שנעק דאַנעבן:
— איר בעסער גייט און לייגט זיך שלאָפן, רבי!

ער לויפט. דער חוזק ווי אַ הייסער מדבר־ווינט
דעם רוקן שמייסט און אין פאַרשטיקטן גאַרגל אַ געקלאָג:
— מיט וואָס האָב איך אַ האַרבע שטראָף אַזאַ פאַרדינט
פאַר וועלן זען דעם קץ? ווער האָט דען פון געבוירן־טאָג
מיט שייטער־הויפנס און צעגליטע אינקוויזיציע־צוואַנגען
צעברענט אין מיר דעם דורשט צום זין פון אונזערע פּיינען?
ווי קענסטו פון געברענטן קדושים־בלוט פאַרלאַנגען,
עס זאָל נישט וועלן דורכרייסן די הימלען דיינע?
און ווען ס׳שולד איז עס וואָס איך, אַ טויבער און אַ בלינדער,
בין מיט דער זינד פון וועלן דיך דערקענען זינדיק, זינדיק?

## 4.

דער בויך ביי דוואָשען וואַקסט. עס זויגט דאָס לעבעדיקס
פון אינווייניק, און נאַכט מיט פּיאַווקעס זעצט זיך אָן
און זויגט פון דרויסן. וואָס האָט מען זי איינגעגראָבן דאָ
אין פערינע און קישן, ווען דער ווינט די לאָדנס רייסט
און רייסט זיין לייב דאָרט אין דער וויסטעניש פון שניי
און חושך? ווען זי קען כאָטש זיך באַהאַלטן ערגעץ דאָרט
און גליווערן אַליין אין פראָסט ווי ער. איז זי געבונדן
אין פעדערדיקער וואַרעמקייט, און פּיאַווקעס זיצן
מיט צוגעקלעפּטע מיילער. זי וועט גאַרנישט זאָגן.
נאָר אויסהאַלטן עס קען זי אויך נישט. שרייבט זי
אַהיים צום ברודער, שרייבט פאַרגנב׳עט, שורות׳ווייז,
ביי־טאָג ווען ס׳שלאָפט דער מאַן, ביינאַכט ווען קינדער שלאָפן
און גייט אין מאַרק דערנאָך אַ סעלצער באַלעגאָלע זוכן.

נאָר ווען אין מיטן חנוכה שטעלט שמואל זיך אַריין
אַ הויכער מיט דער בלאָנדער באָרד און פרישע באַקן,
פאַלט איין דאָס האַרץ ביי איר פאַר פרייד און מורא.
די צערטלעכקייט פון היים צו דער מוזינקע טוט אַ פלייץ
פון ברודערס בלאָע אויגן, שמעלצט זיך אויף איר עלנט,
נאָר אין צעטרערטער זעליקייט די מורא קלעמט:
ווי וועט זי זאָגן נח'ן, אַז זי האָט אים אַראָפּגעבראַכט
דעם ברודער איינצושטעלן זיך פאַר איר? ער שלאָפט.
זי נעמט דעם פעלץ פון שמואל'ן, פירט אים צו אַ שכנה
אין פרעמדן רשות צו קענען פרייער וויינען, נאָר די שרעק
פאַר דינע ווענטלעך און זיין שלאָף שטיקט איין די טרערן.
ער כאַפּט זיך אויף, איז זי אַ ציטערדיק־צע'יום־טוב'טע:
— ווייסט, שמואל איז געקומען! נח וואונדערט זיך נישט.
געקומען, דאַרף ער זיין מסתמא. שמועסט מען ביים טיש.
דער שוואָגער רעדט פון טאַטע־מאַמע, פון געשעפט זיינעם.
ער האַלט די פּאַטשט אין סעלץ, האָט אַן אַריינפאַר־הויז
און ס'גייט ניט שלעכט. און דוואָשע ציטערט. אויגן שפרינגען
פון מאַן צום ברודער. קעגן נח'ן איז שמואל אַ מאַנאַרכע.
צי טראַכט ער נישט, חלילה, בייז אויף אים? צי האָט זי נישט
אַליין אַריינגעגעבן אים רחמנות אויף איר דאַליע וואָס זי מוז
די טעג מיט אַ שלים־מזל פינצטערן? ער דאַרף דאָך וויסן
דעם חילוק צווישן זיך און נח'ן. וואָס טרעפן אַן די פּאַטשט
מיט דער אכסניה זיינער קעגן נח'ס קלענסטן ספר?
זי ציטערט, נאָר סע גייט כשורה. גאָרנישט קומט פון שמואל'ן
וואָס זאָל דערצערענען דעם מאַן. ווען נח נעמט זיך אַנטאָן,
זאָגט שמואל: — כ'וועל דיך צופירן. ער טוט אַ וואונק
אַריבערן פלייצע צו דער שוועסטער: — האָב נישט מורא!
נאָר אַז די טיר פאַרמאַכט זיך, קען זי זיך נישט רירן
פון שוועל און תחינה'דיק די ליפּן אירע מורמלען.

— דו דאַרפסט דאָך ערגעץ גיין — שטעלט נח אָפּ דעם שוואָגער.
— ס'קען וואַרטן. כ'וועל דיך צופירן. — מע גייט פאַרביי דעם טייך,
דעם אייז־פאַרקאָוועטן, די בערג מיט שניי אויפן געהילץ,
די ווייסע וויטעניש אַריבער טייך. אָט איז דאָסביידל.
אין טונקל שליסט עס נח אויף, צינדט אָן דאָס לעמפּל.
אויב שמואל וויל עפּעס — ער קומט דאָך נישט אומזיסט אַהער —
איז בעסער אים צו האָבן דאָ אין אייגענעם רשות. ער זאָגט:
—איצט ברענט עס גוט, דאָס לעמפּל. נאָר אין זאַווערוכע
איז צרות. כ'האָב פאַרשטאָפּט מיט קליאַטשע וואו אַ שפּאַרע,
דער ווינט אָבער איז שטאַרקער, טוקט זיך עס. פונדעסטוועגן

איז גוט. אַן אַנדער וועלט. דו קענסט אין שטילע נעכט
דערהערן יעדן שאָרך אין שניי. מע דאַרף גאָרנישט
אַרויסגיין — זיץ און לערן. קומט אַ זאַווערוכע — מוז מען אָפּטער
אַ כאַפּ טאָן זיך אין דרויסן. אָבער עס איז סיי ווי גוט . . .
ביי שמואל׳ן נעמט אָפּ דאָס לשון. אָבער ער איז דאָ געקומען
אַ טאָלק מאַכן וועגן דער שוועסטער, פּלאָטערט ער ווי זי
און זאָגט: — עס וואָלט דיר בעסער נאָך געווען אַליין,
אָן ווייב און קינדער אויפן קאַרק. — וואָס מיט אַמאָל? —
— דו וועכטערסט דאָך נישט צוליב זיך. צו וואָס־זשע טויג עס
אַז דוואָשע גייט דאָרט אויס? — פאַרוואָס? — עס גיט אַ ברי
דעם שוואָגער: — כ׳וועל דיר זאָגן, נח. מעגסט זיך זיין אַ לערנער,
נאָר בלינד ביסטו אויף ביידע אויגן. נאָ דיר, לייען!
ער שלעפּט אַרויס דעם בריוו פון בוזעם, שטופּט עס נח׳ן.
דאָס לעמפּל פּלאָטערט איבער די צעקנייטשטע בלעטלעך.
פון שפּרינגענדיקע אותיות, פון פאַרגרייזטע לשון־קודש׳דיקע ווערטער
לויכט אַן אַנטפּלעקונג אויף מיט ליכט פון ערשטן אָנריר
צום לייב, צום מיידלשן . . . ער שטייט און האַלט אין האַנט
די בלעטלעך און דערזעט אין שוואָגער אַ שליח מיט אַ בשורה:
— האָסט גוט געטאָן. ס׳באַפאַלט אַ בלענדעניש אַ מענטשן,
איז גוט מע זאָל אים אויפרייסן די אויגן. איכ׳ל טראַכטן.

ווען שמואל קומט צו דוואָשען מיט דער טרייסט,
טרעט נח איין דעם שניי און וואַרט, אַז פון דער שטילקייט
זאָל אָנקומען דאָס קול פון דריטן, פון זיין זאָגער,
וואָס דאַרף זיך רופן: שלום. אָט איז אַ נסיון דאָ פאַר אים,
און אויב ער דאַרף אים פירן, שלום, זאָל ער קומען איצט
און פירן! טריט צעטראָגן זיך אין חלל, הילכן, דאַכט זיך, אָפּ
אויף מיילן ווייט. פאַרהאַלט ער דעם געהילך, בלייבט שטיין
אָן אָנגעשפּאַרטער אָן אַ בוים, הערט בלויז די ווייסע ריטלעך
זיך טרייסלען איבער זיך און רעדט צו יענעם, וואָס דאַרף קומען:
— איך וואַרט. איך הער . . . ער וואַרט אויף אומגעוויינלעכס.
נאָר ווען דאָס קול דערהערט זיך, איז עס שטיל און אייגן,
אַזוי געלייטערט אייגן, אַז מען קען די אייגנקייט אַפילו
נישט אָנטאַפּן. און שלום זאָגט: — דו ווייסט אַליין,
אַז תיקון איז נישט אין די הימלען. האָסטו נאָך אַמאָל
געזען ווי נאָנט צו דיר עס איז די ליבשאַפט. דאַרפסטו גיין,
צו מענטשן גיין און צווישן מענטשן, און אין זיי, דורך זיי
דערקענען וואָס דו זוכסט . . . מער זאָגט ניט שלום,
נאָר דאָס געזאָגטע העלט מיט קלאָרקייט, און ס׳איז גרינג
ווי וואָלסט אַ נאַקעטער זיך באָדן אין דער קלאָרקייט.

ער קען דערנאָך אין בײדל זיצן, איבערלײגן אין געדאַנק
פּרנסות גײענדיקע און צומאַרגנס אָנזאָגן דעם װײַב און שװאָגער:
— ער האָט באַטראַכט. ער'ט גײן איבער די הײזער
אַ פּלעט פֿאַרקױפֿן. אַ פּאָר לײכטער זילבערנע . . . דער
שװאָגער קוקט . . .
שױן אױסגעפּלאָנט דאָ מיט דער שװעסטער עפּענען אַ קרעמל,
שױן אױסגע'חשבונ'ט װיפֿיל עס דאַרף קאָסטן דער משפּחה
(די ברידער גײט ניט שלעכט, זײ מעגן אָפּגעבן אַצינד
דעם נדן דװאָשען) — און דאָ נאָ דיר גאָר: איבער די הײזער!
לאָזט שמואל פֿאַלן פֿון אַ זײַט אַ װאָרט: — אפשר אַ קרעמל?
אַ קרעמל! . . . נח שמײכלט װי אױף װילדן קינדער־אײַנפֿאַל.
נײן, ס'װעט נישט זײַן קײן קרעמל. עס װעט זײַן אַ פּלעט.

גע'פּועל'ט האָט דער שװאָגער, אַז שטאָט לײכטער זילבערנע
זאָל זײַן אַ גילדן זײגערל — דאָ מער בעלנים — און אַלײן טאַקע
אָװעקגעלײגט אַ גילדענעם אימפּעריאַל אױף אײַנצאָל.
נאָר ביז צום פּלעט האָט מען געדאַרפֿט אַ שטיקל מלבוש
און אַ פּאָר שטיװול לײַטישע פֿאַר נח'ן, און בײם אַרױסגײן
איז שױן אין זאַמשן בײַטעלע געלעגן נישט קײן גילדענער,
נאָר זילבערנער — אַ זילבערנער געקריצטער זײגער מיט אַ קײט.

.5

ס'איז נישט קײן חילוק — ערשטע אָדער צענטע טיר:
ס'הענגט אַלעמאָל װי שטײן די אױסגעשטרעקטע האַנט,
כאָטש ס'װערט דערנאָך די צונג פֿון זיך אַלײן געפֿירט
און װי אַ קינד, פֿאַרדעקט מיט טראַנטעס, שלאָפֿט די שאַנד.

עס גײען הונדערטער אַזױ פֿון הױז צו הױז.
אַ פּרוטה מעש איז אַלץ װאָס אײנער װיל.
נאָר דו האָסט זיך מיט גאװה איבער זײ געגרױסט
און מאָנסט דרײַ גראָשן פֿאַרן גורל־שפּיל.

דו טראָגסט אַ כּתב אין קעשענע, אַ זײגער און אַ קײט,
פֿאַרשרײַבסט די נעמען מיט אַ נומער בײ דער זײַט.
נאָר מיט די שטילע רײד און כּתב אױף ערלעכקײט
אַ תאװה צינדסטו אין די הערצער פֿון די לײַט.

ס'איז נאַרערײַ און זינד. אױף טױזנט װאָס געקױפֿט
בײ דיר גורלות אײנער נאָר געװינט.

פון טויזנט גורל־שפילער קלייבסטו בלויז צונויף
דריי־גראָשענע צו קאָרמען ווייב און קינד.

איז אויב דו זעסט די זינד און קענסט די נאַרעריי,
קויף מיט הכנעה אויס דעם ליגן און דיין ברויט.
פאַר יעדער שועל וואו דו דאַרפסט קומען, מוכן זיי,
אַז מלקות זאָלן שפּרינגען פון דיין הויט.

## 6.

ערשטע טירן צו עפענען דאַרפן זיין היימישע, אָרעמע.

הינטער הייזער מיט פענצטער צום גאַס — טיפע הייפן
מיט שטיבער און שטיבלעך, מיט שפּייכלערס פאַר האָלץ.
איבער טויער און טירן געליאַפּעטע שילדלעך דערציילן
וואו עס אַרבעט אַ שוסטער, אַ שניידער, אַ סטאָליער,
און זאָגעכץ פון כיתות קינדער לאָזט הערן פאַרויס
וואו עס זיצט אַ מלמד. די פירהייזער — בלאָטע
און וואַסערפּאַס. טירן עפענען זיך קעגן קוימענס.
וואו אַ יידענע, איינע אין קיך, איז די דירה אַ קליינע.
וואו עטלעכע ווייבער אין קיך — איז די דירה
פון עטלעכע קאַמערן — אַ משפחה אַ קאַמער, און אַלע
ביי איין קוימען בשותפות. גיב אַן עפן אַ טיר און דו ווייסט.

גיב אַן עפן אַ טיר — שטרעקט אַ יידענע אויס אַ האַנט
צו דער גראַטקע וואו ס'ליגן אין ווינקל די מעשענע פרוטות
פאַר אָרעמע לייט און צעבורטשעט זיך: — גאַנצענע טעג
נאָר מע גייט און מע גייט! — כ'בין אַ פלעטער. איך פלעט
אַ זילבערנעם זייגער. — מער פעלט מיר שוין גאָרנישט!
איר האָט נישט געטראָפן, ר' ייד! כ'בין אַ וויסטע אלמנה.
וואָס די יינגלעך פאַרדינען, קלעקט קוים אויפן ברויט.
מיינט איר וואָס? ס'וואָלט מיין ברוכ'ן נישט געפּאַסט
אויך אַ זילבערנער זייגער? אַ בחור פון אַכצן און שטייט
ב"ה אין אַ לייטישער קלייט . . . וויפיל נעמט איר אַ פלעט?
ביז זי לאָזט זיך צום טישקעסטל זוכן דאָס טייסטערל
מוז זי פריער דעם זייגער באַטראַכטן, באַטאַפּן די קייט,
און ווען ס'האָלט שוין דער פלעטער דעם בלייפן ביים אָפענען בוך
און וויל וויסן דעם נאָמען פון קונה נומער איינס, דערשרעקט זי זיך:
— אַ התחלה? באַווייזט ער דעם כתב מיט דער חתימה פון רב
און זי ציילט אים די גרעשעלעך אויס: — אויף אַ גוטן פאַטשאַטעק!

אַ קיך מיט עטלעכע ווייבער. באַטראַכטן דעם זייגער
און איינע די צווייטע רעדט צו: פאַר אַ מאַן, פאַר אַ זון.
איינע ווייס וואָס דער מאַן פון דער צווייטער פאַרדינט
און די צווייטע האָט מורא פאַר אַן עין־הרע און לייקנט.
ווערט אַ קריג צווישן זיי: — ווי מע ווייס עס דיר אַלץ
וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך! — ווער יענעם פאַרגינט נישט,
זאָל נישט האָבן אַליין. — איך מיין אדרבא: צום נייעם סורדוט,
צו ר׳ מיכל׳ס, וואָלט גראָד זיך געפּאַסט אַ זילבערנער זייגער.
— ביי ווענען די הענט זיינען אויסגעקאָלכט פון דער מאַליאַרקע,
קען נישט אָנטאָן קיין נייעם סורדוט. און ווער ס׳טוט ב״ה
אַ ריינע מלאכה, קען אָנטאָן אַלץ. — די הענט פון מאַליאַרקע
זיינען אָרנטלעכער ווי די הענט פון סאַרווערס ביי טישן.
ס׳ווערט אַ קוויטש, און אַ דריטע, אַן עלטערע, עצה׳ט
— ס׳איז אומזיסט אייער וואַרטן איצט. קומט בעסער מאָרגן.

הינטער שנייאיק־פאַרקאָוועטן פענצטער — אַ זאָגעכץ
פון אַ חדר מיט יינגלעך. ס׳טוט אַ צוק אַ דערמאָנונג
פון מלמד׳ישע טעג און די פיס טראָגן שנעל זיך פאַרביי.

אַ געררוך פון רפואות — אַ חולה אין הויז. מע קומט צו
אויף שפּיץ פינגער און מאַמיש־פאַרציטערטע ליפּן פרעגן:
— וואָס דאַרף אַ ייד? קומט אַן עלנטער קוועטש מיט די פּלייצעס,
נאָר נאָך איידער דער פלעטער רירט ווידער די קליאַמקע אַן
האָט חרטה די מאַמע: מע טאָר נישט מיט יידיקע הענט
אַ יידן אַרויסלאָזן. קוקן פאַרלאָפענע אויגן ווי ס׳צייכנט
דער בלייפען דעם נאָמען פון חולה — זאָל ער ווערן
צו געזונט און צום לעבן פאַרשריבן, טאַטע אין הימל!

שוסטערש העמערל קלאַפּט און אַ מויל מיט פלעקלעך
טוט אַ פרעג צווישן ציין: — ריינע זילבער? לאָזט זען!
טאַפּט אַרום מיט פאַרסמאָלעטע פינגער דעם זייגער
און וויל וויסן ווי אַלט איז דער פלעטער, פון וואַנען ער קומט,
וויפיל קינדער ער האָט און פאַרוואָס אַזוי ווייניק — די אַל
טוט דעם לעדער אַ שטאָך, פליט אַ פלעקל פון מויל
און דאָס העמערל טיאַך און די שפּיציקע אויגן קוועלן...
ביז עס גיט זיך דער פלעטער אַ צינד: — פון וועלכן עין־יעקב
האָט מען אייך דאָס געלערנט צו טרייבן קאַטאָוועסלעך?...
גיט אַ ציטער דאָס שוסטערל: — אוי, ס׳אַרא בייזער ייד!
און אַ וואונק צו דער יידענע: — גיב דאַרט, גנענדל, דריי גראָשן!
נאָר די גנענדל, ווי ס׳וואָלט שוין דער פסוק אַ גרייטער געווען,
גיט אַ פיר מיט די הענט: — זאָל איך קרענקען אויב כ׳האָב.

ביי אַ שניידער אַן אַנדער מין נוסח. האָט אויסגעהערט
פונם פלעטער דעם פּזמון און ווידער די אויגן פאַרטאָן
אין דער נאָדל און נאָט, זינגט זיך אונטער אַ ניגונ'דל
און דו ווייסט נישט צי האָט ער דיין פּזמון געהערט אָדער ניין;
זאָגט דער פלעטער עס איבער: — אַ זייגער . . . אַ פלעט . . .
און דער שניידער ציט ווייטער דאָס ניגונ'דל: ניין, נישט דערהערט
און ער וועט נישט דערהערן! . . . גייט דער פלעטער צום טיר
אַזוי שטיל ווי אַריין און ערשט דעמאָלט דערזעט אים דער שניידער:
— בנאמנות היינט האָב איך נישט. קומט נאָך שבת.

אָבער אָט ביי אַ סטאָלער אַ וואַרשטאַט. אַ מייסטער
מיט פּועלים. ס'גליטשט זיך דער העבל, ט'זינקען די פּיס
און די פּוקקע העבלינעס. ס'שמעקן דאָס האָלץ און דער קליי
און דאָס דינינקע זעגעלע זינגט אויס געזימסן אין ברעטער —
דער מייסטער און פּועלים רינגלען אַרום, היצן אונטער
דעם חשק איינער ביים צווייטן מיט חבר'שער העץ און לצנות —
ווערט אויך נח צעצונדן און ס'ווילט זיך אים זאָגן
אַ ווערטל אַזאַ, נאָר ער קען עס נישט כאַפּן, דאָס ווערטל,
און ער שטייט צווישן חברה און לאַכט מיט דער לוסטיקייט זייערער—
קומען גראָשנס פון טייסטערלעך, ווינטשעוועט מען אויפן וועג,
און אַ חדוה הייבט גרינגער די פּיס אויפן גליטשיקן שניי.

אָוונט ציילט מען די גראָשנס: אַ העלפט אויף חיונה
און אַ העלפט אויפן חוב. ווען מען וואָלט נאָר געקענט
גאָר די לייזונג פאַרלעבן! . . . אָבער זינדיקן טאָר מען נישט!
און נאָך וועטשערע שטעלט זיך הינטערן פלייצע דער זאָגער
און פרעגט: זאָג זשע, יידעלע, וואָס האָסטו היינט געלערנט?
גייט דאָס יידעלע איבער דעם שיעור פון טאָג און זאָגט:
— כ'האָב געלערנט, אַז ווייצענע חלה האָט מורא פאַר קאָרענעם ברויט,
אַז ליבשאַפט איז שטאַרקער פון דלות, אַז צער ברענגט רחמים,
אַז די שוסטערשע אָל איז אַ לץ און די שניידערשע נאָדל
איז אַ בלינדער משורר'ל — און איך האָב אויך געלערנט,
אַז אין אַרבעט פון מענטשן בצבור איז עלית־נשמה.

◈

וואָס געלערנט אַ טאָג איז בלויז אלף. קומט מאָרגן די בית
מיטן גימל, ווערט אַנדערש די תורה. אָט זיצט אויפן בענקל
אַן אַנדער מין שוסטער. פון אונטערן וואָטענעם לייבל —
די ציצית פון טלית קטן, אַ פּנים באַהאַלטן אין קנוילן

פון גרוילעך צעקאָלטנטער באָרד, און די שפּיציקע אָל
נישט זי לצ'עוועט — ניין! ווי דער בליק פון די טרויעריקע אויגן
גראָבט די אָל זיך פּאַמעלעך אין לעדער אַריין, בוירעט אויס
פּאָרן פלעקל אַ נעסט און דער האַמער דערגאָך אויפן פלעקל
טוט אַ קלאַפּ מיט דער שטילער באַשערטקייט פון אייביק:
ווייס פון וואַנען דו קומסט און וואוהין דו גייסט! . . . שאָקלט צו
זיך דער שוסטער צום קלאַפּ, און דער לערנייונג ביי דער זייט
ציט אַ כאַליוועקע אויפן קאַפּול און פאַרמאַצעוועט עס
מיט אַן אייזערן טשוועקל: אַזוי מוז עס זיין! . . . קלאַפּן ביידע
מיט אַ שטומער הכנעה צום גורל: אַזוי מוז עס זיין . . .

און אַט זיצט גאָר אַן אַנדערער. טוכן היטל פאַררוקט אַן אַ זייט,
נייע שטיוועלעך גאוה'דיק בלאַנקען, ס'איז ניי דער טיש,
ניי דאָס לעדערן בענקל. אַ טרייסל אַ לאָק און גוט־ברודעריש:
— אויב אַ זילבערנער זייגער, טאָ זעט אָקאָרשט מייַנעם!
און אַ קלונג מיטן קול צום פּולברוסטיקן יונגן ווייב:
— ווייז דעם יידן דיין דרשה־געשאַנק! דאָ גייט שוין די אָל
ווי אַ פּיצינקער, גלאַנציקער לאָם, וואָס צעגראָבט די ערד
און גראָבט הרודעס נחת פון איר אַרויס. נישט באַשולדיק
די אָל פאָרן שפּיציקן וואָרט! ס'איז אַ האַנט דאָ, וואָס האַלט זי.
ווי דער מענטש, ווי די האַנט איז די אָל. ווער עס דינט
דעם געצייג אין זיין האַנט, מאַכט אַ געטש פון געצייג
און דאָס פּנים פון געטש ווערט אויך זיינס. נאָר ביי יענע
וואָס דינען דעם בורא ווערט אויך דאָס געצייג ווי אַ צונג
וואָס זאָגט שירה, און אַרבעט אין זייערע הענט איז אַ תפילה.
זאָגט דער זאָגער: — און נאָך: ווי ס'איז אַנדערש די טואונג
פון יעדן וואָס שאַפט, איז אויך אַנדערש דער טוער אַליין
און ס'איז אַנדערש פאַר יעדן דער גאַנג צו זיין שלימות.
וועסטו זוכה זיין, וועט מען דיר ווייזן גבורים פון גאַנג,
און אַז נישט — וועסטו זען שברי־כלים פון שלימות
און פון זיי, פון די שערבלעך און בראַק וועסטו לערנען . . .

זאָל שוין דאָס זיין די זכיה? צעעפנט אַ טיר און ס'ע שטייט
דיר אַנטקעגן אַ גבר מיט פאַרשמירטע שטיוואַלעס, אַ בייטש
אין דער האַנט און אַ שטריק אויפן גאַרטל. די פלאַמיקע אויגן
ווי די בייטשן צעיאָגט און עס כוואַטשעען די ווערטער
אויף די פּלייצעס ביי דיר: — גיב זיי גראָשנס, די שלעפּער!
אַז מע דאַרף האָבן ברויט, טוט מען אָן זיך אַ שטריק
און מע גייט זוכן פּעק צו טראָגן, מע יאָגט דורך זאַווייעס,
מע שלעפּט אויף די אַקסל אַ וואָגן פון זומפּ — און נישט

מיט די שטילינקע ריידעלעך גראָשנס אַרויסנאַרן ! . . .
ער שמייסט מיט די ווערטער און שמייסט דיך אַרויס ווי אַ נבזה.
אין דרויסן ערשט פילסטו ווי ס'פלאַמט אונטער בייטשן דאָס לייב
און ווי גוט, ווי דערלייזנדיק גוט ס'איז צו ווערן געשלאָגן
פון אַ בייטש, פון אַ צאָרן אַזאַ . . . איז ער דאָס דער גבור ?
טיר נאָך טיר און די קנאַליקע בייטשן פון באַלעגאָלע יאָגן.
קען אין צאָרן זיין חכמה ? קען אָן חסד זיין שלימות ?

## 7.

שטעטל ווייט פון שליאַך.
מסחר מיטן דאָרף, מלאכה פאַרן דאָרף.
ווערן יידן דאָרפיש און פאַרפויערט.
זיצט דער רב פאַרשפּאַרט ביי זיך אין שטיבל
און עס מערן זיך די ספרים אויף דער פּאָליצע.

לאָזט ער זיך אין שטאָט אַראָפּ,
שלאָגט זיך אויף אַ הייליק ספר אָן
און דער סוחר באָט אַ פּרייז אָן — וואָכן שכירות.
גייט דער רב איבערן שטאָט אַ גמילת־חסד זוכן,
נאָר אויף מאָרגן, אַז ער קומט צוריק,
שניידט אים אָפּ דער מוכר־ספרים :
— אויסגעכאַפּט ! אַ באַלעגאָלע איינער דאָ
האָט דעם ספר אָפּגעקויפט.
— אַ באַלעגאָלע ? . . .

ווייס דער רב נישט : שפּאַסט דער סוחר אָדער ניין ?
גייט ער אין די הינטערגעסלעך,
פרעגט זיך אויף אַ באַלעגאָלע, וואָס קויפט ספרים,
און מען קוקט אים אָן. שוין אַלע באַלעגאָלעס אויסגעפונען,
איינער נאָך געבליבן,ביים לאַטוטניק וואוינט ער.
לאָזט דער רב זיך לייגן לאַטעס אויף די שטיוול
און דערפאָרשט : — וואָס פאַר אַ ספרים ? מעשה־ביכלעך
זופּט דער באַלעגאָלע.
טרייסט דער רב זיך : — סיידן !
נאַ דיר באַלעגאָלעס מיט קבלה־ספרים !

אָבער אויפן האַרצן איז אים אָנגעזאָלצן :
אי פון אויסגעכאַפּטן ספר, אין פון סוחר'ס חוזק.

גייט ער אויפן מאַרק אַ פור זוכן אַהיימצופאָרן.
שטייט אַ בויד אַ גרייטע און דער באַלעגאָלע זאָגט:
— קריכט אַריין, וועלן מיר פאָרן.
וואונדערט זיך דער רב: — מיט מיר אַליין?
זאָגט דער באַלעגאָלע: — ס'וועט שוין רעכט זיין.

זיצט דער באַלעגאָלע אויף דער קעלניע און דער רב אין בויד
און מען פאָרט. אַ שעה און צוויי.
באַלד וועט מען אַהיים שוין אָנשלאָגן.
שטעלט זיך אָפּ די בויד און באַלעגאָלע זאָגט:
— קריכט אַרויס אַביסל, רבי, קוקט זיך אום!
קריכט דער רב אַרויס און קוקט זיך אום:
ס'איז אים גאָרנישט קענטלעך דאָ. טוט ער אַ פרעג:
— איז עס ניט אַ פרעמדער וועג?
— ס'וועט אייך אייגן ווערן. קוקט. — אויף וואָס?
ווייזט דער באַלעגאָלע אויף אַ פעלד. גויים באָרוועסע און גוי'עס
גייען מיט די שנייד־מעסער און קאָשען היי.
שמעקט דער היי, דאָס פעלד איז ווייט, דער הימל הויך,
סטאַיעס פייגל פלאַטערן איבער די קעפּ.
זאָגט דער רב: — איך זע דאָ גאָרנישט.
— וועט מען ווייטער פאָרן.

מ'האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין דער היים,
נאָר אָט שטייט מען ווידער:
— קומט אַרויס אַ ביסל, רבי!
אַלץ נאָך פרעמדער וואַלד און פעלד
און עס שטייט דער באַלעגאָלע מיט אַ ייד אַ דאָרף־גייער:
— אָט אַ ייד, אַ גייער. גייט זיך אָן און זעט אַ וועלט.
ווערט דער רב אין כעס: — וואו שלעפט איר מיך אַרום?
זאָגט דער באַלעגאָלע: — וועלן מיר דעם יידן צופירן.
קריכט דער ייד אַריין אין בויד
און עס פאָרןביידע: רב און דאָרף־גייער.
שווייגט אַ ברוגז'ער דער רב,
שווייגט דער דאָרף־גייער
און מען פאָרט.

ווידער אָפּגעשטעלט זיך. איצט איז עס אַ קוזניע
אין אַ פרעמדן שטעטל. שפּאַנט אָוועק דער גייער,
און דער באַלעגאָלע אין דער קוזניע וואַרט
ביז דער קאָוואַל וועט אים אָנשמידן דאָס פערד.

רופט ער: — קומט אַרונטער, רבי, דאָ איז פריילעכער.
שטייט דער רב ביים טיר פון קוזניע
און דער צאָרן וואַקסט: —וואָס טראַכט ער זיך דער עזות־פּנים?
מער גייט מיר נישט אָן נאָר אויסהערן
וואָס עס יידן קאָוואַלעס מיט באַלעגאָלעס?

שוין, מען פאָרט שוין ווייטער. איצטער דאַרף מען
האָבער פאַרן פערד. פאַרפאָרן אין אַ קרעמל.
שטייט דער באַלעגאָלע מיט דער יידענע, דער קרעמערקע,
שמועסט . . . שפּרינגט דער רב אַרויס מיט רוגזה:
— ס׳וועט אַמאָל אַ סוף נעמען צי ניין?
זאָגט דער באַלעגאָלע: —איר קענט אויך אַריינקומען:
ס׳איז אַ יידיש קרעמל. יידן זיצן דאָ.
בייסט דער רב די ליפּן: — ס׳וועט דאָך אויך צום גלות
ווען עס איז אַ סוף נעמען . . .

נאַכט פאַלט צו. פאַרפאָרן צו אַ קרעטשמע,
און דער באַלעגאָלע זאָגט: דאָ מוז ער אויסשפּאַנען.
וויל דער רב גיין אויפזוכן דעם רב פון שטעטל,
לאָזט ער נישט: — דאָ וועט איר אויך געפינען יידן.
פילט דער רב — דעם באַלעגאָלעס חוצפה
האַלט אים ווי געבונדן. בלייבט ער.
ווערט די קרעטשמע פול מיט גראָבן עולם,
עסט מען, טרינקט מען און מען רויכערט.
זוכט ער אויף אַ ווינקל, דאַוונט מעריב,
לאָזט זיך געבן וועטשערע אין ווינקל,
און די קרעטשמע מיטן באַלעגאָלע זשומעט.
איז ער מיד פון כעס און דרימלט איין און ווייס נישט
ווען די לאָמפּן לעשן זיך און וואו די נאַכט קומט אום.

טאָג שאַריעט. טרייסלט אים דער באַלעגאָלע.
וויל ער נעגל־וואַסער אָפּגיסן און אָפּדאַוונען.
יאָגט אים יענער: — איר׳ט שוין דאַוונען אין דער היים.
איצטער פליט די בויד, עס ווערט דער וועג באַקאַנט
און ווען זון גייט אויף, איז מען ביים הויז אין שטעטל:
— אָנגעקומען, רבי!
זעט דער רב אַ גליקלעכער זיין הויז און ציט דאָס קני־פּל:
— וויפיל קומט אייך?
— גאָרנישט קומט מיר. איך וועל אייך נאָך צוצאָלן.
און ער שלעפּט אַרויס דעם ספר און דערלאַנגט:

— האָט עס, רבי! אַז איר זעט גאָרנישט און הערט גאָרנישט,
ווערט אייך שוין דער ספר אויך נישט העלפן!
און אַ יאָג דעם פערד און וויאָ!
שטייט דער רב אַ רגע אַ מבולבל'ער
און נעמט נאָכיאָגן די בויד,
נאָר דער באַלעגאָלע איז שוין העט אַוועק.

## 8.

שטאָט קען נישט אײַנגאַנצן צעגרעניצן דלות און שפע.
צעפאָרענע, זומפּיקע געסלעך באַגעגענען זיך אין געפלעכט
מיט גאַסן ברוקירטע, און מויערלעך טרעטן אַרויס
פון הויפן מיט נידעריקע שטיבלעך און גרויסן זיך קעגן זיי
מיט גרינע שטאַכעטן אַרום און לאַדנס קאָלירטע אויף פענצטער.
דאַרף לערנען דער פלעטער וואו עפענען פאָרנט אַ טיר
און וואו מע דאַרף גיין דורך דער הינטער־טיר.

הערט זיך אַ פּיאַנאָ פון פענצטער. עס איז נישט קיין ניגון,
נאָר גלאַט אַזוי קלאַנגען, ווי עמעצער קלאַפּט אויף די ביינדלעך
מיט הפקר'ע פינגער. צעעפנט די טיר אין אַ פירהויז,
פון פירהויז אין שטוב — ערשט אַ סאַליע אַ גרויסע
און ס'זיצט ביי דער פּיאַנאָ אַ מיידל ווי נאָר וואָס פון שלאָף.
ס'איז ווייט אין נאָכמיטאָג, נאָר ס'מיידל איז באָרוועס,
אין שלאָפראָק און העמד. טוט אַ דריי אַ צעפּאַטלטן קאָפּ
און שרייט צו אַ טיר: — באַלעבאָסטע! . . . ס'איז מאָדנע:
אַ דינסט־מיידל זאָל אַ האַלב־נאַקעטע זיצן ביים פּיאַנאָ!
און מאָדנער נאָך קוקט אויס די באַלעבאָסטע אין בלאָנדן פּאַרוק
און זיידענעם קאָפּטל מיט בליציקע שטיינער אויף פינגער.
אַ שמייכל מיט די אויגן: — פאַר אָרעמע לייט איז אַ הינטער־טיר!
נאָר אַז ער נעמט זאָגן זיין פּזמון, ווערט מילדער דאָס אויג —
נישט פון דעם וואָס ער זאָגט, נאָר פון פנים, פון קול זיינעם —
און ס'גיסט זיך אַן אומרו אויף איר, וואָס שלאָגט מיט נישט־גוטקייט.
זי וויל אַ דעם זייגער באַטראַכטן אַ גלאַט אַזוי ריידן.
דער אומרו ווערט קלעפּיקער, הייסער און שלאָגט אין קאָפּ,
און זי גיט אַ וואונק צום מיידל און יענע פאַרשווינדט.
ער נעמט זיך צוריקציען. עפענען טירן מיט איינמאָל זיך אויף,
עס לאָזט זיך אַריין אַ האַלבער טוץ מיידלעך — עס שלאָגן אין נאָז
געווירציקע ריחות פון נאַכטיקן אַנטאָן און אָפענע אַרבל,
און ער, מיט די בלוטן פון פנים אַנטרונענע, האַלט שוין

די האַנט אויף דער קליאַמקע. פאַרצאַמט אים די באַלעבאַסטע
דעם וועג, און די אויגן צעשפּילן זיך: — לויפט נישט!
זיי האָבן דאָ אַלע חתנים און וועלן די פּלעטן צעכאַפּן.
מע לאָזט זיך אויף אים מיט די אָפענע העלדזער, די ריחות,
די ציינער צעבלאַנקטע — הענט טראָגן קופּער און זילבער:
— מיר צוויי! און מיר דריי! און מיר פינף! — און עס טרייסלט
די האַנט ביים פאַרשרייבן די נעמען, פון וועלכע סע שמעקט
פּאָמאַדע און פּודער: ראָזאַליע, צעציליע, קאַראָלינע.
פאַרשריבן, דאָס קופּער און זילבער אין בייטל אַ שאָט געטאָן,
און פליִיצעדיק זיך ביז צום פירהויז דערדרוקט, אַן עפן אַ טיר
און יאָגט דורך דער גאַס. — וואוהין לויפסטו? — איך לויף
פון בייטל דעם אתנן זונה אַרויסוואַרפן. — דאָס נאָר אַליין?
און טאָמער גאָר יאָגט דיך דער אומרו פון זינדיקן בלוט?
— ס'איז אמת! — טאָ זוך אויף די שערבלעך פון קדושה
אין טומאה, וואָס האָט דיך פאַרפלייצט, און לייטער דאָס בלוט.
— נישטאָ דאָ קיין קדושה! — דו לייקנסט אין שרש פון מענטש!
פאַרהאַלט ער די טריט און נעמט מעסטן דעם שפּאַן:

די טעכטער פון כנען,
וואָס האָבן אין שאָטן פון דער עשתרות
די לייבער צעשפּרייט, האָבן פינצטערער קדושה געדינט.
איז בעט פון גראָשענער זונה — מזבח?
איז לייב, גרייט פאַר זעלנער און גאַס־יונג, אַ קרבן?

זאָגט שלום: דערזע און דערקען!

ביים נביא — גאָט'ס כלה ירושלים,
פון אומצוכט און בלוט אַ גערייניקטע,
האָט פרעמדע פאַרשוועכער געדופן
דעם חתנ'ס מתנה צו שענדן
און לויז מאַכן ס'לייב פון דער קדושה.
איז גאָט אויך דער חתן פון די?
איז גראָשענע זונה — ירושלים,
וואָס שליידערט דעם חתן צוריק זיין מתנה?

זאָגט שלום: דערזע און דערקען!

איז בלינדער געקלאַנג אויף דער פּיאַנאָ
אַ הויפן מיט שערבלעך פון עפּעס אַ ניגון?
איז דאַכטונג, אַז ס'וואַרטן חתנים,

אַ בענקשאַפט נאָך כשר'ן זיווג ?
איז קנעכטשאַפט אין טומאה־הויז — אַפּקומעניש
פאַר עמעצנס פינצטערע זינד ?

זאָגט שלום : דערזע און דערקען !

איצט גייט ער פּאַמעלעך. דערגייט ביזן ערשטן בית־מדרש,
שיט אויס פאַרן שמש די זשמעניע מיט געלט : — זאָל מען לערנען
אַ פרק משניות פאַר איינער אַ חולה. — ווי הייסט זי ?
— ראַזאַליע בת יעקב. — און ווי איז דער יידישער נאָמען ?
— אָט דאָס איז דער נאָמען : ראַזאַליע בת יעקב.

דערנאָך שוין געהיט זיך פאַר פּראַנט־טירן. די אין די סאַליעס
פאַרשאַפן זיך זייגערס אָן פלעטער. און מאַכט זיך
אַזאַ באַלעבאַסטע וואָס וויל עפּעס געבן צו לייזן,
ווערט וויסן די דינסט און נאַראַיען. די קיך־טיר איז זיכערער.
אלמנות וואָס דינען און האָבן דערוואַקסענע קינדער,
פאַרזעסענע מיידלעך, וואָס חלומ'ען וועגן חתנים, און כלות
וואָס וואַרטן אויף זעלנער אין דינסט — זיי זיינען די קונדן.
אַזוי ברענגט די קיך אויך אָן אַנדער פרנסה. ווען ס'קומט
אַ מענטש מיט אַ בלייפען, דערמאָנט זיך אַ דינסט־מיידל :
זי דאַרף טאַטע־מאַמע צי חתן אַ בריוול שרייבן,
איז גלייכער פינף גראָשן דערפאַר. פון אָנהויב איז מאָדנע :
זיך זעצן אין קיך און פון עמעצנס מויל אַראָפּשרייבן.
נאָך מאָדנער — דאָס לשון. ווען ס'טונקט זיך אַ פעדער אין טינט
קומט דאָס וואָרט אויפן צונג לשון־קודש'דיק. דאָ אָבער
פאַלן די ווערטער פון ווייבערשע ליפּן אין טעגלעכן לשון —
און שרייב זיי אַזוי. ס'איז פרנסה — פאַרפאַלן. דערנאָך אָבער קומט
אַ מאָדנע מחשבה : די קדושה פון הייליקן לשון איז מאַנצבילש,
די קדושה פון טעגלעכן לשון איז ווייבעריש. מאַן און ווייב.
און חזר'ן ייִנגלעך : — בראשית — פון אָנהייב, און לערנען
די בחורים'לעך : שנים אוחזין — צוויי האַלטן — באַהעפטט זיך
די קדושה פון מאַן אין דער קדושה פון ווייב און עס ווערן
געבוירן נשמות. אַזוי אין באַהעפט פון די צוויי מינים קדושה
אין ייִנגלשער תורה גייט אָן יעדן טאָג די יצירה.

משרתים און דינסטן . . . ס'דאַרף זיין אין זיי ברידערשער גורל,
הכנעה . . . נאָר וואָס איז הכנעה ? זיך בויגן פאַר יענעם
וואָס האָט דיך אין זיין רשות, און וויסן, אַז ער, דיין באַפעלער,
פאַרדינט נישט די זכיה זיין אייגענע קליינקייט צו זען.

הכנעה איז טבילה אין ים פון יסורים צו קענען באַטרעטן
אין ריינקייט דעם וועג צו דיין גאולה. און דאָ אין די קיכן —
פאַראומערטע קנעכטשאַפט און חניפה, און הינטערן פּלייצע
געבייזער און קללה . . . ווער ס'לאָזט זיך פאַרקויפן צו מענטש,
הערט אויף צו זיין מענטש. אַז עס שטאַרבט דיר אַ קנעכט —
האָט ר' אליעזר געלערנט — איז גלייך ווי דיין אייזל זאָל פאַלן.
נאָר אָט שרייבסטו ווידער פאַר איינער אַ בריוול און ס'וויינט
פון קנעכטשאַפט אַ טאָכטערשע בענקשאַפט . . . עס טראָגט דיר
אַן עלטערע קעכין אַנטקעגן אַ הייס גלעזל טיי צו דערקוויקן
פון פראָסט . . . אַ דינסט-מיידל גיאַנטשעט מיט מאַמעשער שמחה
אַ פּיצל קינד . . . ניין, עס איז נישט דאָס ליכט פון הכנעה
ווי דו ווילסט עס זאָל אויפגיין, דאָך ליכט איז עס ליכט . . .

פאַר דינסטן אין פרעמדע קיכן
איז גאולה — אַן אייגענע שוועל.
די אָרעמע גאולה פון קיכן
פאַר קיך-לייט ווי זון איז העל.

דאָס לשון — ווייבעריש, גופיש,
דאָס וואָרט — אין צער גייט אויף.
מיט בענקשאַפט צו העכערער קדושה
צינדט זיך די קדושה פון גוף.

די וואָך האָט בלויז איין נשמה,
דער הייליקער שבת האָט צוויי.
זעקס טעג מיט דער איינער צו לעבן,
בלויז איין טאָג צו לעבן מיט צוויי.

דערהויב די גופישע קדושה,
די אָרעמע גאולה דערהויב.
וועט וואָך דעם שבת פאַרשיינען
און שטערן — אויפגיין פון שטויב.

## 9.

דער וועבער ווייס — ער וועט דעם שטאָף פאַרקויפן,
דער גאָלדשמיד זוכט אַ קונה פאַרן רינג און בראָש,
און אויך דער פּויער, ווען ער זעט די זאַנגען אויפגיין, ווייס —
ער וועט דאָס ווייסע מעל אין שטאָט פירן און איינהאַנדלען
אַ לאָמפּ, אַ היטל און אַ זעקל זאַלץ. נאָר ביז עס קומט
די סחורה אַן צום קונה האָט דער וועבער פרייד

פון פיינעם שטאָף, דער גאָלדשמיד פון געשניצטן רינג,
דער פֿויער פון צעוויגטן פולן זאַנג. וואָס האַנט
פון מענטשן האָט געהאָלפן ווערן, טראָגט אין פורעם זיינעם
אַ ניצוץ פון יצירה. נאָר ווען ס'קומט דער חפץ אָן
אין האַנט פון קרעמער, ליגט אויף דעם נישט מער ווי מקח,
און קרעמער'ס נחת איז אין גרויס פון ריוח. אָט אַזוי
ווערט פון אַ מאַמע'ס קינד אַ דינסט ביי פרעמדע — הענט
צו אַרבעטן און פיס צו פאָלגן, אויב נישט ערגער:
אַ לייב פאַרקויפט צו שטילן פרעמדע תאוות.

אין קליינע קלייטלעך זיצן חושכ'דיק פאַר'חושכ'טע
אלמנות איבער זעקלעך הירזש און מעל און שיסלען הערינג,
און אַז עס קומט אַריין אַ קינד מיט אַ פאַרקוועטשטן גראָשן
אין פויסטל נאָך אַ שטיקל הערינג, ווערט דער חושך העלער.
אין קלייטלעך גרעסערע ווערן געפירט מיט קרייד און בליי
חשבונות פון די גראָשנס וואָס קבצנים באָרגן אָן —
דער קרעמער וויס די צאָל פון הונגעריקע מיילער
ביי יעדן קונה, און רייסט ער איבער, ציט זיך דאָך
דאָס רחמים פונם ביכל חובות צו די אָרעמע שטיבער.

נאָר הענער וואו די ליכטיקע געשעפטן זיינען אָנגעלייגט
און אָנגעשטעלט מיט שטאָפן און מכשירים, לויפן אום
משרתים, הילכט פון טיר ביז ווייטסטן ווינקל אָפּ דאָס קול
פון האַר, פון סוחר, און עס שאַלטעוועט די טומאָה.
משרת אין אַ הויז דינט בלויז דעם באַלעבאָס זיינעם.
משרת אין אַ קראָם דאַרף מיט הכנעה, חניפה און גוזמאות
באַדינען יעדן פרעמדן. ווערט אַ קראָם אַזאַ אַ מין ישיבה,
וואו ס'טאַנצט פון פרי ביז נאַכט אַרום סמאַל'ס לץ
און קנעלט די תורה פון גענאַר און שמד־שטיק.

וואַקסט אָן אַ רוגזה. ס'ווילט זיך נישט אַזוי פאַרקויפן
אַ פלעט, ווי אויפרייצן סמאַל'ן. קלייבסט אויס אַ צייט,
ווען אַ געשעפט אַזאַ איז פול מיט קונים, שטעלסט זיך
ביים טיר און ווילסט אַ פלעט. — מיר דאַרפן נישט קיין פלעט!
דו רירסט זיך נישט. — מיר דאַרפן נישט קיין פלעט, ר' ייד!
— די יונגעלייט — זיי דאַרפן אפשר. — ניין, זיי דאַרפן נישט.
— זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיט די קונים, וועל איך פרעגן.
ברענט אויף רציחה אויפן קרעמער'ס פנים, נאָר די קראָם
איז פול מיט קונים, וואַרגט ער זיך: — טאָ גייט דערווייל,
איר'ט קומען שפּעטער . . . אָבער שפּעטער ווילסטו נישט,

ווילסט איצט . . . ער פלאַמט . . . ער'ט באַלד אַ כאַפּ טאָן עפּעס
און וואַרפן דיר אין קאָפּ אַריין. נאָר ס'קוקט זיך אום
אַ קונה, נאָך איינער — און ס'קול ווערט פרום־צעווייקט:
— וואָס קאָסט אַ פּלעט? און ס'גיסט זיך בוימלדיק פון טיר
צום ווייטסטן ווינקל איבער אַלע אויערן: — אַ ייד
אַ נצרך קומט אַריין אַ פּלעט פּאַרקויפן — קויפט מען.
וואַרט אויס, ר' ייד! די יונגעלייט וועלן צופרידנשטעלן
די קונדן, וועלן זיי אַוודאי קויפן. שרייבסט די נעמען
און ס'קוועלן אָן אין בייטל די מטבעות — אויסגעקליגט סמאַל'ן.

## .10

די חכמים און וועגווייזער
האָבן איבערגעלאָזט זייער גלויבן אין טאָוולען
און זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט,
און די לעבעדיקע
גייען אום און דערקענען דעם אמת.

גלויבט דער כוזרי אין טאָוולען,
אַז דער אייביקער, אהיה,
איז דער גאָט פון ישראל פון סיני ביז היינט,
און דער שוועל־טרעטער גייט איבער הייזער און זעט:
וואו אַ טיר איז אַן אַנדער מין אלהים.

גאָט פון מזרח־וואַנט
האָט די גלויביקע זיינע באַזאָרגט
מיט משרתים אין שטוב און מיט קונים אין קראָם,
אָנגעגרייט פאַר זיי גמרות מיט רש"י און תוספות'ן
אויסצושלייפן די מחות צום מסחר,
און אַליין פאַר זיך וויל ער
בלויז אַביסעלע צדקה, אַביסעלע תורה
און אַביסעלע תשובה אין תשובה־טעג
און איז גרייט מיט מחילה און סליחה.

גאָט פון הינטער בעלעמער
איז פאַרביסן און קאַרג ווי אַן אָרעמער טאַטע.
ס'שטיקל ברויט ביי אים קלעקט נישט פאַר אַלעמען —
קלייבט ער איבער די קינדער:
ווער זאָל לעבן און וועמענס המוציא זאָל בלייבן פאַר אַנדערע,
און אויב שטראָפן פאַר זינד — איז מיט הונגער:
אי עס קאָסט נישט קיין מי אי עס בלייבט נאָך אַ ריוח.

גאָט פון יאַטקע־גאַס
איז פאַרזאָרגט מיט זיין עולם:
עסן האָבן זיי איבערגענוג,
און אויב ס'ווילט זיך זיי זינדיקן — זאָלן זיי!
וועט מען דאַרפן זיי שמייסן אויף יענער וועלט,
איז פאַראַן קיין עין־הרע אין וואָס,
וועט מען דאַרפן זיי בראָטן אין גיהנום,
וועט נישט פעלן קיין שמאַלץ אויף דער פייער־פאַן.

גאָט פון ווייבער
איז מיט אויגן באַהאַנגען אַרום און אַרום
ווי אַ קלייד אַ באַמאַלטע מיט אַרבעסלעך:
זעט אין אויוון, אין טעפּל, אין בעט און אין העמד,
וואו אַ קער, האָט ער שדים, מזיקים, מחבלים
און זיי טשעפּען זיך רק צו די ווייבער.
ווען ער טיילט זיי נישט איין אויף די זעקעלעך טרערן
זיך צו קענען באַוואַשן, פאַרוואַשן די זינד —
וואָלט אַ יידענע קיינמאָל פון זינד נישט אַרויס.

רוט דער כוזרי זיין רו אַ פאַרגלויבטער,
אַז דער אייביקער, אהיה, איז גאָט פון ישראל;
מאַכט ישראל זיך אייגענע געטער,
און דער אייביקער, אהיה,
ברענט ווי אייביק אין ברעניקן דאָרן.

.11

אין הויכן בית־מדרש דרש'נט פון בימה אַ מגיד.
בליצלאָמפּן ברענען. יום־טוב אין מיטן וואָך.
גיסט זיך דער ניגון אין משל פון מלך און בן־מלך,
חנ'דלט דאָס קול זיך אין בריה'שן פשט'ל, פאַרגייט זיך
אין גרויס מתיקות ביים שוועל פון די זיבן היכלות
וואו ס'זיצן צדיקים אין גאָלדענע קרוינען
און ווייסע מלאכים באַדינען זיי. אויערן אָפענע,
אויגן צעקוואָלענע — ס'וואַרט שוין אויף יעדן סוחר
און באַלעבאָס דאָ די שטול מיט מלאכים־משרתים —
טריגקט זיך די דרשה ווי מעד און ס'איז ווערט
די פּאָר גראָשן אין קערה דער גרוס פון גן־עדן.
ס'איז ווערט אויך דעם פלעטער דאָס קומען אַהער:
די וואָס זיינען שוין זיכער מיט זייערע גילדענע קרוינען,
פאַרגינען זיך קויפן דערווייל אויך אַ פלעט.

און ווידער אַן אָוונט — אין קצבישן בית־מדרש.
ס'ברענען די וואָכיקע לאָמפּן — העל, נאָר נישט בליציק,
און ס'דרשנ'ט דער זעלביקער מגיד. דאַכט זיך —
דער גן־עדן דער זעלביקער, אָבער די שיין פון די קרוינען
איז דומפּיקער, קילער — ווי די פּשוט'ע לאָמפּן דאָ
אַנטקעגן די בליצלאָמפּן דאָרטן. דערפאַר ווען עס ציגדן זיך אַן
די זיבן היכלות פון גיהנום, שיסט עס מיט בראַנד,
דונערט דער מגיד און ס'בויגט זיך אין אימה דער עולם.
קען זיין, אַז גיהנום צווישן קבצנים איז אויך מסוגל
צו אַ ביסעלע לייזונג, נאָר נח פאַרגעסט די פּלעטן
און פון הינטער בעלעמער, פון ר' יחיאל'ן, רייסט ער זיך:
— איכ'ל גיין און אים זאָגן. — וואָס דאַרפט איר אים זאָגן?
ער דערשטופּט זיך צום מזרח און כאַפּט דעם צעהיצטן מגיד:
— איך האָב אייך געהערט אויך אין הויכן בית־מדרש.
— אַזוי? — קוועלט אַן יענער. — איר גייט וואו איך זאָג?
— איך דאַרף... אָבער כ'וויל אייך אַ קשיא פרעגן.
— מהיכי תיתי — בלאָזט זיך דער מגיד. — הלמאי
פאַר נגידים דאָרט האָט איר געהאַט אַ גן־עדן
און אַהער צו קבצנים ברענגט איר דעם גיהנום?
— וואָס איז דאָס פאַר אַ קשיא?! — רוגזה'ט דער מגיד.
— און טאָמער פאַרקערט? — אָפּגעזאָגט און דערשטופּט זיך
צוריק צו ר' יחיאל'ן: — אויף זיי זאָגט דער פּסוק:
מצדיק רשע ומרשיע צדיק. דאַרף די קערה אַ פולע זיין,
טיילט ער אויס דעם גן־עדן. איז די קערה אַן אָרעמע —
באַשטראָפט ער מיט גיהנום. — אפשר גאָרנישט בכיון? —
וויל ר' יחיאל זיך איינשטעלן. — ס'איז שוין גאָר מיט אַ כיון!
נאָכן מאַרק נאָך די סחורה קלייבן זיי צו.

ס'וואַרט משפּחה אויף וועטשערע, אָבער ס'טראָגט אים דער כעס,
און דורך נאַכטיקע גאַסן שפּאַנענדיק, זעט ער זיך
אויף אַ בימה אַליין — און ער דרשנט אַזוי:

קוואַלן פון רייד
קוועלן פון אַלע עולמות.

טיף אין דער נידער — דומפּיקע קוואַלן פון תאוות,
העכער — בריאיקע קוואַלן פון רצון,
העכער — לויטערע קוואַלן פון חכמה,
העכער — שפּרודל־קוואַלן פון ליבשאַפט —
אַרויף ביז דער העכסטער ספירה, דעם שוואַרצן כתר,
וואָס קוואַלט אַרויס בלענדיקן ווייסן פלאַם —
דערקענונג פון אייביקייט.

פון העכסטן קוואַל.
שעפּן ווערטער ווייס־פלאַמיקע
בלויז יענע וואָס זיינען געשיקט זיי צו קריצן
אויף אייביקע לוחות,
און אויך זיי ווערט דאָס מויל פון די ווערטער פאַרברענט.
טונקען זיי ס׳פלאַמיקע ווייס
אין רויט פון צאָרן, אין גרין פון רחמים,
אין בלאָ פון חסד,
און אַלץ איז דאָס ווייס —
דורכן רויט, דורכן גרין, דורכן בלאָ —
ווי אַ שפּיז אַ צעגליטער אין מענטשלעכע אויגן.

קומען צדיקים,
שעפּן זיי רייד פון די קוואַלן פון רצון,
רייסט זיך דער רצון צום ווייסן פלאַם,
בריט ווייס אין זייערע ווערטער.

קומען חכמים,
שעפּן פון קוואַלן פון חכמה,
לייטערט זיך חכמה אין אָפּשיין פון ווייסן פלאַם,
שימערט מיט ווייס פון זייערע ווערטער.

קומען פּייטנים,
שעפּן פון קוואַלן פון ליבשאַפט,
שפּרודלט די ליבשאַפט מיט תשוקה צום ווייסן פלאַם,
פינקלט דאָס ווייס פון זייערע ווערטער.

צדיק און חכם און פּייטן,
רצון און תורה און ליבשאַפט,
קליין ווי זיי זיינען, ווייט ווי זיי זיינען
פון מקור פון ווייסן פלאַם —
שימער און שיין זיינעם האַלטן זיי, בינדן זיי,
צווינגען אים זיך צו אַנטפּלעקן צו זיי.

קומען דרשנים דערנאָך,
נעמען די רייד פון אַנטפּלעקער,
צינדן זיי אָן ווי ליכט אין די שטיבער
און ס׳ווערט העל אין די שטיבער.

און עס זיינען דאָ בלינדע,
וואָס קענען אַליין קיין שיין נישט דערשפּירן,
שלינגען זיי ווערטער פון זעער,
און דערנאָך, אַז זיי ברענגען די ווערטער אויף אייגענע ליפּן,
גלויבן זיי, אַז זיי זעען.

און ס׳זיינען געשטראָפטע פאַראַן.
פּיס ווי געפּענטעטע שלעפּן צו זומפּן,
חומר ווי פינצטערע תפיסה
ווימלט מיט ווערים,
און ס׳שימערט זיי העלקייט פון ווייטן.
פייניקן זיך די געשטראָפטע,
שרייען און שעלטן מיט וויסטע קללות
און אין די קללות גייט אויף אַ שיין.

נאָר ס׳זיינען דאָ ליגנער,
הונגער פון גאוה אין אינגעווייד,
לעכצונג פון קנאה שרפ׳עט די ליפּן,
און דומפּיקע תאוות פאַרפּלייצן מיט שכרות —
כאַפּן זיי פרעמדן ליכט
און וויקלען אין דעם זייער טומאה
און טראָגן עס אום אויף די מערק.

די געשטראָפטע מיט זייערע קללות
וועלן צום ווייסן פלאַם זיך דערשעלטן.
ס׳וועלן בלינדע מיט זייער גלויבן
זיך די אויגן צעעפענען.
נאָר די ליגנער, וואָס טראָגן פאַררניסן אַרום
די אומווערדיקייט זייערע
אין טליתים פון פרעמדן ליכט,
וועלן ס׳העלסטע גע׳גנב׳עטע וואָרט
אין דער דומפּיקייט זייערער אויסטונקען
און ס׳וועט קיינמאָל קיין תיקון נישט האָבן.

עס טראָגט אים נאָך אַלץ, נאָר דער כעס אויפן ליגנער
ווערט נישטיק אין אויפלויכט פון אַלע צעעפנטע קוואַלן
און ס׳טאָגט אַ מחשבה: עס האָט אויך דער ליגן אַ שליחות —
די העלקייט פון אמת צעצינדן. ווערט שטילער דער טראָט,
און ס׳טענה׳ט דער זאָגער הינטערן פּלייצע: ביסטו נישט צו האַרב
מיטן גזר־דין? מאַכסטו פאַר דיין ברויט נישט קיין פּשרות,
זאָלסט מעגן ביים ליגנער דעם תיקון אויף אייביק, אויף אייביק
אָוועקנעמען? . . . בלייבט ער אין מיטן אַ טראָט און וויל וויסן:
— טאָ וואו איז דער לעצטער גדר? איז ביז צו דער זינד
פון קיִנ׳ען, ביז אַ ברודער׳ס בלוט, אויף אַלץ דאָ אַ תיקון?
און ס׳ענטפערט דער זאָגער: — דו ווייסט נישט ווי ווייט
וועסט וועלן דיין אייגענעם גדר פאַרשטופּן, ווי ברייט
זיך לאָזן אַ שטח פאַר אייגענעם תיקון. נישט מעסט
דעם מהלך וואָס אַנדערע לאָזן פאַר זיך ביזן לעצטן גדר! . . .

## .12

ווינטער. וועסנע. זומער. ווייזערס אויפן זייגער
דרייען זיך כסדר. שטורעמס. ווינטן. וואָלקנס.
רגע׳ס נחת. וואָכן אונטער שווערע כמאַרעס.
דו אַליין דער ווייזער. דרייסט זיך אָן און גייסט
און אין מזל׳דיקע רגע׳ס קומט דער צווייטער,
דער באַגלייטער, און באַגלייט דעם גאַנג.

שוין דעם חוב דעם זייגערמאַכער אויסגעצאָלט.
אַלע גראָשנס ריינער ריוח — אין אַ גוטער שעה!
דוואָשע דאַרף אין קימפּעט גיין. דאָ ברויט אין שטוב,
זון אין פענצטער. ביימער גרינען. לינדער ווינט
פלאַטערט מיט די שיר־המעלות׳ן. פרייד און נחת.
וויל אָבער די קימפּעטאָרין וויסן וואו מע נעמט
פאַרן זון אַ נאָמען, זאָגט דער פאָטער: — ערגעץ נישט,
ער וועט הייסן שלום. מיינט זי — ס׳איז אַ נאָמען
נאָך אַן עלטער־זיידן זיינעם. זאָגט ער: — ניין,
ס׳איז נאָך קיינעם נישט. פאַלט אָן אַן אימה,
און די אימה וואַרגט די פרייד פון ברית.

קרעקט דאָס קינד זיך מיט דער מאַמע׳ס מילך,
ברעכט און רייסט זיך: ס׳בייכל, נעבעך, שניידט.
שלומ׳קע, מיין קינד! אַזאַ נאָמען דיר געגעבן
אַז נישטאָ ווער עס זאָל מיען זיך פאַר דיר . . .

לאָזט זיך אויס דער גאַנג באַלד. דאַרף מען
גרייטן זיך צום נייעם גאַנג. איז ווידער טייל די גראָשנס,
גרייט דאָס האַנט־געלט פאַרן נייעם פלעט.
ווערט דער פענעץ ברויט צוריק פאַרשרומפּן,
מאָגערער דאָס מילך אין ברוסט, פאַרצאָגטער
ס׳פּישצען פונם קינד. וואָס קען איך טאָן מיט דיר,
שלומ׳קע, מיין זון, אַז מ׳האָט די אבות דיינע
אָפּגעפרעמדט פון דיר, מיין אָרעם יתומ׳ל,
מיט אַ טאַטן, מיט אַ מאַמען — אָרעם יתומ׳ל . . .

אויסגעפלעט דעם זייגער פאַר אַ מנין יידן
אין בית־מדרש. ר׳ יחיאל האָט דאָס קוויטעלע געצויגן,
אויסגעקלעפּט מודעות, אַז דער פלעט איז אָנגעקומען
צו הבתולה די און די, אַ דינסטמיידל אַ כלה.
איצט איז גרינגער אָנצוהויבן פון דאָס ניי.
שוועלן קענען שוין די שטיוול דיינע, קליאַמקעס —

דיינע פינגער, און קענסט זאָגן: יענעם זייגער
אויסגעפּלעט שוין און דער פּלעט איז אָנגעקומען
צו הבתולה די און די, אַ דינסטמיידל אַ כלה.

תשרי, חשון, כסלו. שטיוול — מיט פּאַדנאָסקעס
פּריש באַניִיט. דעם ווייבס פּאַטשיילע אויפן האַלדז.
פּייכטער טרויער אין די אויגן פונם ווייב.
טשאַדיק פּלעמל איבער ספר אויפדערנאַכט.
ווייזערס גייען, דרייען זיך אַרום דעם ציפערבלאַט.
דו אַליין אַ ווייזער — דרייסט זיך אַן און גייסט.

## 13.

דאָס שוסטערל וועט לצ׳יש זיך דערפרייען: זע נאַר ווער ס׳איז דאָ!
דאָס שניידערל וועט אויפן אונטערקול אַ זינג טאָן: הנני העני . . .
אַ דינסטמיידל וועט זיך אַ בריוו שרייבן דערמאָנען,
ס׳וועט ווינטשעווען דעם נייעם פּלעט אַ מזל׳דיקע שעה
און נאָכפרעגן אויף ווייב און קינדער די אלמנה,
און אין דער סטאָלעריי די פּועלים וועלן די אַרבעט איבעררייסן
און איינס אַנטקעגן אַנדערן מיט גרעשעלעך זיך פלייסן.

צום צווייטן מאָל אַ שוועל איבערגעשפּאַנט און ווייסט:
ביסט עפּעס אין אַ נייער זאַך אַריינגעפּענטעט.
ס׳איז נישט די גינציקייט צו דיר וואָס מאַכט זיי נענטער
און נישט די לייזונג וואָס האָסט יאָ צי נישט געלייזט.
האָסט איינמאָל דורכגעשפּאַנט, און ווער עס האָט דערקענט דיך
מיט גוטן צי מיט בייזן וואָרט נאָך לאַנגע וואָכן,
איז נישט קיין פרעמדער מער, איז דיין משפּחה.

אַ צווייטן מאָל אַ טיר געעפנט און דו ביסט נישט מער
קיין דורכגייער. האָסט זיך פּאַרפּלאָנטן מיטן סדר.
ווי ס׳דאַרף דער שוסטער נייען שיך, דער שניידער — קליידער,
דער חזן אויסקוועטשן פון אויג אַ טרער
און דער באַהעלפער טראָגן קינדערלעך אין חדר, —
אַזוי דאַרפסטו די גאַסן זייערע דורך שניי און רעגן טרעטן
און אַנבאָטן זיי פּלעטן — ביסט דער פּלעטער.

מ׳האָט דיך אַריינגענומען ווי אַן אייגענעם, און איצט
ביסטו אַ זייעריקער. ווער עס טראָגט דיר די פּאָר גראָשן
מיט פרומע רייד און ווער עס קאַרגט זיי מיט אַ דרשה,
ווער ס׳טרייבט דיך בייז און ווער ס׳באַגלייט דיך מיט אַ וויץ —
דער אביון און דער גביר, דער צדיק און דער רשע —
וועסט פון דער קרובה׳שאַפט מיט קיינעם נישט אַנטרינען,
טאָ זוך און וועסט אויף זיי אַ זכות געפינען.

## .14

ביסט אַן אייגענער אין אַלע טירן — איז אויך די אַ טיר.

ליכט פון פּראָסטיק־אָנגעפּעלצטע שויבן, אויבן ביים לאָמטער
אַ פּאַרשנייטע שילד: „טראַקטיר״. פּאַרע פון אַ שוויץ־באָד,
וואָלקנס טאַבאַק־רויך. די ברילן אויסגעווישט: פּנים׳ער —
בערדיקע, צעפּלאָמטע, היטלען שוואַרץ־באַראַשקענע.
אויף די טישן — טעלער, גלעזער, פּלעשער. קאָרטן פליען
איבער פּלעשער, איבער גלעזער. ווער וועט זיך דאָ אומקוקן?
איינער זיצט פאַר׳דבקה׳ט אין אַ טעלער. הויבט ער אויף
אַ מינוט די באָרד, קוקט אַן און ווידער זיך פאַר׳דבקה׳ט,
ווי דעם פלעטער׳ס פּזמון נישט דערהערט גאָר. איינער דרעמלט.
די וואָס ביי די קאָרטן לאָזן זיך נישט מפסיק זיין.
נאָר אָט בלאָנדזשעט איינער מיט אַ שכור׳לעכער האַנט
אין אַ קעשענע צום טייסטערל און שרייט: אַ זייגער
אויסצופּלעטן! . . . הייסט מען אים דעם פּלעט פאַרשטופּן ערגעץ.
ווערט אַ שיסעריי פון נבול־פּה. קומט צו די שענקערקע,
פּליוכעט מען זי אויך אָפּ מיט אַ שעפּל רייד, נאָר זי,
אַ געשטופּלטע, אין געשטעפּטן וואַטע־לייבל, גיט אַ שאָס צוריק,
ווערן אַלע דמים אויפגעזאָטן: פון אַן אשה׳ס מויל!
קאָפּ פאַרקריכט אין אַקסל, ס׳שלאָגט צוריק ניט־גוטקייט
פון די ריחות פון די פּעלצן, מיילער, הייסער קישקע,
גריוון, הערינג, קנאָבל . . . שפּאַרט ער זיך אין סטאַיקע אָן
וואו דער שענקער שטייט, דערזעט די שענקערקע: — גזלנים!
ס׳חלש׳ט דאָך דאָס האַרץ ביים יידן! . . . שטופּט זי זיך
מיט אַ קעלישעקל שנאַפּס צו אים, רוקט ער עס אָפּ פון זיך:
— ניין, ער׳ט בעסער גיין שוין. רייסט מען זיך פון קאָרטן אָפּ,
טרייסלט מען די טייסטערס, שרייבט ער נעמען איין,
דאַנקט ער. רוקט זיך הינטערווייל׳עכס ביז צוריק אין גאָס.

אָוונטן און שענקען. קען שוין איצט דעם עולם:
שינדער, שמידן, טעסלער, באַלעגאָלעס, קלעזמער.
שוין געזען זיי טאַנצן אונטער קלעזמערס פידל.
שוין געזען זיי וויינען ביי אַ זינגערס ליד,
שוין אַליין געמאַכט מיט אַ בעל־שמחה אַ לחיים,
און נאָך איידער שלום איז געקומען, שוין אַליין געלערנט
אַז פאַראַן אַ וואָרט אַזאַ, וואָס קען אויך פון אַ שענק
אַ מקום קדוש מאַכן — קלעזמער, זינגער האָבן ברעקלעך,
אותיות פונם וואָרט — מען דאַרף די ברעקלעך בלויז
אויפשמעלצן צוזאַמען און דאָס וואָרט וועט ווערן.
און אַן אָוונט איינמאָל קומט ער אין אַ נייעם שענק.

מאַדנער עולם! פּנים׳ער געגאַלט, לאַקירטע דאַשקעס,
קוטשמעס איינגעבראָכענעביים שפּיץ און זיצן וואוילעריש
ווי ביי קאַזאַקן. אויף די פּלייצעס — גאַלדיק־וואַליקע באַשליקן
אָפּגעזוימט מיט טאַשמעס גאַלדיקע. געפּוצטע כאַליוועס.
קאַלאַשן טיפע מיט אַ בלאַנק. די טישן אָנגעשטעלט
מיט אַלדאָס גוטס און משקה פון קאָלירן אַלערליי.
און ס׳לשון — יידיש . . . — וואָס? אַ זייגער? לוינט זיך אָנצוקוקן.
גייט דער זייגער אום פון האַנט צו האַנט, זאָגט איינער:
— נישט קיין שלעכטער זייגער! זאָגט אַ צווייטער: — הם!
און עס לאַכן אַלע און פאַרטרינקען זיך און ס׳דאַכט זיך:
נישט געווען קיין פלעטער און קיין זייגער — גאָרנישט!
וואָרט ער, וויל נישט נאָכגעבן אין זיך די מורא, קוקט.
קיינער זעט אים מער נישט. זאָגט ער: — איך בין נישט געקומען
אויף הלצות דאָ. גיט אָפּ דעם זייגער! . . . קוקט זיך איינער אום:
— וואָס דאַרף דער ייד? די אַנדערע — אַפילו דאָס נישט.
שטייט ער, שטייט אַן אויסגעצויגענע, געוואָרגענע מינוט,
טוט אַ שפּאַן צום טיש, אַ כאַפּ אַ פלעשל משקה און אַ זעץ
אין טיש אַריין: — דעם זייגער גיט אַהער! צעזעצט דאָס פלעשל,
די קעלישקעס צעשליידערט, רויטע משקה פּלייצט איבערן טיש,
און אין האַנט ביי אים דאָס אָפּגעשפּרונגען העלדזל.
חברה, אַ באַשפּריצטע, שפּרינגט פון בענקלעך: — גאָר אַזוי?
פלעשער ברעכן מיר? נאָר איידער עמעצער פאַרמעסט זיך
שטייט ער שוין און האַלט איןביידע הענט אַ בענקל:
—איכ׳ל שפּאַלטן קעפּ! . . . מע קוקט זיך איבער, מע צעשפּרייט זיך,
עמעצער פאַרשטייפט די הענט זיינע אין ביינערדיקע פינגער,
ס׳בענקל פאַלט אַוועק, געבונדן אויף אַהינטן שטייט ער,
און עמעצער ביים סאַמע עק פון קיטל האַלט דעם זייגער,
וויגט אים הין און קריק מיט אַ גזלנ׳ישער פאַמעלעכקייט.
ווי אַט באַלד וועט ער אים אויף דער ערד אַרונטערלאָזן
אונטער אַלע שטיוול און קאַלאַשן, און וויל וויסן — זייער זיס:
— איז דאָס אייער זייגער? דער געבונדענער ווי ביי אַ קבר
מיטן קול פון לעצטן אפשר שטאַמלט: — אין דער היים ביי מיר
אַ פּיצל קינד אַ קראַנקס — און דאָס — מיין שטיקל ברויט.
מאַכט אַ יונג אַ וואַנצלדיקער: — טאַקע? קראַנק נעבעך?
נאָר די באָרד און ליפּן פון געבונדענעם פאַרשציימעט צאַפּלען,
און דאָס קול פון יונג ווערט אָפּגעהאַקט. די האַרטע פינגער
לאָזן אָפּ די איינגעשטייפטע אָרעמס, זייגער קריגט מנוחה
אויפן טיש, ס׳רוקט עמעצער אַ בענקל אונטער, חברה בעט זיך:
— אַז מ׳האָט נישט געמיינט. אַ שפּאַס — מער גאָרנישט!
הייבט ער אויף די ברילן, ווישט די אויגן, לאָזט דעם זייגער

ליגן וואו ער ליגט און רעדט: — אַז איר דאַרפט אָנקומען
צו אייער מין חיונה, ווייסט איר דאָך וואָס דלות איז.
זאָלט איר אַ שפּיל מאַכן מיט איינעמ'ס ברויט און לעבן!
רופט זיך איינער אָן: — מיר שפּילן זיך מיט אונזער לעבן אויך!
— איז הפקר אַלץ?—פאַרענטפערט זיך אַן אַנדערער:—נישט אַלץ!
מיר נעמען נישט ביי אָרעמע. — וואָס קענסטו ביי זיי נעמען? —
לאַכט אַריין אַ דריטער. און דער ערשטער ווידער חקר'נט:
— אַז ס'איז מער נישטאָ ווי חיי־שעה. מוז דאָך אַלצדינג
הפקר זיין. — און אַז עס קומט דער עונש און מע בלייבט
הינטער גראַטעס און ס'איז אויס די חיי־שעה — וואָס דעמלט?
דאַרף מען זיך דאָך אָנהאַלטן ביי עפּעס, מע זאָל קענען
איבערטראָגן תפיסה, קלעפּ און עלנט — וואָס־זשע איז עס?
— הפקר איז עס — זאָגט דער חקרן. נאָר דער פלעטער
גיט נישט נאָך: — זאָל זיין, אַז הפקר. נישט מיט מצוות,
נישט מיט מעשים טובים טוט איר זיך אָרומצאַמען,
נאָר מיט הפקר. אָבער הינטער פּלויט פון הפקר
איז דאָך אַלץ נשמה... חברה גאַפט. דער חקרן שטייט
אַ געפּלעפּטער. רייצט מען אים: נו, למדן, גיסט זיך אונטער?
ניין, נישט גרייט נאָך: — די נשמה ווערט אַליין אַ הפקר.
— דאָס איז ליגן! — זאָגט דער פלעטער: — די נשמה קען נישט
ווערן הפקר. דו ביסט נישט איר באַלעבאָס. קענסט נאָרן
די חברים דיינע, אָפּקויפן די פּאָליציי, פאַרטשאַדען
זיך אַליין מיט חיי־שעה, נאָר די נשמה וועסטו נישט גענאַרן.
וואָס זשע טוסטו ווען דו בלייבסט אַליין מיט איר אַ ניכטערער
און זי מאָנט ביי דיר אַ חשבון? ... חקרן איז פאַרלאָרן,
נאָר אים קומט צו הילף די שענקערטע: ס'געפעלט איר נישט
דער גאַנצער שמועס. קלייבט זיך דאָ דער ייד צדיקים מאַכן
פון די קונדן אירע? — ווער וועט פאַרן ווישניאַק אָפּצאָלן?
פאַרהוקעט מען זי. גייט צוריק דער זייגער אין זיין רו
און דער פלעטער הייבט זיך. — נו און פלעטן?
— כ'האָב שוין אַזוי אויך געהאַנדלט אַ מציאה דאָ.

◈

ס'איז פאַרפאָרן פאַרן הויז אַ שליטעלע. אַ מענטש,
אַ געגאָלטער, אין קאָלאָשן טיפע, האָט פון דאָרט
אַ שווערן פּאַק אַרויסגעשלעפּט און ביי די ווייבער
אין דער קיך אַ פרעג געטאָן: — וואוינט דאָ אַ פלעטער?
— איר מיינט ר' נח'ן? — און אָנגעוויזן אים די טיר.
האָט ער זיך מיטן פּאַק אַריינגעשלעפּט צו דוואָשען:
— זענט איר ר' נח'ס ווייב? וואָס מאַכט דאָס קינד ביי אייך?
— ס'דאַרף רחמים — און צעמישט באַטראַכט דעם פרעמדן.

נאָר ער האָט לאַנג זיך נישט געלאָזט באַטראַכטן.
אויפֿן טיש דעם פּאַק אַרויספֿגעשטעלט, אַ זאָג געטאָן:
— דאָס האָט מען אייך געשיקט! און מיט „אַ גוטן טאָג" אַרויס.
נאָך אַלץ אין דער צעמישעניש האָט זי געכאַפּט זיך דעם שפּאַגאַט
פֿונאַנדערקניפּן, און די הענט פֿאַרבראָכן: — ווי איז מיר!
זיינען די ווייבער אַנגעלאָפֿן פֿון דער קיך, אַרומגעשטעלט זיך
און גענומען מיט די אויגן און די פֿינגער אַנטאַפּן דעם פּאַק.
וואָס איז דאָרט נישט געווען! ציקאָריע, טיי און פּוטער,
אַ זעקל מעל און רייז און גרייפּלעך און אַ היטל צוקער — — —
האָט אַ יידענע אַ זאָג געטאָן: — וואָס דאַרפֿט איר טראַכטן?
פֿאַרקנעפּט אַ בלעטל לאָקשן און קאָכט אָפּ אַ וועטשערע.
נאָר דוואָשע האָט געציטערט: — כ'האָב עס מורא אָנצורירן.
אַז כ'האָב אים נישט געפֿרעגט אַפֿילו ווער ער איז . . .
איצט האָבן אויך די אַנדערע געכאַפּט זיך אויפֿן הילוך
פֿון פֿרעמדן — די געגאָלטע מאָרדע, שטיוועלעך און פּעלצל,
און מ'האָט מיט מורא זיך אָוועקגערוקט: אַ קשיא —
טאָמער קומט עס גאָר פֿון יענע לייט . . . זיי האָבן ליב
זיך אָנצוטאָן ווי פּריצים'לעך און טוען טובות דיר.
און רירט מען זיך, חלילה, צו צו זייערס — איז מען שוין
פֿאַרקויפֿט צו זיי אויף אייביק . . . דוואָשע האָט צוריק
פֿאַרבונדן דעם שפּאַגאַט און ס'איז די שרעקעדיקע זאַך
אַזוי געשטאַנען אויפֿן טיש. די ייִנגלעך זיינען אָנגעקומען
פֿון תּלמוד־תּורה, הונגעריקע נעזער האָבן מיט די פֿליגלען
אויפֿגעציטערט פֿון די ריחות פֿונם פּאַק, נאָר מאַמע
האָט די מורא זיי פֿאַרטרויט, האָט מען זיך אָפּגערוקט
און צאַפּלדיק געוואַרט. אויף דעם איז נח אָנגעקומען.
פֿון שכנות'דיקע קאַמערן האָבן זיך נייגעריקע ווייבער, מענער
צום טיר געשטופּט. ער האָט דאָס ווייב, די שכנות אויסגעהערט
און אָנגעקוקט דעם פּאַק. פֿון ערשטן וואָרט געוואוסט,
ווער ס'איז דערמיט געקומען אים באַצאָלן פֿאַרן שפּיכת־דמים,
נאָר ס'קראַנקע קינד אין וויגל האָט געמאָנט די גרייפּלעך
און פּוטער פֿונם פּאַק, די הונגעריקע אויגן פֿון די זין
זיינען געהאַנגען אויף זיין מויל — האָט ער זיך צוגעהערט
נישט צו די ווייבער'ס רייד, נאָר צום געהאַמער אין די שלייפֿן:
— זיי מתּיר! נעם אויף זיך די זינד און לאָז די הונגעריקע עסן!
ביז יענער וואָס אין אים האָט מיט אַ מעסער אָפּגעהאַקט די רייד:
— ס'איז נישט פֿון שדים. ס'איז נאָך ערגער ווי פֿון שדים . . .
אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַק, אַרויסגעטראָגן ווי אַ פּגר פֿאַרן טיר,
און ווי פֿון פּגר זיך די הענט געוואַשן: — כ'וועל עס מאָרגן אָפּטראָגן.
ער האָט מיט גוואַלד פֿון זיך אַרויסגעשלעפּט די מעשה מיטן זייגער,

## .15

שפעטער אָוונט. ס'שלאָפן די עלטערע ייִנגלעך.
פּייער אין לעמפּל קאָפּטשעט מיט שוואַרצע ציִנגלעך.
איבערן קראַנקן וויגל וויגט זיך און דרעמלט די מאַמע.
טונקעלע פליגל שפּרייטן זיך איבערן קאַמער.

דאַכט זיך — פון טונקל אַרויס זאָגט עמעצער אונטער:
— יענע דאָרט האָדעוועז קינדער געזונטע . . .
וועקט זיך דאָס ווייב: — האָסט געזאָגט עפּעס, נח?
הערט ער זיך זאָגן די ווערטער אַליין אין דער הויך.

פאַלט אים אַ פּחד אָן. כאַפּט ער דעם אויבער־בגד.
— איצט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט ווידער אַוועקגיין?
— כ'גיי נישט אויף לאַנג. — זאָלסט זיך נאָר נישט פאַרקילן.
שניי פאַלט אין פלאַכטעס אויף באָרד און ברילן.

זוכט ער אין נאַכט אַ בית־מדרש וואָס איז נאָך אָפן.
אייניקע זיצן ביי ליכטלעך. אַנדערע שלאָפן.
צינדט ער אַ ליכטל אַליין, שלעפּט אַ ספר אַ שווערן,
נאָר זעט נישט קיין שורה אין ספר און לערנט:

— הייסט עס — נישט שנאה צום שקר, נאָר פּשוט'ע קנאה,
קנאה פון איינעם וואָס קען זיין ברויט נישט פאַרדינען . . .
און טאָמער זאָל אויספעלן מאָרגן נאָך אַ פּאָר גראָשן
וועט גנבה און גזלה אויך ווערן כשר . . .

לייגט עס דער זאָגער אין מויל אַריין אים די ווערטער,
אָדער פון ערגעץ אַ ווידערקול הערט ער:
— וויטיק דעם זין פון נסיונות פאַרטומלט.
אויסשיילן דאַרף מען די קערנער קדושה פון טומאָה.

קדושה — דאָס קראַנקע קינד ביי דער מאַמען אין וויגל,
טומאָה — דאָס אומרעכט וואָס האָט זיינע טעג פאַרזיגלט,
טומאָה — די רשעות וואָס ברענגט אַ טאַטן צום שעלטן,
טומאָה — די שטומע הכנעה צום שלעכטס וואָס געוועלטיקט.

ציען צו העלערן מקור צעהעלטע געדאַנקען,
ציט עס צוריק צו דער מאַמען ביים וויגל, ביים קראַנקן.
שפּאַנט ער צוריק פאַרביי טירן און לאָדנס פאַרמאַכטע —
פוכיקער שניי פאַלט אויף ברילן אין פלאַכטעס.

## .16

אשמדאי, גראָשענער אשמדאי,
אָנזעצער, וואוכערניק, חלפן,
זיצט אויפן כסא־המלוכה,
דער פאַררייסענער מזרח־וואַנט,
פאַרקליידט אין בגדי־מלכות,
אין גראָשענע מעשים טובים,
און אַלע פאַלן פאַר אים.
נאָר איך, אביון און בעטלער,
זע די פאַרשטעלטע טומאה
און זעענדיק דאַרף איך זוכן אַ זכות אויף איר.

אין טויזנט טונקעלע קאַמערן
גייען אויס קינדער אין וויגן.
טאַטעס פאַרצאָגטע גלויבן —
אַזוי איז דער ווילן פון אויבן,
אַז קינדער און ברויט זאָל זיך מערן
ביי יחסנים פון מזרח־וואַנט,
און ביי זיי זאָלן קינדער אויסגיין.
נאָר איך, אביון און בעטלער,
זע די געבענטשטע גזלה,
און זעענדיק דאַרף איך זוכן אַ זכות אויף איר.

## .17

פון ראָג פון גאַס, אין אָוונטיקן טונקל, איז דעם וועג פאַרלאָפן
דער חקרן צווישן די גנבים: — זיינען אויך די מצוות אונזערע
פאַרשאָלטן — מוקצה, טריף? האָב איך דעם פּאַק מיט עסן
אַוועקגעשענקט אין הקדש — דאָרט האָט מען עס יאָ גענומען.
— גוט געטאָן —
איז נח גרייט געווען אים אָפּצו׳פּטר׳ן. נאָר יענער האָט זיך
נישט געלאָזט:
— איר זענט מיט מיר נישט פּאַרטיק. איך האָב אויך עפּעס צו זאָגן.
איר ווילט, קען מען אַוועקגיין ערגעץ. ס׳וועט מסתמא אייך
נישט אָנשטיין זיך אַרומדרייען מיט מיר דאָ. — ס׳מאַכט נישט אויס.
— די זאַך זאָל אייך נישט קשה זיין — האָט יענער אָנגעהויבן —
וועל איך עס מאַכן קורץ. כ׳האָב ביי אַ בייזער נגידית׳טע,
וואו כ׳האָב אַ טאָג געגעסן, צוגע׳לקח׳נט עפּעס,
און אַז איך בין געגאַנגען עס פאַרקויפן, האָט מען מיך געכאַפּט

און איינגעזעצט. פון תפיסה בין איך שוין אַרויס אַ פּאַרטיקער.
מער וויסן דאַרפט איר נישט. איצט וויל איך פרעגן.
איר טענה'ט: די נשמה איז ניט הפקר. אפשר — אמת.
אַז נישט וואָלט נישט געמאַטערט: צער פון טאַטע־מאַמע,
מגושמ'דיקע חברה און די שטיקלעך אַרבעט גופא.
און דאָך קומט די נשמה פון אַ הפקר'דיקן מקור. זעט:
אַט האָבן נאָך ישיבה־בחורים געגעסן טעג ווי איך,
און וואָלט אַן אַנדערער דערזען דער באַלעבאָסטעס פינגערל,
וואָלט אים נישט איינגעפאַלן קיינמאָל, אַז מע קען עס נעמען,
און טאָמער יאָ — וואָלט ער אַוודאי דעם נסיון ביי־געשטאַנען.
איך — נישט. עס האָט אַ צי געטאָן: אַט ליגן נייע שטיוול
און וואָכן טאַשן־געלט — און נישט געקענט עס גובר זיין.
איז דאָ אין זיי אַ כוח, וואָס אין מיר איז ער נישטאָ.
האָט ווער דאָך איינגעטיילט די כחות — ווער האָט עס
געטיילט אַזוי? פאַרוואָס קומט איינעם אַ נשמה אַ געהויבענע,
וואָס האָט פאַר זינד קיין מורא נישט, דעם אַנדערן — אַ שטאַרקע,
וואָס קען די תאוות גובר זיין, און גאָר אַן אַנדערן —
אַ שוואַכינקע, וואָס טו אַ בלאָז אויף איר, שוין ליגט זי.
דאָס איז מיין קשיא. אַלע ווילן זיין צדיקים. קומט עס איינעם אָן
ווי האָר פון מילך, דעם צוויטן מיט די גרינע ווערים
און דער דריטער מעג תעניתים פאַסטן, גלות אָפּריכטן
און ס'וועט אים העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. טוט די זינד אַ רוף —
אַהאַ — ער איז שוין דאָ. איז ווער האָט זיי געמאַכט אַזוי?
איז דאָך די גאַנצע שפּיל אַ הפקר! ענטפערט: יאָ צי ניין?
— רעדט ווייטער, כ'הער. — איר זאָגט: ס'איז דאָ אַ טאַטע.
וואָס טוט דער טאַטע? טיילט ער זיינע קינדער אין אַליין
אויף בני־יחידים און מוזיניקלעך, אויף שטיפקינדער, ממזרים
און גלאַט פאַרגעסענע הינטערן פּלויט, נאָר אַז עס קומט
צו כבוד־אב, פאַרלאַנגט ער עס פון אַלעמען. און שטראָפט
פאַר עובר זיין. וואָס איז עס — הפקר אָדער ניין? . . .

מ'האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ראַג. דער ווינט פון ביידע זייטן
האָט אין די פּנימ'ער געשמיסן, ס'האַרץ ביי נח'ן האָט טעמפּ
געפּויקט און ער האָט אָנגעקוקט דעם פרעגער און געשוויגן.
האָט יענער, אַ געשטאַרקטער פון זיין שווייגן, מאָנענדיקער נאָך
זיך אָנגעזעצט: — איך פרעג: מיר זיינען ביידע טאַטעס קינדער.
פאַרוואָס קענט איר אַרומגיין קלייבן גראָשנס און איך נישט?
פאַרוואָס זענט איר אַן אָרנטלעכער ייד און איך — אַ גנב?
האָט נח אין געאייל געגנישטערט אין זכרון אָנצוכאַפּן ערגעץ
אַ מאמר חז"ל, וואָס זאָל אַן ענטפער זיין און נישט געכאַפּט
אין זיך צו ראַטעווען אַ רגע פון צעמישעניש אַ פרעג געטאָן:

— ווי רופט מען אייך? — וואָס איז דער חילוק? רופט מיך יואל.
פון נאָמען איז געוואָרן עפּעס גרינגער. האָט ער אָנגעהויבן:
— די ווערבע פרעגט זיך נישט פאַרוואָס זי איז נישט דעמב
און ס'פרעגט אויך נישט דער האָז פאַרוואָס ער איז נישט לייב.
מיר זיינען פרעגער — פרעגן מיר. נאָר שכל'דיקער זיינען זיי.
— ווייל ס'איז נישטאָ קיין ענטפער! — האָט געשמיסן יואל.
— ס'איז דאָ. אויף אַלץ וואָס איז פאַראַן איז דאָ אַן ענטפער.
אַז נישט וואָלט עס נישט זיין. די מקובלים ענטפערן.
נאָר מיר — מיר מוזן וואַרטן ביז די חושים זאָלן קענען
אַזוי אַריינדרינגען אין סוד פון וואָכעדיקע זאַכן אַרום אונז,
ווי זיי אין סוד פון דער יצירה, און דער ענטפער
וועט ליגן אויבן אויף. — ס'הייסט: וואַרטן אויף משיחן.
און ביז משיח קומט? — משיחן דאַרף יעדער איינער ברענגען
פאַר זיך אַליין. און ווער עס האָט קיין כוח נישט דערצו,
דאַרף גלויבן, אַז ס'איז דאָ אַן ענטפער, אַז דער ענטפער
איז גוטסקייט און צו גוטסקייט פירן זיך. — פון וואַנען ווייס איך
וואָס גוט און שלעכט, אַז אַלץ איז הפקר? — זעט איר דאָך:
איר ווייסט. ווען נישט — וואָלט איר זיך מיטן פּאַק ניט אומגעשלעפּט
פון מיר צום הקדש. — און קיין אַנדער ענטפער האָט איר נישט?
— איך האָב נישט. — דאָס איז אויך קיין ענטפער נישט.

מ'איז זיך צעגאַנגען און ס'האָט ווי אַ מוק אין נח'ס אויער
געקלאַפּט דער נאָכזאָג: — דאָס איז אויך קיין ענטפער נישט!
ווער ס'זעט דאָס שלעכטס אין זיך און האָט קיין כוח נישט
עס בייצוקומען, זעט זיך אַ באַ'גזל'טן פון הימל, און מיט וואָס
דעם הימל אים רעכטפאַרטיקן, אַז קיין אמונה איז נישטאָ?
ווי מאַכן שלום אַלע וואָס דער הימל האָט באַ'גזל'ט?
און ס'זיינען דאָ נאָך מער באַ'גזל'טע ווי אָט דער יואל.

◈

ס'איז אויך געווען אַ שענק — ביים באַן, ביים גרענעץ שטאָט.
באַן־אַרבעטער און אונטער־אָפיצערן, באַלעגאָלעס, טרעגער —
אַ הפקר'דיק געמיש פון ייד און גוי. עס האָט באַדינט
אַ שיקסע מיט אַ לויזן בוזעם און צעפּירטע הענט און היפטן,
און אין אַ ווינקל האָט אַ מענטש געגרימפּלט אויף אַ פידל:
אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק אפשר, אָן אַ סימן אָבער
פון באָרד, און ס'פּנים ווייבעריש און געל פאַרשרומפּן,
מיט ליפּן געלבלעכע און גריבערדיקע אויגן. נאָך אַ ווײַלע
האָט זיך פון גרימפּלען אויסגעשיילט אַ ניגון: דבקות'דיק
און איינגעגעסן. עולם האָט געטומלט, נישט געהערט.

נאָר מיט אַמאָל האָט זיך אַ שכור׳ער פעלדפעבעל אויפגעהויבן
מיט אַ געשריי צום שענקער: — וואָס פאַר אַ לוויה דאָ!
האָט יענער צוגעוואָרפן: — שייע, שפּיל אַ פריילעכס!
דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל. ס׳האָט זיך צעהילכט
אַ הירזשעריי, דער שפּילער האָט דעם ניגון אָפּגעהאַקט, און סמיק
האָט זיך צעטאַנצט מיט האַסט. צעטאַנצט, צעהאַסטיקט זיך,
נאָר אָן אַ פונק פון לוסטיקייט, און קלאַנגען האָבן זיך געשטויסן
ווי הילצערנע. האָט זיך דער גאַנצער שענק צעזונגען
ווי אין אַן אויסגעשטעלטן פּזמון: — שייע ,שפּיל אַ פריילעכס!
ס׳האָט אויסגעזען ווי אַלע קענען אָט די שפּיל. געהילך
און האַרטע גרימפּלעריי האָבן פאַרביסן זיך געמאָסטן:
ווער וועמען — ביז די האַנט פון שפּילער איז געוואָרן מיד
און ער האָט אָפּגעהאַקט און זיך אָוועקגעזעצט — דאָס פּנים
ווי אַ פאַרדאַרטע זשמעניע ליים. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן
אַ שיסעריי — מיט שטיקלעך ברויט, מיט אוגערקעס, מיט קעפּ
און ווײַדלען הערינג, ביז די שיקסע מיט צעפּירטע עלנבויגנס
האָט זיך אַרײַנגעריסן צווישן זיי: — ווערט שוין געליימט אַמאָל!
צע׳בריה׳ט זיך אַ חברה אָגערס קעגן אַ געשטראָפטן!
און צום באַוואָרפענעם זיך צוגערוקט: — האָב זיי אין דר׳ערד!
זיי האָבן קיין נשמות נישט. — און שלאָפן וועסטו אויך
מיט דער נשמה, נאַסטיענקאַ? — האָט עמעצער צעהירזשעט זיך.
און זי האָט הפקר׳דיק אַ וואָרף געטאָן צו זיי די היפטן.

דער שפּילער איז געזעסן מיטן ליימענעם פאַרקוואָרטן פּנים
און אויגן פון אַ חיה, וואָס איז זיכער מיט איר שפּרונג,
און נח האָט דערשפּירט: — דאָ איז ער, דער באַ׳גזל׳טער.
איך אים — דער סוד פון שלום. האָט ער פון אַ זייט אים נאָכגעשפּירט,
געזען ווי ליימיקייט פון פּנים מיניעט זיך און אָטעמט אויף
מיט לעבן און זיך צוגערוקט: — פאַרוואָס זאָלט איר נישט נאָכגעבן
און אויסמיידן דאָס אַלץ? . . . אַ ווילדער חידוש האָט די אויגן
פון שפּילער אויפגעריסן און זיך אײַנגעגליווערט אינם פרעגער:
מע רעדט צו אים, מע פרעגט . . . האָט נח נאָך אַמאָל, פאַרטרווילעכער
איבערגעפרעגט: — פאַרוואָס זאָל איר נישט נאָכגעבן?
— איך קען נישט שפּילן וואָס זיי ווילן. אין דער האַסטיקייט
פון זאָג האָט זיך אַנטפּלעקט דער ליגן. איז דאָס קול ביי נח׳ן
געוואָרן מאָדנע ווייך: — איר קענט און ווילט נישט . . . באַקעט מויל
האָט זיך צעעפנט שטויגענדיק: — פון וואַנען ווייסט איר?
— פון שפּילן אייערן. — און אַז איך קען — איז וואָס? איך מעג
נישט וועלן אויך. — פאַרוואָס? — עס קומט זיי נישט . . .
דער שענק, דער שכור׳ער, האָט ווידער זיך צעליאַרעמט:

— אַ פריילעכס, שייע! — און ס'האָט ווידער בייזער סמיק צעגרימפּלט זיך פאַרביסן אין געהילך און הירזשערי.

מע דאַרף דעם מענטשן אויפזוכן בייטאָג אַמאָל, ווען שענק איז שטילער. נאָר ווען זיך גענומען נאָכפרעגן בייטאָג, דערהערט:
דער שייע איז ביים האָקן האָלץ פאַרפאַרן זיך אין פוס
און ליגט איצט ביי דער מאַמען זיינער. ס'גייט די שיקסע באַלד
אים עסן טראָגן, קען דער פלעטער מיט איר מיטגיין.
זי איז געגאַנגען מיט אַ טאָפּ, אַן איינגעוויקלטן אין שמאַטעס,
און ער נאָך איר, נאָר ביי דער טיר האָט זי זיך אָפּגעשטעלט:
— די אַלטע בייזערט זיך. טאָ גייט אַריין צוערשט. פאַר אייך
וועט זי זיך שעמען . . . אָבער ווען אַ יידענע אין קיך האָט אָנגעזאָגט:
— דאָ עמעצער וויל אייער שייען זען — האָט זיך אַרויסגערוקט
אַ זקנה מיט פיטשינק פנימ'ל און קוויטשיק קול'כל:
— וואָס איז פאַראַן צו זען! וואָלט ער זיך אויף אַן אמת שוין
אַוועקגעלייגט, איז נאָר אַ פוס . . . פון שטוב האָט שייע זיך דערהערט:
— ס'וועט דיר נישט העלפן. אייך צו להכעיס וועל איך לעבן.
— דו לעבסט צו להכעיס זיך אַליין. ווער דאַרף דיך?
דאָרט ליגט ער — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ טונקל אַלקערל.

דער חולה האָט דערקענט דעם גאַסט און אויפגעהויבן זיך
אויף ביידע עלנבויגנס: אים מבקר חולה זיין! . . . דערגרייכט
אַ בענקל מיט דער האַנט: — איך בעט אייך, זיצט. די מאַמע
שרייט אַלעמאָל אַזוי. ס'איז גאָרנישט . . . אין דער זעלבער רגע
האָט ווידער זיך דערהערט: — וואָס שלעפּען זיך אַהער נקבות!
די שיקסע, ווי שוין צוגעוואוינט, איז שטיל אַריין, אַוועקגעשטעלט
דעם טאָפּ, גענומען איבערבינדן שייע'ס פוס, און שפּעטער
פון קיך געבראַכט אַ קענדל וואַסער און אַ שיסל: — וואַש דיך.
—כ'וועל עסן נאָכדעם . . . זעסט דאָך . . . —עס וועט קאַלט ווערן—
האָט נאַסטיאַ אים געבעטן און פאַרענטפערט זיך פאַר נח'ן:
— כ'מוז אָפּטראָגן דעם טאָפּ . . . האָט נח אויף פאַרזיכערט:
— ניש'קשה, ער קאָן וואַרטן — און דער חולה מיט דער לעפל,
דער הילצערנער, האָט גיך געכליאָפּטשעט און געשלונגען שטיקער.

אַז נאַסטיאַ איז אַוועק, האָט ער זיך אָפּגערופן:
— פאַר איר וואָלט איך געשפּילט אַ פריילעכס. מער
פאַר קיינעם נישט. פאַרשטייט איר שוין? — האָט קיינער,
חוץ איר, זיך נישט פאַרדינט? . . . דער חולה האָט אַ זופּ געטאָן
די לופט — געקענט זיין אי אַ קרעכץ אי אַ געלעכטערל:
— אַז איר זענט דאָך דער ערשטער מענטש וואָס פרעגט.

צוויי שעה איז נח אָפּגעזעסן אין דער טונקל פונם אַלקערל,
און פון פאַרכלינעטע, צעבראָקטע רייד האָט זיך געשיילט אַ מעשה:
דער טאַטע איז געווען אַ קלעזמער. ברידער אַנדערע —
ווער אויך אין אַ קאַפּעליע, ווער אַ באַלמעלאָכע. שייע גופא
דאַרף גאָרנישט. וואו אַ גראָשן ברענגט ער אָפּ דער מאַמען.
און יענע וואַרפן צו אַ גילדן. אָבער יענע זיינען מענטשן,
און שייע נישט. אַזוי פון אייביק האָט די מאַמע אים געשאָלטן
און ברידער־שוועסטער זיך פון אים געמיאוס׳ט. איינדערהיים,
אין חדר, אומעטום. עס האָבן אַלע זיך געמיאוס׳ט.
צו דרייצן האָט מען אים געפירט צום רב אַ שאלה פרעגן:
— צי מעג ער אָנטאָן תפילין?... איז געגאַנגען ווי אַ קאַלב צו שחיטה,
געבעטן אויף אַ נס: מע זאָל אים לאָזן זיין אַ ייד.
מען האָט געלאָזט. איז ער געקומען גדלות׳דיק אין תלמוד־תורה:
— ער׳ט לייגן תפילין! . . . האָט עס זיי געטראָפן ווי אַ שלאָק . . .
ווי וועלן זיי זיך ווייטער קענען מיאוס׳ן פון אים? מ׳האָט אים געכאַפּט,
אַוועקגעשלעפּט אין נישט קיין ריינעם אָרט — אים בודק זיין
און פסקענען אַליין די שאלה . . . האָט ער זיך דערשלעפּט אַהיים
און איינגעגעסן זיך מיט ציין אין שוועל: דאָ וויל ער שטאַרבן.
האָט אים דער טאַטע צוגענומען צו דער פידל. גוט געווען
צו זיין אַליין, אַ פידל האָבן, שפּילן גאַנצע טעג, כסדר שפּילן . . .
נאָר ווען אַריין אין דער קאַפּעליע, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.
אָט איז ער שוין אַ בחור, זיבעצן און אַכצן, און דאָס פּנים —
אַ גלאַטער דרייער, אָן אַ סימן פון אַ באָרד . . . קומט אויף אַ חתונה—
די פינגער אַרבעטן און מיילער שפּריצן נבול־פּה. מע שאַצט
די ווייבער און די מיידלעך: — שייע, וואָס זאָגסטו עפּעס?
האָט ער גענומען ווינען אין די נעכט. נישט וועגן בלוט,
וואָס ווערט געצאַפּט פון אים, נאָר וועגן אומגליק זיינעם . . .
אויב שוין געווען אַ מום באַשערט — פאַרוואָס איז ער נישט בלינד,
געליימט, אָן הענט און פיס? פאַרוואָס זאָל ער נישט פילן
וואָס אַלע פילן? . . . בעסער וואָלט געווען פון גלוסטונג אויסגיין
ווי אויסצוגיין פון וועלן גלוסטן און נישט וויסן ווי אַזוי . . .

האָט ער זיך איינגערעדט: ווען ער זאָל אָנרירן אַ מיידל,
אַוועקלייגן אַ האַנט אויף איר, וואָלט ער דערשפּירט
וואָס אַלע שפּירן זיי. ער וועט אַוועקגיין אין דער פרעמד,
אַ מיידל אָפּנאַרן, אַ חתן ווערן, קושן זיך מיט איר
און ווערן גלייך ווי אַלע . . . אָבער קיינער לאָזט זיך נישט גענאַרן.
אַז זיי דערזעען אים, דערקענען זיי און רוקן זיך אַוועק . . .
ביז איינמאָל איז עס אים באַפאַלן. ס׳איז געווען אַ חתונה,
און זומער, אין אַ דאָרף. אין פינצטער האָט ער אָנגעטראָפן

אַ מיידל, זי אַ כאַפּ געטאָן, געוואָלט נאָר צוהאַלטן אַ רגע . . .
האָט זי גענומען שרייען, גוואַלדעווען, אַרויסגעריסן זיך,
און אים האָט מען געכאַפּט, צע'נהרג'ט, און אַ סוף געוואָרן
צו דער קאַפּעליע . . .

פון דעמלט וואַלגערט ער זיך אום
אין הייזלעך, שענקען. וואו ער קומט — דאָס זעלבע אומעטום.
צאָלט ער צוריק מיט שנאה. פיינט געקראָגן אַלעמען:
די געסט ביי די נקבות אין די הייזלעך און די מענער
מיט זייערע כשר'ע ווייבער — פיינט געקראָגן און געדאַרט . . .
און וועמען האָט ער עס געקענט פאַרטרויען? ווער
וועט זיך נישט מיאוס'ן אים אויסצוהערן? האָט ער זיך
דערמאָנט אָן גאָט. פון אים איז אַלץ. האָט אים געמאַכט
אַזעלכן — ווייס ער צוליב וואָס. מסתמא דאַרף ער אים
אַזעלכן. ס'איז זיין סוד — דעם אויבערשטנס. נאָר אויב
ער דאַרף אים — איז ער זיינער. קיינעמס אַנדערש איז ער נישט.
טאָ זאָל ער הערן. איז מחויב אים צו הערן . . . האָט זיך שייע
גענומען אויס'טענה'ן מיט אים. גערעדט מיט ווערטער
און פאַר די ווערטער זיך געשעמט. האָט ער געפּרואווט
די פידל און ס'איז אים געראָטן. מ'האָט דערהערט.
און מ'האָט געענטפערט אויך. אַז די נשמה וועט זיך אומקערן
אין הימל, וועט זי זיך דערוויסן אַלץ — דערוויסן אויך
פאַרוואָס מ'האָט אים געשיקט אַזעלכן אויף דער ערד.
נאָר דאָרטן ווייס מען אַלץ אויך איצט — מע ווייס.

האָט אָפּגעהאַקט די רייד, פון ווינקלען אויגן נאָך אַמאָל
באַטראַכט דעם אורח און פאַרציטערטער פאַרטרויט:
ער ווייס שוין איצטער אויך אַביסל. דער השם יתברך גופא
איז אויך אַזאַ: נישט זכר, נישט נקבה. ביידע מיט אַמאָל.
און די מלאכים אויך. עס קען אים גוט זיין נאָר
מיט יענע אויבן . . . עסן מוז ער, טרינקען, שלאָפן. אָבער גלוסטן
ווי מענטשן, זיי מקנא זיין און שנאה אויף זיי טראָגן — ניין.
דאָס נישט! נאָר נאָכגעבן זיי זייערס — אויך נישט.
— פאַרוואָס זשע ווילט איר נאָסטיאַן יאָ אַ פריילעכס שפּילן?
— זי דאַרף עס. זי האָט עס פאַרדינט. איך ווייס — זי שלאָפט
מיט אַלע גוים. מענטשן האָבן זי געמאַכט אַזוי. זיי זינדיקן
מיט איר און שפּייען. איך בין נישט קיין מענטש. פאַר מיר
איז זי אַ גוטע. איז זי מיר געשיקט פון אויבן. קומט איר . . .
און איינגעהאַלטענער, פאַרשעמטער צוגעגעבן: — כ'ווייס נישט ווער
איר זענט. נאָר אַז איר זיצט מיט מיר דאָ, זענט איר אויך נישט
אַבי מענטש — האָט מען אייך אויך געשיקט פון אויבן.

◈

ס'איז נח נאָך אַמאָל געגאַנגען און געטראָפן שוין
דעם אַלקער ליידיק — שייע איז צוריק אין שענק. אין אָוונט
געלאָזט זיך זוכן יואל'ן און נישט געכאַפּט. — ער האָט אַ כלה —
האָט אים אַ חבר יענעמס אויפגעקלערט. דעם צווייטן אָוונט
האָט יואל שוין געוואַרט אויף אים: — איר'ט מיך געזוכט?
—איך האָב געהערט — עס קומט אייך מזל־טוב. איר זענט אַ חתן.
— שוין לאַנג — האָט יואל אָפּגעווישט די רייד, נאָר זיך געכאַפּט:
— מיין כלה ווייס נישט וואָס איך טו. — וועל איך אייך פירן
צו עמעצן וואָס האָט קיין כלה נישט . . . ביז מ'איז דערגאַנגען
צום שענק האָט יואל אַלץ געוואוסט. און גלייך ביים טיר
זיך אָנגעשטויסן אויף דער וויסטער שפּיל פון שייעס גרימפּלערײַ
און קאָרקעס, שאַלעכץ, הערינג־קעפּ וואָס פליען אים
אין קאָפּ אַריין. איז מען געשטאַנען און געדולדיק אָפּגעוואַרט
ביז רשעות אָנגעזעטיקטע האָט זיך צוריק אַריינגעזויפט
אין פלעשער־קעלישקעס, און אַקסל פון באָוואַרפענעם זיינען געזונקען.
— איר ווילט זיך צוזעצן צו אים? — מען האָט דורך טישלעך
זיך דורכגעשטופּט און שייעס ליימיק פּנים האָט צעמיניעט זיך
מיט העלקייט קעגן נח'ן. — דאָ האָט איר נאָך אַ מענטש,
וואָס קומט מיט גוטסקייט . . . מויל האָט זיך צעעפנט, נאָר די צונג
איז ליימיק אָן אַ וואָרט געהאַנגען הינטער ווייסע ציינער.
און יואל אויך איז אַ באַנומענער געזעסן. איז געקומען נאַסטיאַ,
און יואל האָט באַשטעלט געטראַנק און צובייסן. האָט שייע
אַ ביס געטאָן, און ס'האָט געהייסן — מיטן ביסן נעמט ער אויף
דעם נייעם מענטש, נאָר טרינקען נישט געוואָלט: ער טרינקט נישט.
איז נאַסטיאַ שוין ניט אָפּגעטראָטן און דערציילט ווי גוט
עס היילט זיך שייעס פוס, און נאָך אַ וואָך וועט ער שוין קענען
אַ שטיוול אָנטאָן. באַלד וועט שייע אויך געפינען ווערטער
און זאָגן עפּעס . . . אָבער מיט אַמאָל האָט זיך גענומען רודערן.
דער שכור'ער פעלדפּעבעל מיטן פלאַש האָט צווישן טישן
געטראָגן זיך צו שייען: האָט שוין לאַנג אַליין פאַרטראַכט.
אַז שייע דאַרף מיט אים אַ כוס'ע מאַכן. אויב מיט יענע —
פאַרוואָס נישט אויך מיט אים? . . . דער שענק האָט זיך צעטשוכעט.
אַ ניכטערער זשאַנדאַר, באַן־אַרבעטער און יידן־באַלעגאָלעס —
מ'האָט זיך אַ לאָז געטאָן, נאָר יענער אַלץ רציחה'דיקער
האָט זיינס געמאָנט: — ער טרינקט מיט מיר אָדער איך שטעך אים...
מ'האָט אים אַרומגערינגלט און דער שענקער הינטערווײַלעכס
האָט שייען איינגערוימט: — דו בעסער טראָג זיך אָפּ . . . אין גאַס
האָט שייע פריער זיך געפרואווט אַליין דעם הינקענדיקן פוס
אין קנויל מיט שמאַטעס שלעפּן, נאָר געפאַלן פון די פיס.
— איך וועל זיך מוזן אָנשפּאַרן אויף אייך. אַזוי גייט נאַסטיאַ . . .
זיך אָנגעשפּאַרט אויף נח'ן, געהונקען און געשוויגן. ערשט ביים טיר

אַ כוח אָנגעטאָן זיך און געזאָגט: — איר זעט! איך בין נישט גלייך
מיט אַנדערע. איך טאָר קיין פריינט נישט האָבן. נאַסטיאָ'ן —יאָ.
מער קיינעם נישט. איך טאָר נישט. איך דאַרף זיך אַליין.
אַזוי מסתמא וויל מען . . . איז אַריין, און ס'האָט געהייסן:
מער קומען דאַרפט איר נישט.

די צוויי זיינען דערנאָך געגאַנגען
ווי ס'וואָלטן אויך ביי זיי די פיס געווען אין שמאַטע־קנוילן.
וואָס האָט צו זאָגן יואל? גאָרנישט! נאָר ביי נח'ן —
ווי שלום הינטער פלייצע וואָלט געפרעגט: — זאָג, יידעלע,
וואָס האָסטו היינט געלערנט? און ער רעדט: — אָט גיי איך
אַ יאָר און מער פון טיר צו טיר און זע באַ'גזל'טע:
פון ברויט, פון היים, פון כוח בייצוקומען שלעכטס אין זיך,
און ערשט ביי שייען, דעם באַ'גזל'טסטן פון אַלעמען, דערזען:
דעם שלום מיטן הימל אָנטאָפּן אין זיך קען יעדערער. דער אחד,
דער אומבאַנומענער אחד פון דער וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט
אין אָן אַ שיעור געשטאַלטן, פורעמס, לעבנס, און דער וועג
צו אים פון אַלץ, וואָס לעבט, איז אין דעם פורעם, וואָס אחד
האָט יעדן איינציקן געשאָנקען. — אינם פורעם פון דער רשעות אויך?
— מיט וועמען רייצט איר זיך — מיט מיר אָדער מיט זיך?
— איך רייץ מיך נישט מיט קיינעם. ווען איר קענט מיר שענקען
אַ צענט חלק פון דער אמונה אייערער — — — אָן אָנגעצונדענער
האָט נח נישט געלאָזט אים ענדיקן: — איר מאַכט אַליין
אויף זיך אַ בלבול! וואַרפט אַוועק דעם שקר וועגן הפקר,
דערזעט ווי שווער ס'קומט אָן דער שלום — שייען, מיר
און יעדן איינציקן, וואָס זוכט אים, ווילט אַליין געפינען —
וועט קיינער אייך ניט דאַרפן שענקען גאָרנישט . . . כ'מוז שוין גיין....
ער האָט זיך צאָרנדיק אַ קער געטאָן און אָפּגעשפּאַנט.
— ר' נח! — וואָס? — איר האָט פאַרגעסן זאָגן מיר אַ גוטע נאַכט.
— אַז איר וועט וועלן, וועט זי זיין אַ גוטע. און אָן ערלעכע . . .

## 18.

די פיס טיאָפּ־טיאָפּ איבער שניי און בלאָטע,
די מידקייט גייט נאָך ווי אַ קלעפּיקער שאָטן,
און ס'טרייבט ווי פון זינדיקער סדום אַרויס לוט'ן —
פאַרלאָזן, פאַרגעסן און גיין.

פאַרלאָזן די גאַסן, די טירן, די לייזונג,
פאַרגעסן די גוטע, די שוואַכע, די בייזע —

זאָל יעדער איינער אַליין זיך דערלייזן,
און דו אויך דערלייז דיך אַליין.

רופט ווי אין בחור'שע יאָרן דער גלות,
מאַניעט דער הפקר, נאָר שטאַרקער פון שטאָל איז
שטריק פון אַ וויגל און קנופּ פון גורלות —
נישטאָ דיר קיין וועג אַליין.

◈

בין איך דען איינער מיט וויג אויף שטריקלעך,
וואָס קען נישט דעם קנויל פון גורל צעוויקלען
און גיין צום שלום־שטערן?
לייז אויף די קנופּן פון לייב און ליבע —
וועלן זיך מחנות פון גאַסן און שטיבער
לאָזן אַנטקעגן דעם שטערן.

ס'גליט אומעטום דער באַהאַלטענער ניצוץ,
בריט מיט אַ וואָרנונג זיך צו באַשיצן
פון אשמדאי'ס נעצן.
וואו איז דער שוץ, אַז אין שפּאַן פון חיונה
ווערט יעדער טראָט פאַרוועבט און פאַרשפּונען
פון אשמדאי'ס נעצן?

ס'וועט אונז נישט העלפן! פאַר ברויט אַ לאַבן
מוזן מיר אָפּצאָלן מיט עולם הבא —
מיר, די נאַראָנים.
אשמדאי איז דאָ דער שופט און דיין,
לאָמיר די גאַסן און מערק אים באַפרייען
פון אונז, די נאַראָנים.

זאָל ער דאָ האַלטן דעם כסא המלוכה
אויף שקר און פּויסט, אויף רויב און וואוכער
מיט זיינע משרתים.
זאָל ער זיי רייך ווי אַ מלך באַטיילן
מיט אַלע תענוגים פון הפקר און גזלה —
זיינע משרתים.

מיר, ווי די טאַטעס אַמאָל פון מצרים,
וועלן גיין זוכן אַן ערד אַ נייע
פאַר אונזערע זוילן.

שטערן אַנטקעגן דעם וועג וועט באַפינקלען,
זוכן מיר ערד וואו עס זאָלן נישט זינקען
אונזערע זוילן.

ווען מיר זאָגן איר: מאַמע געטרייע,
ס'קוועלט אין דיין חושך דאָס ליכט פון באַנייאונג,
דאָס ליכט פון יצירה,
לאָז אויך דעם חושך אין אונזער נשמה
ווי דיך צוגראָבן מיט אַקערס און לאָמען
פאַר ליכט פון יצירה.

וועט אויך אין אונז, די צעאַקערטע בייטן,
אויפגיין די זריעה פון ניצוץ פאַרזייטן
אין שטראַליקע זאַנגען.
ברויט, אונדזער ברויט, זאָל מיט ליכט אונדז דערנערן,
ליכט פון דער ערד און פון וויטן שטערן,
אין שטראַליקע זאַנגען.

אשמדאי וועט ווי געשטראָפטער פרעה
זיך יאָגן נאָך אונז מיט חיילות־כמאַרעס
צו ליכטיקער גרענעץ.
וועט אים ווי ים־סוף מיט שוימיקע שטראָמען
פאַרפלייצן דער אויפגאַנג פון שטראַליקע זאָמען
ביי ליכטיקער גרענעץ.

.19

מ'האָט נאָר געדאַרפט אָן עפן טאָן די טיר,
און שטומעניש אין קיך, אין קאַמערן האָט אַ שוואַרצע טוך
אַ פיר געטאָן פאַרביי די אויגן. ס'האָט געצוקט
אַ ליכטל אויפן דיל, און ס'איז געווען ווי נישט אַ פלעמל,
נאָר אַ צעוויגטער פייער, אַ צעפלאַכטענער אין ציגער
פון ווייס און בלאָ און אַשיק האָט פאַרפלייצט דעם רוים,
געלעקט די ווענט, דעם באַלקן און פאַרשלונגען אַלץ.
ערשט די יללה קעגן אים האָט אויפגעדעקט
דאָס צימער און די לעבעדיקע. האָט ער איבער איר
געבויגן זיך: — מסתמא איז ער נישט געווען אונזערער.
— מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, איך זאָל מיינע קינד'ער
פון וויג דער ערד אָוועקגעבן? — דער זינדיקער בין איך.
— מיט וואָס? — איך ברענג אייך נישט קיין ברויט געבוג.
— דו גייסט דאָך. און מיט וואָס איז שולדיק דאָס, אויף דר'ערד?
ער האָט די יינגלעך ביי די הענט אַרויסגעפירט

אין קיך, דער באַלעבאָסטע אָפּגעגעבן און פאַרמאַכט
די טיר. דערנאָך דאָס ווייב צום בעט געגומען
און נישט געקוקט מער צי זי דרימלט אָדער גייך.
געהאַט פאַר זיך דאָס ליכט, און אַז דאָס פלעמל
האָט אויסגעצאַנקט, געצונדן אַנדערע און איינגע׳חלב׳ט
אין אויסגעברענטן קנויטל. האַלבע נאַכט, פון דרימל
האָט זי אויפ׳ס ניי צעכליפּעט זיך: — איך וויל נישט
דער ערד די קינדער מיינע אָפּגעבן. — מיר וועלן מער
קיין קינדער פאַרן הונגער נישט געבוירן. ניי געוויין:
— וואָס זאָגסטו נישט קיין תהלים? — כ׳זאָג. אין זיך.
— כ׳וויל הערן ווי דו זאָגסט. ער האָט גענומען זאָגן.
די פסוקים, גלויביקע, הכנעה׳דיקע, האָבן זיך געשטעלט
ווי דערנער, איז ער מיט די פיס, די באָרוועסע,
אַריין אין זיי, געשפּאַנט, זיך אָפּגעשטעלט אַ וויל
פון שמערץ, געצויגן אָטעם און געטראָטן ווידער.
זי איינגעשלעפערט. האָט ער אָפּגעהאַקט און ביז באַגינען
געזעסן און געהיט דאָס פלעמל אויפן דיל.

כל זמן דיין וויג האָט געוויגט זיך אויף שטריק
און ס׳האַרץ האָט אין אָרעמען לייב זיך געוויגט
איז די מאַמע געוועזן מיט דיר.
איצט, אַז דיין וויג איז דער האַרטער דיל
און ס׳פלאַטערדיק האַרץ איז געוואָרן שטיל,
איז דער טאַטע מיט דיר.

מאַמע וויל וואַרעמע ליפּלעך ביים ברוסט,
טאַטע גייט זוכן דעם דאַרניקן קוסט
פון אייביקן פלאַם.
גיט מען דער מאַמען דאָס לעבן פון קינד,
און טאַטע זיצט און קנויטלעך צינדט
פאַר אייביקן פלאַם.

וויפיל מאָל האָסט די אויגלעך געעפנט צו מיר,
אַזויפיל מאָל האָב איך דיך געפירט
אונטערן חלף.
און קיינער האָט מיך נישט געהאַלטן צוריק
און האָט נישט קיין קרבן פאַר דיר געשיקט
אונטערן חלף.

איצט פרעגסטו ביי מיר: אויב שלום איז וויס
און וויס פון תכריכים איז ערדישער פרייז
פאַר נאָכגיין דעם שלום,

ווי קען אַ מענטש, וואָס גלוסט און געבערט,
דערהאַלטן דאָס לעבן וואָס ער פֿאַרמערט
און נאָכגיין דעם שלום.

דו פֿרעגסט, און איך האָב נישט קיין ענטפֿער פֿאַר דיר.
דו ביסט דאָך נישט מער ווי אַ שטיקל פּאַפּיר
אָן אות און צייכן,
פֿאַרברענט אויף אַש נאָך איידער עס האָט
דער וועג פֿון מענטש, דער אייביקער סוד,
געלאָזט אויף דיר אַ צייכן.

איך, אַ ספֿר פֿון אוראַלטער צייט,
פֿאַרשריבן געדיכט אויף יעדער זייט
מיט בלינדע רמזים —
איך גיי ווי עס גייט אַ קנעכט אויף דער קייט,
געשמידט פֿון באַהאַלטענעם קלאָרן באַשייד
פֿון בלינדע רמזים.

איך גיי ווי עס גייט אַ קנעכט אויף דער קייט
און טראָפּנס בלוט ווי זריעה פֿאַרזייט
הינטער די קנעכל.
דער סוד וועט ווייטער בייטשן דאָס לייב
און ערד וועט איינשלינגען אַלץ וואָס בלייבט
הינטער די קנעכל.

## 20.

האָט אויך דער אַלטער ר׳ חנן
דערלעבט אַזאַ מצוה,
אַז ער זאָל נאָך אַמאָל קאָנען
דאָס פּערדל אַ שמיץ טאָן.

ער האָט די חזקה פֿון זיידן —
די שוואַרצע עגלה —
געשאָנקען אַ נדן דעם איידעם,
דעם רויטן נפֿתּלי.

געשאָנקען און אים נישט פֿאַרגונען
דעם בייטש מיט די לייצעס.
איז קאַרג אויף דער וועלט חיונה
פֿאַר אַזעלכענע פּלייצעס?

נאָר היינט איז דאָס קינד געשטאָרבן.
ביים אָרעמען פּלעטער —
זאָל ער אַרויס מיט אַ טאָרבע
קבורה־געלט בעטן?

נעמט זיך דער אײדעם שפּאַנען
די שוואַרצע עגלה —
בילכערע מתים פאַראַנען,
וואָס קענען באַצאָלן.

קומען מיט שטומע אבלים
שכנים צו זיצן.
אונטער דער מאַמע'ס פּאַטשיילע
וואַרט דער מת־מצוה.

ס'איז נאָך געבליבן אַ ווײלע
דעם טאָג צו דעריאָגן.
פּאַקט מען דאָס עופ'עלע אײליק
אין גרויסן וואָגן.

יאָגן זיך טאַטע און מאַמע
און שכנים געטרייע —
ס'קען נאָך די זון פאַרזאַמען
די לעצטע לויה.

איז זיך ר' חנן מתעסק
מיט אײזן און רידל.
לאַפּעטעס ערד און וואַסער
שלעפּן די ברידער.

— לאָזט נישט דער יידענע דאַדערט
זיך וואַרפן אין בלאָטע!
ערד איז דאָ זומפּיק אין אָדר,
באַגראָבן און פּטור.

נעמט ער די יינגלעך צו זיצן
מיט זיך אויפן בענקל.
ס'וואָלט זיך געפּאַרן ווי פּריצים,
ווען ס'האַרץ זאָל נישט קרענקען.

טאַטע און מאַמע און שכנים
אין נאַכטיקע גאַסן
שלעפּן זיך, טאַפּקען אײנאײנעם
די קאַלוזשעס וואַסער.

## .21

שייד זיך אָפּ פון מיר, שלום!
דיין נאָמען האָט ערד פאַרשאָטן —
ביסט מער נישטאָ.

איך האָב דיך געבוירן אין זינד.
אַ קפיצת־הדרך פאַרטראַכט
צום מאָרגנשטערן,
און דו האָסט געזאָלט
אליהו'ס רייטוואָגן זיין.
און געהאַלטן די בייטש
פון פלאַמיקן רייטוואָגן:
נישטער, דערגראָב,
שאַר די פונקען אין אַש,
זוך אַ זכות און פאַרגיב
און האָב ליב.
האָסט געפאַכט מיט דער בייטש
און געשמיסן, דערשמיסן
ביז אַ זומפּיקער גרוב.

איצט ווייס איך מיין זינד.
נישט פלאַמיקער רייטוואָגן,
נישט קפיצת הדרך —
גריבערדיק־זומפּיקער שליאַך איז מיינער.
שטרויכלדיק, פאַלנדיק, קריכנדיק
שלעפּן זיך איבערן שליאַך.
צאָרענען צאָרנדיק,
האַסן ווען שנאה בריט,
שעלטן ווען קללה קומט —
איך מעג!
זאָלן צאָרן, האַס און קללה
ווערן שטיינער אונטער די פיס
אויפן זומפּיקן שליאַך.

באַגראָבן דעם רייטוואָגן,
באַגראָבן די בייטש,
פאַרשאָטן אין זומפּיקער ערד.
איך קען דיך נישט מער.
שייד זיך אָפּ פון מיר, שלום!

## .22

זאָגט שמעון צו יאַנקלען: — דאָס איז שוין דאָס דריטע.
זאָגט יאַנקל: — דאָס צווייטע.
זאָגט שמעון: — געווען אויך אַ מפּיל. געדענקסט
ווען דו האָסט זיך דעם פוס צעבראָכן.
זאָגט יאַנקל: — די קינדער קרענקען.
זאָגט שמעון: — זיי דאַרפֿן קיין קינדער ניט האָבן.
ווען נישט דאָס וואָרימעס אין תלמוד־תורה
וואָלטן מירביידע אויך געקרענקט.
זאָגט יאַנקל: — וואָס קענען זיי טאָן?
זאָגט שמעון: — דו ביסט דאָך דער עלטערער,
דאַרף איך דיר זאָגן?

דערנאָך, אַז מ'האָט זיי צעטיילט —
יאַנקלען אין שלאָפבאַנק צום טאַטן
און שמעונ'ען צו דער מאַמען אין בעט,
האָט שמעון געזאָגט: — נו, זעסט שוין?
איצט וועלן זיי מער קיין קינדער נישט האָבן.
האָט יאַנקל געענטפערט: — איך האָב דיך פיינט.

קאַפּיטל פֿינף

# אין באָר אַריין

## 1.

ביי זלמן רודניקן האָבן נישט גערוט די טירן.
ער האָט געשריבן כל'ערליי פּאַפּירן:
קאָנטראַקטן, לאַדענישן און בקשות. ווער עס האָט געהאַט
עסקים מיטן מלכות און געדאַרפט אַריינשטעקן אין יד —
האָט רודניקן געטראָגן די אפּותיקא.
ער האָט געשמירט וואו נוטיק איז
און וואו אַ ריס, געלייגט אַ לאַטע.
זיין כתב האָט אָנגעשלאָגן ביז צום גובערנאַטאָר,
און מיט דער היגער פּאָליציי
איז ער געווען ווי פינגער צוויי.

די שוואַרצע באָרד, סיי ווי נישט קיין געדיכטע
האָט ער געלאָזט אַביסעלע פאַרריכטן
(כאָטש ס'טראָגן בערד ניט קיין געשאַרענע
אפילו גענערעלער, סענאַטאָרן),
און וואָס איז שייך קליידונג, האָט אַ שטייפער הוט
און אַ סורדוט
פון הינטן אַ געשפּאָלטענער,
ביים בית דין און ביים פּאָליצמייסטער גלייך געגאָלטן.

די פּשוט'ע שבתים דורכן יאָר
האָט ער ביי זיך געהאַט אַ מנין אין קאָנטאָר,
און איינמאָל אין פיר וואָכן אַן אסיפה.
און אויב ער האָט געשטייפט די אַקסל ווי אויף שליפעס,
איז עס געקומען צוליב די אסיפות,
ווען ס'האָט צו אים, אַ מענטשן אָן אַ פּיצעלע דיפּלאָם,
די סאַמע סמעטענע געשטראָמט:
צוערשט און אויבן־אָן
דער ליפעראַנט, וואָס שפּייזט דעם גאַרניזאָן
מיט פלייש און קרויט (ניט פריש און ניט צו זאַט),
דערנאָך — אַ דאָקטאָר, אַן אַפּטייקער און אַן אַדוואָקאַט,
אַ רייכער אײדים (שווימט אין דייטש ווי אַ בערלינער),
דער פריש־געענדיקטער ראַבינער

און דער אינספעקטאָר פון דער שקאָלע.
דאָס איז געווען דער קרייז פאַרשפּרייטער פון השכלה,
און פאַר זיי אַלעמען האָט רודניק איינער אַלץ געטאָן.
דערפאַר האָט ער געשטעלט דעם טאָן
ביי די אסיפות און דערפאַר
געהאַט דעם טיטול: מזכיר־סעקרעטאָר.

ער האָט אָן אויג געהאַלטן אויף די קלויזניקעס, געוואוסט
ביי וועמען ס'פּיקט שוין אין דער ברוסט
די לעכצעניש צו ליכט, וואו איבער אַ טריף־פּסול
גייט אויף אַ נייער לאַמאַנאַסאָוו,
צי ווייניקסטנס אַ מיכ״ל,
געזוכט — פאַר דעם אַ טאָג, פאַר דעם אַ ביכל,
געהאַלטן חשבון פון די קינדער אין דער שקאָלע,
און וואו אָן אָרימאַן האָט נישט געקענט באַצאָלן —
אים צוגעשטעלט דאָס פּינפּערל. ווי אַ געניטער סוחר ווייסט
פון יעדער פּרוטה וואָס איז איינגעלייזט,
האָט ער געוואוסט די לייזונגען פון דער השכלה
און פּינקטלעך אַלץ פאַרשריבן אין די פּראָטאָקאָלן.

אַזוי איז ער ביי אַלעמען
געווען אַ מענטש אָן אַנגעלייגטער. דאָ — ר' זלמן,
און דאָרט — הער רודניק. און האָט ווער אַ ווערטל
געלאָזן פאַלן אויף די אויפגעקלערטע,
האָט רודניק זיך אַ שטעל געטאָן, אַ גלעט געטאָן
אַ לאַץ און פרום געפרעגט: — אָט שלאָג איך אָן
צום גובערנאַטאָר מיט מיין כתב און כלל ישראל
האָט חס ושלום נישט געהאַט דערפון קיין רעה.
איז עפּעס מיט מיין יידישקייט דער מער?
— אַזעלכע יידן הלוואי וואָס מער!
און אַלע זיינען מיט ר' זלמנען צופרידן:
אַ מענטש ביי לייטן און אַ ייד ביי יידן.

.2

פון זינט עזריאל קאָרנפעלד, ר' מרדכי אָקסנהענדלערס איידים,
האָט דערציילט וועגן דעם דאָרפישן מלמד, וואָס דער שווער
האָט איינמאָל חל המועד פסח מיטגעבראַכט צו וועטשערע
און ווי ער העלפט אים, קאָרנפעלד, מיט דייטש אַמאָל און רוסיש,
האָט רודניק דעם מלמד אויפן אויג געהאַט. געוואוסט

ווען ער האָט זיך פֿאַרדונגען פֿאַר אַ וועכטער ביים געהילץ
און נישט געפֿוילט זיך גיין אַמאָל צום טייך אים אָנקוקן;
געוואוסט, אַז ער האָט אויפֿגעהערט אַריינקומען צום גביר
און גייט אַרום מיט פּלעטן, און געוואַרט — דער פֿויגל מוז דאָך
ווען עס איז צו אים אַריינפֿאַלן.

צוויי טעג נאָך דער לוויה
פֿון קינד איז נח נישט אַרויס פֿון הויז: געוואָלט
מיט דוואָשען בלייבן און ס'איז אויך געווען אַלץ איינס —
אַרומגיין אָדער נײַן. סיי ווי וועט מען אויף פּסח אָנקומען
צו מעות חטים. אויפֿן דריטן טאָג איז דוואָשע צוגעשטאַנען:
— וועסט מיטן זיצן דאָ די לאָך אין האַרץ מיר נישט פֿאַרנייען.

פֿון אַלע גאַסן וואו מ'האָט געקענט אַ פּלעט פֿאַרקויפֿן
פֿלעגט נח מיט אַ כיון איינע אויסמיידן: — „ר' מרדכי'ס גאַס".
איצט איז אויך דאָס אַלץ איינס געווען. און אַז ער האָט דערזען
ביי רודניקס טיר ווי ס'גייט אַרויס אַ ייד און ס'גייט אַריין אַ ייד,
איז ער אים נאָכגעגאַנגען און געבליבן שטיין ביים שוועל.
דער שרייבער ביי זיין טיש מיט קונדן האָט אַ בליק געכאַפּט
און זיך אַ הייב געטאָן אין מיטן וואָרט: — איר דאַרפֿט צו מיר?
— ניין, כ'בין אַ פּלעטער. — כ'ווייס, איך ווייס — האָט רודניק
געשלונגען די צעטומלטקייט: — וואַרט צו אַ ביסל. זיצט.
אויף אייך האָב איך געוואַרט. — אויף מיר? — אויף אייך, ר' נח!
פֿון וואַנען קען ער אים, דער מענטש? ווען נישט דאָס קבר'ל
הינטערן פּלייצע וואָלט ער אפֿשר זייער זיך געוואונדערט.
נאָר איצט איז ער געזעסן און געוואַרט. און יענער האָט
געאײַלט די קונדן, זיי אַרויסגע'פּטר'ט און זיך צוגעכאַפּט צו אים:
— איר חידוש'ט זיך פֿון וואַנען קען איך אייך? איך קען.
פֿון זינט איר זענט אין שטאָט — — — און אָנגעהויבן אויסלייגן
ווי אויף אַ טעלער אַלץ, וואָס איז געשען מיט נח'ן ביז איצט.
— כ'פֿאַרשטיי נישט — ווער בין איך, מען זאָל מיך נאָכפֿאָרשן?
האָט רודניק זיך צערעדט: — עס זיינען דאָ אויך מענטשן
וואָס גיבן אַכטונג אויף אַזאַ ווי נח מאַרקאָן.
מע זעט ווער ס'גייט צו ליכט, ווער ס'מאַטערט זיך
און וויל נישט אונטערגעבן זיך דער פֿינצטערניש — — — ערשט דאָ
האָט נח זיך געכאַפּט: ס'איז איינער פֿון די לייט, פֿון די משכילים,
ביי וועמען ער האָט בחור'ווייז געלערנט. און פֿאַרוואָס פֿון זיי
זיך אָפּגעריסן? חתונה געהאַט, אַוועק אין דאָרף דערנאָך
און נישט געקענט פֿאַרטראָגן אויך די שנאה זייערע צו אַלץ,
וואָס האָט ביי זיי געהייסן „פֿינצטערניש"... נאָר דער איז אַנדערש.

זאָל עס הייסן — מ'האָט אים מיט אַ כּיון אָפּגעהאַלטן פון דער גאַס, פון אַט דעם מענטשן, איינצוהיטן דאָ פאַר אים אַ ביסל רחמים ווען ער וועט רחמים זוכן... און אַז דער מענטש האָט אַ צעצונדענער פון אייגענע רייד דערנאָך אַ פרעג געטאָן: — און וואָס איז איצט מיט אייך? — האָט נח זיך צערעדט ווי ער וואָלט גאַנצע יאָרן געוואָלט פון זיך אַרויסריידן: וועגן דעם דור און מענטש, און עלנט זייַנעם און דער רשעות און געראַנגל פאַרן שיין, דעם פינטל שיין, וואָס איז דער אָנהאַלט... רודניק האָט געהערט, געהערט און פלוצלינג אויסגעשריען: — שרייבט עס אָן! דאָס איז דאָך גאָלד און פערל!... נח'ן האָט אָפּגענומען ס'לשון, און אַלע רייד זייַנען פאַרפאַרן: — איך? וואָס ווייס איך דען? — אַט וואָס איר ווייסט. די וועלט דאַרף הערן וואָס איר ווייסט... נו, און חיונה? האָט איר כאָטש חיונה?... ווי אַ זינדיקער מיט בלוט אויף זייַנע הענט, וואָס קומט אַליין זיך אָפּגעבן, האָט נח דערציילט ווי ער האָט מיטן דלות אומגעבראַכט אַ קינד — ערשט איצט, מיט דריי טעג פריער... טרערן האָבן זיך געשטעלט ביי רודניקן, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם גאַסט ביים האַנט און זיך צעשריען: — מע טאָר דאָך נישט אַזוי, מע טאָר דאָך נישט, ר' נח!...

ס'האָט נח מיטגעבראַכט אַהיים אַ ספר און אַ גילדענע מטבע — געננוג צו מאַכן פּסח. און נאָך איידער מ'האָט גערופן אָן אסיפה האָט יעדער איינער פון דער חברה שוין געוואוסט וועגן געווינס. אַזוי האָט עס דורך קאָרנפעלדן אויך דערגרייכט ר' מרדכי'ן. ער האָט געשאַרט אין מויל אַ וואָנצע און גערעדט צום איידים: — איר וועט אים נישט אַריינכאַפּן! ער פלאָנטערט זיך און קריכט צו אַלדי גוטע יאָר, נאָר ס'איז נישט אייער סחורה!

## 3.

האָבן שכנים אין אָן אומגליק מיטגעהאָלפן ווייַנען,
קומט אויך מע זאָל יום־טוב אָפּריכטן אינאייַנעם.

דריי אין שטוב משפחות — יעדע אין אַ קאַמער,
קלייבט מען אויס דאָס קאַמער וואו ס'וועט זיין געראַמער,

און מען זעצט זיך אויס ביי די צונויפגערוקטע טישן:
אויבן אָן — דער אַלטער חנן אין אַ באָרג מיט קישנס,

ביי די זייטן נח מיט די ייִנגלעך און נפתלי מיט די טעכטער
און ביים סאַמע אונטן — בערל בלעכער.

שטעלט זיך אויף און מאַלט אַ קידוש אָפּ דער אַלטער,
ווייס נישט דוואָשע וואו די אויגן צו באַהאַלטן,

ענטפערט נח „אָמן" און הייסט שמעונ'ען די קשיות פרעגן.
פרעגט ער אָפּ און ווידער ווי אַ פּליעסקעדיקער רעגן

טוט אַ פּלייץ די עברי פון אָנצייגנערדיקן גומען,
טוט אַ פּלייץ, אַ כליאַפּ איבערן טיש און אַלע שטומען.

ס'איז נישט גוט . . . נעמט נח זיך צעוויגן
און הייבט אָן פון אָנהייב מיט אַ טראָפּ און מיט אַ ניגון,

שטעלט זיך אָפּ דער רעגן, נעמען אַלע זאָגן,
כאַפּט דער אַלטער זיך אַרויף מיט אַלע אויפן וואָגן,

אָבער בערל, נעבעך, טוט זיך יעדן דריטן וואָרט ספּאָטיקען.
וואָרט מען ביז ס'קומט אונטער דער זאַיקע,

און מע זינגט פּאַמעלעך אויס אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק,
און עס אַרט נישט, און ס'איז קיינעם נישט פּאַרדראָסיק

וואָס מע שלעפּט זיך מיילן פון הא לחמא ביז דיינו.
ווי דען אַנדערש זאָל עס זיין ביי גוטע שכנים ?

ביי דער פערטער כוס'ע איז דער אַלטער איינגעשלעפערט.
וואַשן ווייבער אין דער קיך די טעלער־לעפל.

און מע ווינטשט זיך : נאָך אַמאָל אין הוילע פריידן
אָפּצוריכטן אַזאַ שותפות'דיקן סדר.

דוואָשע ווייס דעם מיין. זי גייט צו זיך אין קאַמער.
יאַנקל שלאָפט ביים טאַטן, שמעון ביי דער מאַמען,

זעצט זי זיך ביים זייט פון מאַן און פרואווט אויף אים פּאַמעלעך
אָנלענען דעם קאָפּ : — איך ווייס — ביסט נישט קיין מלך

און איך בין קיין מלכה נישט, נאָר ווער קען מיר פאַרווערן
אויף דיין אַקסל אָנשפּאַרן מיין שטערן ?

גלעט ער איר דאָס פּנים, האַלט זי זיינע הענט אין אירע,
און דער פּסוק פון דעם נאָר וואָס אָפּגעזאָגטן שיר־השירים

ציטערט אויף זיין גומען: ס'איז מיין שוועסטער־כלה
אַ פאַרמאַכטער גאָרטן, אַ פאַרדעקטער קוואַל.

שלאָפן קאַמערן. זיי ביידע לאָבן זיך מיט קושן,
ווי אַ פּאָר וואָס קען נישט זוכה זיין צו קידושין.

## 4.

אַ פּירעק אַ געמויערטער, צוויי שטאָטישע קוואַרטאַלן לאַנג
און ברייט, מיט קראָמען דרויסן, קראָמען אינוויייניק
און אָפענע געשטעלן אויפן הויף — דאָס האָט געהייסן „ראַד".
פון „ראַד" אַ חלק האָט געהערט צו איציק פּוריץ,
וואָס האָט געשניטן זיך אַמאָל די קרוין פון ראש־הקהל
אָוועקצונעמען ביי ר' חיים סעגאַל'ן און זיך דערפאַר געקלעפּט
צו יענעמס קעגנער. אַז ר' מרדכי האָט אים חול־המועד
געלאָדן אויף אַ גלעזל וויין, האָט איציק נישט געלאָזט
זיך בעטן. איצט האָט ער געוויקט די ניס אין וויין
און נישט געוואוסט וואָס טוט מען. זיינע קראָמען דינגט ער אויס,
און דאָ ר' מרדכי וויל גאָר אָפּקויפן אַ קראָם. איז ערשטנס:
זאָל ער? צווייטנס: מקח. און אַחוץ: וואָס דאַרף ר' מרדכי
אַ קראָם? ער וועט דאָך דאָרט די אָקסן נישט אַריינטרייבן.
און דאָ האָט מען געשיקט נאָך רודניקן זיך אָפּצושרייבן,
און אָט איז רודניק אויך. האָט ער גע'חשבונ'ט, איציק,
געקוויינקלט זיך און נאָכגעגעבן: פאַר אַ טויזנטער, קען זיין.
ר' מרדכי האָט זיך נישט געדונגען. פון אַ צווייטן צימער
אַריינגעבראַכט פינף קנאַקעדיקע הונדערטער און זיך געווענדט
צו רודניקן: — דעם שטר מכירה וועט איר אויסמאַכן אַזוי:
די קראָם קויפט אָפּ ר' נח מאַרקאָן — — — — ווער איז דאָס? —
האָט פּוריץ אָנגעקוקט. — ר' זלמן ווייסט שוין. איינצאָלן
וועל איך אַצינד אַ העלפט, די צווייטע אַרום סוכות־צייט...
דער שרייבער איז געזעסן אַ מטושטש'ער... משוגע!
און אַז מע וויל אַרויסהעלפן אַ מענטשן, איז מיט טויזנטער!
דער דונער אָבער האָט געדאַרפט ערשט פּלאַצן. — איצט,
ר' זלמן, האָב איך אַ בקשה שוין צו אייך. די קראָם ר' נח'ן
זאָל איבערגעבן אייער חברה... וועגן מיר קיין פּיפּס.
ער וויל — זאָל ער עס אויספּלעטן און פון דער לייזונג
אייך איינצאָלן אַ העלפט אויף קרן. כ'וועל פון אייך אומזיסט
די טרחה נישט פאַרלאַנגען. — חס ושלום — האָט זיך רודניק
צעמישט אינגאַנצן: — איך וויל אויך אַ חלק אין דער מצוה.

ס'איז אָנגעקומען רודניקן מיט גרינער גאַל צו פּועל'ן
ביי זיינע לייט, מע זאָל די קראָם דעם פלעטער איבערגעבן

אין נאָמען פון דער חברה. מער פון אַלע האָט געברויזט
דער ליפּעראַנט זאַריצקי: אונדזער זאַך איז בילדונג,
נישט מאַנען וואָכערס. דאָס לאָזט איבער פאַר פּראַצענטניקעס!
נאָר מעיז פּנים זיין דעם סעקרעטאַר, וואָס האָט די זאַך
שוין אָפּגעטאָן, איז שווער געווען, און חברה האָט געוואָלט אויך
באַטראַכטן דעם בעל־דבר. האָט מען איינגעוויליקט.

ער איז אַרייַנגעקומען, נח, און פון עולם הוילע קעפּ
האָט זיך די האַנט גענומען ישוב'ן: אַראָפּנעמען דאָס היטל
צי נישט?... אַראָפּגענומען, און ס'האָט איינגעקרעמפּט אַ רייף
פון כעס. נאָר דאָ האָט זיך עזריאל אויפגעהויבן, צוגעטראָגן
אַ „שלום" און דאָס פּנים האָט זיך חבר'יש צעוואונקען. רייף פון כעס
האָט נאָכגעלאָזט, נאָר זעצן זיך האָט נח נישט געוואָלט:
אויב אָן אַ היטל, דאַרף מען שטיין. און גלייך געטאָן.
ווייל באַלד האָט דער אינספּעקטאָר פון דער שקאָלע, לאַזאַראָוו,
געשטעלט אים צום עקזאַמען: — רוסיש קאָנט איר? — ניין!
— ווען מען זיך מוזן אויף זשאַרגאָן מיט אים צונויפריידן —
האָט דער אינספּעקטאָר זיך אַרומגעקוקט. געמיינט האָט ער
עזריאל'ן, צי רודניקן. גענומען האָט עס גאָר דער אַדוואָקאַט,
גריגאָרי מאַגיד. מ'האָט די אויגן אָנגעשפּיצט: וואָס טוט
אַן אָרימאַן, ווען ס'פאַלט אַראָפּ אויף אים אַן אוצר?
נח האָט געהערט, געקנייטשט דאָס היטל און געשלונגען
די טרוקנקייט אין מויל. און מיט אַ מאָל, פאַרשטיקט און הייזעריק:
— מע דאַרף עס נישט!... איך בין אַ מענטש פון גראָשנס...
ס'איז נישט פאַר מיר... איך קען אויף זיך נישט נעמען אַזאַ זאַך.
— וואָס פאַר אַ זאַך? — האָט רודניק אַ געשלאָגענער גע'טענה'ט:
— ס'איז אויך אַ פּלעט. נישט מער — פון דעם וועט מער חיונה זיין.
— קען זיין — האָט נח זיינס געצויגן — נאָר ס'איז נישט פאַר מיר.
דער מסחר איז צו גרויס... (ווי זאָגט מען זיי דעם אמת?)
מע גיט דאָך נישט אומזיסט קיין טויזנטער. מע דאַרף דערפאַר
מיט עפּעס אָפּצאָלן... נו, האָב איך נישט מיט וואָס צו צאָלן...

זיי האָבן זיך געפּלעפּטע אָנגעקוקט: דאָס טוט אַן אָרעמאַן
ווען ס'פאַלט אַראָפּ אויף אים אַן אוצר... ס'האָט עזריאל'ן
פאַרקלעמט עפּעס, און מאַגיד האָט אַ ליפּ געביסן, און דאָס קול
איז אים געוואָרן ציטערדיקער, שטילער, ווי ער וואָלט גערעדט
נישט צווישן אַלע דאָ, נאָר אין אַ שטוב אַן אָפּגעזונדערטער,
פון מויל צו מויל. די פינגער נח'ס מיטן היטל האָבן ביסלעכווייז
זיך איינגעדרויקט, ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ
און צוגעמורמלט: — איך פאַרשטיי... אַצינד פאַרשטיי איך...

ער איז אַוועק... מ'האָט זיך צערעדט, געצויגן מיט די אַקסל:
— טשיקאַווע, יאָ... ס'איז עפּעס דאָ אין דעם פאַרשוין...

.5

ערלעכע ברידער פון אָרימע, בלאַטיקע הויפן!
קופּערנער צענער איז צוויי פונט סיטנעם ברויט צו קויפן.
ווער פון אייך קען אַזאַ שפּיל מיט ברויט זיך פאַרגינען
טאָמער וועט איינער פון טויזנט געווינען?

האָב איך נישט מער וואָס צו טרעטן אייערע שוועלן.
פוץ איך די שטיוול און באָרד אַז זיי זאָלן געפעלן
יענע וואָס וואוינען אין הייזער פון ציגל רויטע
און ציילן נישט זייערע גראָשנס מיט ברויטן.

טייערע ברידער! ווי קונציק עס בייט זיך דאָס לשון
ווען מען דאַרף קריגן מיט איינמאָל צען גראָשן!
אַזוי ווי דער שד פון קופּער זאָל דיר די ליפּן צענעמען
און ס'ריידן דורך דיר גלגולים פון דורות קרעמער.

ווער ס'גיט אַ פּרוטהביים טיר, קען די נדבה פאַרגעסן.
אָבער ווען לייט באַרעמהערציקע טוען מיט זייער חסד
שפּייזן אַן אביון צו זאַט, מוז ער אָנהייבן שפּרייזן
נישט אויף דער ערד פון גאָט, נאָר דער ערד פון זיינע שפּייזער.

טרעפּלעך צו לייטישע קראָמען, טרעפּלעך צו הייזער מיט גלעקלעך.
רייב דיר די זוילן ביים טיר, ס'זאָלן גלאַנצן די טשוועקלעך.
ווייס וואו מע דאַרף נאָך אין פירהויז אַרונטערנעמען ס'היטל
און יעדן באַזונדער זאָג צו דאָס גליקלעכע קוויטל.

ניין, איך באַקלאָג מיך נישט, ברידער! ס'פירט מיך דער גורל,
גיי איך וואוהין ער פירט און לערן זיין תורה.
מער נישט די גייער מיינע, די פיס, ווי קליינשטעטלשע נאַרן
זוכן אַלץ ווייכע ערד אונטער שטיינערנע טראָטואַרן.

.6

אין מיטן גאַס האָט נח זיך צעשמייכלט:
עס וואָלט געווען אַ שכל

זיך איינשאַפן אַ שותף צום געשעפט: אַ יונג אַ כוואַט,
דאָס פּנים אויסגעגאָלט און גלאַט,
מיט האַרטן הוט און גלאַנציקע שטיבלעטן,
און ס'רוסיש זאָל זיך גיסן פון זיין מויל
ווי קאַנען אויל —
און ער זאָל אומטראָגן די פּלעטן
צו די מאַדאַמען מיט די ראָזע עלנבויגנס
און וואָלקנדיקע אויגן
און אין די קראָמען, וואו עס שמעקן ביי די שוועלן
געפּודערטע מאַמזעלן.
און דו אַליין מיט באָרד און מאַמע־לשון
זאָלסט ווייטער קלאַפּן אין די הייזער מיט מזוזות,
וואו ווייבער טראָגן טיכלעך אויף די בוזימס,
און אין די קראָמען וואו ס'איז אַלץ נאָך חשוב
אַ פּויער אין אַ סערמיגע און ייד אין טלית־קטן.
אינאיינעם מיט אַזאַ מין שותף
וואָלסטו געגעסן ברויט מיט פּוטער
און יעדן טאָג אין וואָך געבראָטנס.
נאָר אַז דו וועסט אַליין
מיט באָרד און היטל וועלן
זיך איינקויפן אין חן
ביי די מאַדאַמען און מאַמזעלן
און איינלייזן ביי זיי אויף ברויט מיט פּוטער,
בין איך דיין דאַליע נישט מקנא, ברודער!

## 7.

אַז דער אינספּעקטאָר פון דער שקאָלע האָט געפרעגט
ביי דער אסיפה: —רוסיש קאָנט איר? — איז ער אויסן געווען מער
ווי וויסן ווי מע רעדט צו דעם פּאַרשוין. און איצט גייט נח
פאַרריכטן דעם חסרון וואָס מען האָט אַנטדעקט אין אים.

די גאָס אַ קריסטלעכע. דער באַלעבאָס פון הויז אַ קריסט.
דער לערער פון דער שקאָלע, אָסיפּ גרינשטיין, וואוינט
אין אויבערשטיבל. פון דער קיך אין פירהויז שלאָגן ריחות
פון קריסטלעכע געקעכצן. טרעפ געשייערטע. איבער די טרעפ
אַ קרומער דאַך. דער לערער וואַרט אויף דער עבודה.
מונדיר, פאַרדרייטע שוואַרצע וואָנצעס, גלאַנציקע שטיבלעטן.
די שטייפקייט פון די וואָנצעס מאַכט דאָס פּנים אָפּיצעריש
און הילוך פון דעם תלמיד שטייפט עס בייזער איין.

אַ ווײַלע האַלט דער כּעס די אויגן אויפֿן לאַנגן ראָק
און פֿירט זיי צו דער באָרד און היטל: — דער אינספּעקטאָר
האָט מיך געבעטן, גיב איך אײַך צוויי שעה אַ וואָך.
דאָס טו איך פֿרײַוויליק. מע צאָלט מיר נישט דערפֿאַר.
— כ'פֿאַרשטיי — ענטפֿערט דער תּלמיד אָפּ אויף ייִדיש.
— קיין רוסיש רעדט איר נישט? — נאָך נישט פּרובירט.
— און אַז מע קומט צו מענטשן, טוט מען אויס דאָס היטל.
(דער תּלמיד ווייס עס, נאָר די שטײַפֿע וואָנצעס רייצן אים:
— זאָל ער צעזעצט ווערן — דו טו נישט אויס! (ער ענטפֿערט):
— ביי ייִדן נישט. — דאָ וועט איר מוחל זײַן און אויסטאָן.
— און מיט אַ היטל קען מען נישט? — ניין, נישט ביי מיר.
— וועל איך שוין מוזן אויסקומען אַזוי. אַ גוטן טאָג!
ער גייט. דער לערער זעט דאָס פּנים פֿון אינספּעקטאָר, הערט
די פֿראַגע: — און וואָס גייט אײַך אָן דאָס היטל זײַנס?
פֿאַרהאַלט ער אים: — אויב ס'איז רעליגיעזע איבערצייגונג...
איך האָב געמיינט פֿאַרקערט — איר זענט אַן אויפֿגעקלערטער.
מע זעצט זיך. תּלמיד לייענט, לערער שטעלט דעם טראָפּ
פֿון ווערטער. ביזן צווייטן מאָל — דעם גאַנצן מאמר קענען
מיט טײַטש און טראָפּ! דערנאָך גראַמאַטיק, שרײַבן.
ס'איז נאָך דער שעה. — איר'ט קומען דאָנערשטיק. און קענען!
אין שאַרפֿן זאָג פֿון „קענען" איז דער גאַנצער כּעס
וואָס האָט אַ פֿולע שעה געסמאַליעט. תּלמיד גייט אַרונטער.
דער לערער שטייט אין פֿענצטער. ער וואָלט וועלן וויסן
צי עמיצער דאָרט אונטן ביי די קריסטן קוקט ווי ער
פֿון פֿענצטער, זעט דעם ראָק, דאָס היטעלע, די שטיוול.

צוויי מאָנטיקס און צוויי דאָנערשטיקס. מע רעדט נישט.
מע לערנט בלויז. ס'איז קלאָר — מ'האָט זיך פֿײַנט.
און גרינשטיין זעט דעם תּלמיד'ס בטול און באַנעמט נישט
ווי קען אָט דער לאַנגפּאָלעדיקער שלעפּער מיט די שטיוול
קיין אַכט אויף אים נישט לייגן. לאָמיר זאָגן, אַז ער קען
די גמרא דאָרטן. נו, איז וואָס?... פּרובירט ער
מיט גאַליקער געלאַסנקייט: — ווען איר זאָלט אײַער ראָק
אַ ביסל קירצער מאַכן — וואָלט עס אַן עבֿירה זײַן?
— קען זײַן, אַז נישט. נאָר מיר געפֿעלט עס בעסער.
דאָס שפּילט זיך אָפּ שוין ביים אַוועקגיין. שׂנאה שטײַגט.
אַ צווייטן מאָל ביים טיש טוט ער זיך אָפּרוקן אַלץ ווײַטער
פֿון תּלמיד ביז ער שיסט אַרויס: — איך בעט אײַך —
איז דאָס אַ דין אַזאַ, אַז ייִדן זאָלן מוזן שטאָפּן זיך
מיט ציבעלעס און קנאָבל?... נח'ן פֿאַררײַבן אַלע בלוטן

פון פּנים. זאָגט ער קרום: — ס'איז נישט קיין דין.
ער לאָזט עס אויס צום ווייב הערנאָך: — דו ווייסט דאָך —
מיר קומט איצט אויס אין אַנדערע הייזער אָנשלאָגן,
איז קנאָבל נישט קיין יחוס. — ס'איז געזונט אָבער.
— מע דאַרף נישט! — שניידט ער אָפּ. עס גייט אַוועק
אַ מאָנטיק און אַ דאָנערשטיק אָן בושה. נאָר דערפאַר
דעם צווייטן מאָנטיק צאַמט שוין גרינשטיין נישט דעם כעס.
ס'געפעלט אים נישט דעם תלמיד'ס לייענען, זיין טראָפּ,
זיין האַנטשריפט, שרייט. און ענדלעך אויסגעפּלאַצט:
— איר דאַרפט אַ ביסל אָפטער גיין אין באָד אַריין!...
דעם תלמיד'ס גוף ווערט איינגעשרומפּן. און ווי קליין
ער ווערט נישט, איז ער אַלץ צו גרויס, צו שווער.
ער רוקט זיך מיט אַ זייט אַרויס אַן איינגעהאָרבעטער
און שטופּט זיך איינגעהאָרבעט איבער גאַסן.

ביז דאָנערשטיק איז דער בזיון שוין איבערגעקאָכט
אין פרישער שנאה. ווי וועט זיך דעם לערערס פּנים
צעקרימען אים דערזעענדיק! נאָר נישט דער לערער — ער אַלייז
איז ווידער דער פאַרשעמטער. גייט אַרויף די טרעפּ,
פּרובירט די טיר — פאַרשלאָסן! שטייט אַ ווייל, קלאַפּט אָן,
נאָר ס'עפנט זיך אַ טיר גאָר אונטן ביי די קריסטן
און ס'רופט אַ קול: — הער גרינשטיין וועט נישט זיין היינט.
אַזוי גאָר, ברודערל!... ניין, וועסט זיך נישט אַרויסדרייען.
נאָר מאָנטיק אַז ער קומט, גייט אים אַרויס אַנטקעגן
אַ דינסט: — הער גרינשטיין וואוינט שוין דאָ נישט מער. —
דער ליגן איז צעגאָסן אויף איר פּנים... נישט געהאַט
דעם מוט אַליין אַרויסצוטרייבן אים — אַ דינסט, אַ גויע,
צו הילף גענומען. זאָל אים וואויל באַקומען די הנאה
פון לעצטן קלאַפּ!... ער האָט געוואוינט, אָסיפּ גרינשטיין.

## 8.

אומזיסט געווען דוואָשעס מורא
פאַרן אוצר — דער קראַם אין ראַד,
פאַרן דאָקטאָר און ראַבינער —
ס'האָט, חלילה, דעם מאַן נישט געשאַדט.

אַ וואָך נאָך אַ וואָך גייט אַריבער —
ער איז אַלץ דער זעלביקער מענטש:
דאַוונט אין טלית און תפילין,
וואַשט זיך צום עסן און בענטשט.

און פרייטיק ברענגט ער די לייזונג —
איז נישט נאָר אויסקומעניש:
ס'איז דאָ צום ברויט אויך הערינג
און שבת אי פליש, אי פיש.

און באַלד וועט מען קענען אַ טראַכט טאָן
פון אַ ציכל, אַ שוך און אַ קלייד,
און אַלץ פאַרן כשר'ן גראָשן —
נישט פאַרשטערט זאָל ווערן די פרייד!

נאָר וואָס? די שכנות זאָגן:
דער מאַן גייט אַרום ווי אַ מרוק.
און ס'איז אמת — פאַרקריכט אין אַ ספר,
איז ביז דאָס לעמפל טוקט.

און אַזוי נאָכן בענטשן פרייטיק
און שבת אַ גאַנצן טאָג.
און ס'איז נישט קיין פעולה צו ריידן
אַז זי זעט ווי דער מוח טראָגט.

שווייגט זי, נאָר שבת אין תחינה
שטעלט זי אַריין אַ געבעט:
פיר אים אין וועג פון דיין תורה
און פאַרהיט זיין מחשבה פון חטא!

## 9.

גייט אַרום דער מלך שלמה אין גן־עדן,
טראָגט אַ זיידן זעקעלע, אַן אויסגעהאַפטנס
מיט רובינען, פערל און שמאַראַגדן
און אין זעקעלע דריי ספרים:
שיר השירים, משלי און קהלת.
קומען אָן אַ פּאָר חכמים פון בערלין
און מע רוקט זיך צו: — אַדוני מלך!
קיניגרייך, פּאַלאַצן, טויזנט ווייבער —
און אַז יידן אַנדערע שטעלן צוזאַמען ספרים — — — —
האָסטו דאָך אַליין גע'משפּט וועגן צוגערויבטן קינד!
רוקן זיך אַרויס פון הינטער שלמה'ן
דריי צעשראָקענע, זאָגט איינער:
— שיר השירים — דאָס האָב איך צונויפגעשטעלט.

זאָגט דער צווייטער:
— משלי — דאָס האָב איך צונויפגעקליבן.
זאָגט דער דריטער:
— און קהלת — דאָס האָב איך געשריבן.
פרעגן די חכמים פון בערלין:
— וואָס האָט איר געשוויגן אַלע טויזנט יאָר?
ענטפערן די דריי צעשראָקענע:
— אַז אַ גאַנצענער גן־עדן מיט צדיקים האַלטן —
עס געהער׳ט צו הוד מלכותו...

ווערט אַ קלייזל, שפּאַרן זיך פון אַלע זייטן
נייגעריקע, קומט אויך צו דער אַלטער דוד:
— וואָס איז דאָ געשען?
ענטפערט נישט דער זון, נאָר בייזערט זיך:
— און דער טאַטע מעג אַרומטראָגן דאָס תהילים׳ל
ווי עס וואָלט געווען איינגאַנצן זיינס?
און וואָס הערט זיך מיט ידותונ׳ען און אסף׳ן
און די בני־קרח?
הערן יענע ווי מע רופט זיי ביי די נעמען אויס,
שטופּן זיי זיך דורכן עולם נענטער צו
און דער אַלטער דוד צאַמט דעם צאָרן אויפן זון:
— כ׳האָב געהאַט גענוג שוין מיט דער מאַמע דיינער
און מיט נתנ׳ס משל וועגן ציגעלע פון אָרימאַן.
אַז זיי ווילן מאַכן ספרים׳לעך באַזונדערע
פון זייערע קאַפּיטלעך תהילים — זאָלן זיי!
אָבער שלמה׳ן שטייט די זאַך נישט אָן:
— און אַ נביא ווי ישעיה, וואָס האָט רק געדונערט
וועגן אמת און גערעכטיקייט, מעג אַ ספר
פון אַ צווייטן נביא צוקלעפּן צו זיינס?
רוקן זיך די צוויי ישעיה׳ס צו און ס׳זאָגט דער צווייטער:
— ס׳איז אַ זכיה מיר צו זיין ווי איינער מיט בן־אמוצ׳ן.
אויב ער וויל נישט מער אויף מיר זיין נאָמען,
וועל איך זיך פון ספר זיינעם אָפּשיידן.

אָבער דאָ איז שוין צעהוידעט אַ געזעמל
אַ צעבייזערטער פון סופרים און תנאים
און מע שייגעצט די בערלינער:
— גאָר פונאַנדערריסן! איינמאָל איינגעשטעלט,
דאַרף עס בלייבן איינגעשטעלט.
הייבן די בערלינער אָן: — מורינו ורבינו!
ס׳וואַנדערן ישראל׳ס קינדער איבער דורות, לענדער —

זאָל די קייט, וואָס קייטלט זיך פון דור אין דור אַריין
זיך נישט איבעררייסן,
לאָזט נישט איבער דורות ליידיקע,
גיט נישט די קדמונים אַלץ אַוועק!
שרייען מיט גערעכטן צאָרן די תנאים:
— ווער האָט צוגענומען זייערס ביי די חכמי בבל?
ביי די חכמי ספרד?
ביי די חכמי אַשכנז און פוילן?
הייבן ווידער די בערלינער אָן: — מורינו ורבינו!
— אַז דער גורל אונדזערער איז לעבן צווישן פעלקער —
דאַרף מען דאָך בשלום לעבן.
האָבן זיי ביי אונדז גענומען תורה, מוז מען מודה זיין:
מיר האָבן ביי זיי גענומען אויך.
צינדט זיך אָן אַזאַ געליאַרעם,
אַז מען הערט קיין וואָרט נישט מער
און עס צאַפּלען די בערלינער: — אָבער פאַרט, מורינו ורבינו!
זאָל ר' סעדיה גאון זיין אַן עדות,
זאָל בן־מימון זיין אַן עדות
וויפיל תורה מיר האָבן געלערנט ביי די חכמי יון.
שטעלן זיך ר' סעדיה און בן־מימון,
נאָר מען הערט קיין וואָרט נישט אין געליאַרעם,
שלמה האַלט זיך מיטן זיידן זעקעלע און ווייס נישט —
אָפּגעבן די ספרים אָדער ניין,
די תנאים שרייען, די בערלינער צאַפּלען זיך
און עס ציטערן די ווילן פון גן־עדן.

## 10.

דעם משל מיטן טומל אין גן־עדן האָט זיך נח צוגעטראַכט
ווייל ר'איז געווען צעטומלט פון דער נייער תורה און מיט וועמען
דעם טומל אויסצולופטערן איז נישט געווען. דער רודניק
איז נאָך אַלעמען אַ פרעמדער, צו עזריאל'ן וועט ער נישט גיין...
איז דורך אַ משל גרינגער אַנצוכאַפּן דאָס וואָס ווירבלט
אין מוח... און געווען איז יאָ אַ מענטש, גראָד אין דער חברה,
וואָס וואָלט זיך גערן צוגעהערט און זיך אַליין צע'טענה'ט.

געווען אַזאַ. גריגאָרי מאַגיד. זיך אַרויסגעריסן
פון אַ ישיבה, און מיט אונטערשטיץ, מיט אונטערקנעלן,
מיט אונטערהונגערן און אונטערפרירן זיך דערשלאָגן צום דיפּלאָם.
נאָר ווען ער האָט געדאַרפט אַריבערשפּאַנען דעם באַריער

פון אַ געהילף צו אַ געשוואָרענעם, האָט מען די ייִדעס זיינע
אַרויסגעבראַכט פאַר עדות קעגן אים. און שלאָגן זיך
איז ניט געווען די טבע מאַגידס — נישט מיט שונאים
און זיכער נישט מיט טויטע ייִדעס. האָט ער אומעטיק
אַ מאָך געטאָן אויף קיעוו: זאָלן דאָרט די גרויסע בערן
די מלוכה פירן — ער וועט אין דער היים צונוצקומען.

נאָר דאָ איז אויך געווען אַ גרויסער בער: מאַצקעוויטש,
אַ פּאָליאַק, אַ פאַררוסישטער. פון אָנהייב זיך נישט אומגעקוקט:
קיין קריסט וועט צו דעם שנעק נישט גיין, און ייִדן —
דאָס ווייס מאַצקעוויטש — האָבן אויך נישט ליב קיין אייגענע.
נאָר ווען צונויפגערעדט זיך מיטן ייִד — געכאַפּט זיך:
עס קען אַ וואוילער שותפות זיין. און ס'איז אַזוי געוואָרן.
דער ייִד האָט צוגעגרייט און אויסגעאַרבעט די פּראָצעסן,
דער גוי האָט זיי געפירט. מאַצקעוויטש האָט געקראָגן הונדערטער
און מאַגיד'ן געצאָלט מיט פינף און צוואַנציקערס. ביז ס'האָט
דער גוי אַליין דערפילט די עוולה און געזוכט פאַרגיטיקן
מיט פריינטשאַפט, גוטע רייד און לויב. איז מאַגיד'ס שם
געוואַקסן גרויס און מיטן שם אַ ביסל די הכנסה אויך.
נאָר פירן שטאָט ווי אַנדערע זיך נישט פאַרגונען.

צו וואָס? אַז מאַניע וויל עס אויך נישט. זאָלן יענע,
דעם דאָקטאָרס און אַפּטייקערס ווייבער, מאַכן מאַניפאַרגעס
און פירן שטאָט. פאַר מאַניען איז גענוג דער מאַן,
דאָס הויז, די קינדער. אַמאָל אַ ביכל און אַ צייטונג
נישט אָפּצושטיין פון מאַן. מער דאַרף זי נישט.

האָט זיך די אויפגעקלערטע סמעטענע פון שטאָט געוואָרגן
מיט מאַגידן — נישט אויסצושפּייען, נישט אַראָפּצושלינגען.
וועט זיך זאַריצקי אָפּזאָגן פון אַדוואָקאַט, ווען גאָר
די גוי'אישע אינטעליגענציע לעקט פון אים די פינגער?
האָט מאַגיד אין דער חברה יעדער קוואַרטל איינגעצאָלט
זיין שטייער און געהערט די פּראָטאָקאָלן וועגן פאַרשריט
פון די ישיבה־בחורים, נאָר ביז מען האָט געבראַכט
דעם פלעטער און געזוכט אַ בעלן אויף זשאַרגאָן־ריידן
זיך נישט געמישט. דעם פלעטער וואָלט ער וועלן טרעפן.
נאָר זוכן עמיצן איז נישט זיין טבע. מ'עט זיך נאָך באַגעגענען.

## .11

אין אַ נייעם געשפּאַן מיט אַ קוטשער אַ ברייטן
פאָרט אַרויס דער פּאָדראַטשיק זאַריצקי.

אין האַנט אַ שטעקן מיט אַ זילבערנער גאַלקע
און ביים זייט דאָס ווייב — אַ פּריצ׳טע.
זאָל קיינער ניט מיינען, אַז דאָס פּאַרט ער, חלילה,
באַווייזן די קאַטש, די נייע.
דאָס וויל ער בלויז ווייזן ווי דער וואָס אין הימל
טוט חסד מיט זיינע געטרייע.

מיט שיינע מתנות פאַר זייערע ווייבער
פאָרט זאַריצקי צו די גענערעלער.
ער גיט אויך אין יד אויף נדבות צו טיילן
און וויין אויף געבורטסטעג און בעלער.
זאָל קיינער נישט מיינען — ס׳איז עפּעס אַ סרחא
אויפן פליש וואָס ער שיקט אין קאַזאַרמע.
דאָס וויל ער בלויז ווייזן ווי ס׳האַרץ פון אַ יידן
איז צו יעדן גוט און דערבאַרמיק.

אין הויז ביי זאַריצקין איז ליכטיק און פריילעך.
פון די פענצטער — געזאַנג און געלעכטער.
אָפיצערן און זייערע ווייבער טאַנצן
מיט זיינע זין און טעכטער.
זאָל קיינער נישט מיינען, אַז דאָס הויז חלילה
פאַרנעמט זיך אויף שלעכטע דרכים.
דאָס עפנט אַ ייד זיינע טירן פאַר אורחים
ווי אַברהם פאַר די מלאכים.

ווייל יידן האָבן אַ שר אין הימל
מיטן הייליקן נאָמען מיכאל,
און לערנען פעלקער די רייני געטהייט
איז די שליחות פון פאָלק ישראל —
אַזוי זאָגט בפירוש ר׳ נחמן קראָכמאַל
אין „מורה נבוכי הזמן״.

## 12.

איבער בערלינער גאַסן ציט זיך אַ גרויסע לוויה.
די חשוב׳סטע לייט פון שטאָט שפּאַנען טריט ביי טריט.
די חשוב׳סטע לייט פון שטאָט — פרומע און פרייע,
שררות, געלערנטע, גבירים — קריסט און ייד.

דאָס פירט מען צום אייביקן שלום משה׳ן פון דעסוי,
וואָס האָט צווישן טלית און צלם אַ שלום געשפּינט.

אַ לעבן געקנעלט מיט דער וועלט יושר און חסד —
טוען דעם לעצטן חסד אים טלית און צלם אַצינד.

[הייב זיך אויף פון וואָגן
און דערזע דעם בראָך :
דיינע קינדער טראָגן
אַ צלם דיר נאָך.]

◈

אַ ייִנגל אַ הויקער אין קאַפטן און טלית־קטן
זיך אַריינגע'גנב'עט אין קיניגס פאַרבאַטענער שטאַט.
ער וועט מפקיר זיין בלויז דעם טאַטנס קאַפּאָטע
און דערהייבן דערפאַר דעם נאָמען פון טאַטנס גאָט.

האָט נישט משה בן מימון אַמאָל צווישן משה רבינו
און גריכישן אַריסטאָטעל אַ שלום געמאַכט ?
וועט אויך משה בן מענדל פון דעסוי פאַרבינדן אינאיינעם
די חכמה פון דור מיט דער תורה און הייליקער שפּראַך.

◈

ווער עס רייסט זיך פון געטאָ אַרויס זאָל נישט דאַרפן
פאַרלאָזן די תורה פון אָבות צו ברעכן די וואַנט,
וועט ער איבער דער שנאה פון גלויביקע בריקן פאַרוואַרפן
אויף לויטערע זיילן פון יושר און פאַרשטאַנד.

אמונה קומט אָן בירושה פון דורי־דורות,
דאַרף בלייבן דער מענטש זיין אַלטער ירושה געטריי.
און אויב ס'איז פאַרעלטערט דאָס מענטעלע אויף דער תורה,
זאָל גייסט פון דער צייט אַ מענטעלע נייען אַ נייס.

[הייב זיך אויף פון וואָגן
און דערזע דעם בראָך :
דיינע קינדער טראָגן
אַ צלם דיר נאָך.]

◈

האָט ער חקירה געשריבן אין ציכטיקסטן דייטשן לשון
וועגן רייַנער נשמה און חלק פון מענטש אין אין־סוף.
האָבן שררות, חכמים, אפילו אַ גלח אַ רשע
געבויגן די קעפּ פאַרן אידעלן פילאָזאָף.

און די תורה באַקליידט מיט אַ דייטשיש מענטעלע און כתר
און אַרומגעגאַרטלט אין גייסט פון דער צייט מיט אַ „ביאור" —
זאָלן קינדער בערלינער ווי ער אַליין, דער דעסויער,
בלייבן כשר'ע יידן מיט אַ מזוזה ביים טיר...

◈

איבער בערלינער גאַסן גייט אַ גרויסע לויה,
די חשוב'סטע לייט פון לאַנד שפּאַנען טריט ביי טריט.
עס גייען יידן און קריסטן — פאַר ערד און הימל אַ ראיה,
אַז דער, וואָס האָט געזייט, האָט זוכה געווען צום שניט.

נאָר נישט געזען פון קיינעם גייט אַ געבויגענע מאַמע,
געקומען פון קבר דעם זון מקבל פנים צו זיין.
זי איז צוגעוואַקסן צום אָרון און פאַרמעט-ליפּן שטאַמלען
פאַרשעמטע ביטערע רייד אין שוואַרצן האַלץ אַריין:

הייב זיך אויף פון וואָגן
און דערזע דעם בראָך:
דיינע קינדער טראָגן
אַ צלם דיר נאָך.

## 13.

די בייעס, אַז דער לערער גרינשטיין וויל ביי זיך נישט האָבן
דעם דאָזיקן, דער מאַרקאַנ'ען, האָט לאַזאַראָוו געבראַכט
צו אַן אסיפה. וואָס קען מען אים טאָן? מיט גוואַלד פון יענעם
קיין טובות רייסט מען נישט. און נאָך אַ שלעפּיקן וויכוח
איז מען געקומען צו אַ פּשרה: נישט ביי גרינשטיינ'ען —
אין קאַנצעלאַריע פון דער שקאָלע זאָל מען לערנען.
נאָר גרינשטיין, אַז ער האָט דערהערט די גוטע בשורה
האָט מיט די הענט זיך אָנגעכאַפּט אין טיש, ווי איינצוהאַלטן
אַ שד וואָס וואַרפט אים: — וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט
אויף מיר? איך האָב אים פיינט. איך קען אים נישט פאַרטראָגן.
דאָס גאַנצע שמוציקע געזינדל איז מיר מיאוס. כ'האָב געַנוג
די קינדער זייערע!... — דער אומגעצאַמטער האַס האָט לאַזאַראָוו'ן
מיט אַקרעפּ אָפּגעגאָסן: — קיינער האַלט אייך נישט מיט קייטן.
— וועל איך אַוועקגיין... כ'וועל אַוועקגיין!... אויסגעשריען,
אַליין דערשראָקן זיך פאַרן געשריי און זיך אַרויסגערוקט.
האָט לאַזאַראָוו ביים צווייטן לערער זיינעם, יודעלעוויטש,

גע׳פּועל׳ט איבערנעמען גרינשטיינ׳ס עובדה און דורך רודניק׳ן
באַפּוילן נח׳ן צו קומען.

איז אַליין געבליבן נאָך די קלאַסן
דעם נייעם לערער פאַרשטעלן און זיך פאַרענטפערט כלומרשט:
— פאַר אונז דאַרפט איר קיין היטל נישט אַראָפּנעמען.
נאָר אויף דער וואַנט — איר זעט — דעם קיסרס אַ פּאָרטרעט...
פון אַ געגילטער גרויסער ראַם האָט שטרענג אַרויסגעקוקט
דעם קיסר׳ס פּנים — אויסגעגאָלטע גאָמבע, באַקענבערד,
אַ ברוסט מעדאַלן, צלמים, שטערנס און אַ רויטע לענטע —
און נח האָט געפאָלגט. איז לאַזאַראָוו אַוועק צופרידן,
און יודעלעוויטש איז געווען אַן אַנדערער. זיך אָנגעבאָטן
דערציילן וועגן דער ראַבינער־שול, וואָס האָט אים דיפּלאָמירט,
זיך אויסגעפּיינט מיט לשון־קודש און געפּירט דעם תלמיד
די קלאַסן אָנקוקן — די אויסגעשטעלטע בענק, די שוואַרצע ברעט,
די רויטע דילן — גאַרנישט ווי אַ תלמוד־תורה! האָט געהאַט
פון אַלץ הנאה און געקנעלט מיט חשק, ווי ער וואָלט געוואָלט
די מצוה זאָל אים ביישטיין. אָבער נח האָט עס נישט פאַרדייט
און נישט געקענט פאַרשטיין זיין ווידערווילן, ביז געקומען
פאַרפרי אַמאָל און זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ כאָפּטע קינדער,
וואָס זיינען טומלדיק צעגאַנגען זיך אַהיים פון שקאָלע:

שוואַרצע מונדירן, לעדערנע פּאַסקעס,
היטלען מיט דאַשקעס לאַקירטע,
זעלנערשע ראַנצעס אויף פּלייצעס —
יידישע קינדער — סאָלדאַטלעך.

זיצן אויף בענקלעך אין זעלנערשע רייען,
זינגען מזמורים פון זעלנערשע מאַרשן,
לערנען פון ביכער דעם לויב פון קיסר,
די גרויסקייט פון זיינע אבות,
די גבורה פון זיינע חיילות —
יידישע קינדער — סאָלדאַטלעך.

נערן זיי טאַטעס, האָלדזן זיי מאַמעס,
אָבער דער קיסר, דער קלוגער, ווייס בעסער:
צו וואָס נאָך זיי שיקן כאַפּערס ביינאַכט,
מיט גוואַלד פון די היימען אַוועקרייסן,
שמייסן מיט ריטער, פאַרשמייסן —
אַז אייגענע טאַטעס וועלן אים האָדעווען
יידישע קינדער סאָלדאַטלעך?

◈

אַ פּרייטיק איינמאָל, ווען געקומען מיטן חשבון פֿאַר דער וואָך,
האָט נח אַנגעטראָפֿן אין קאַנטאָר אַ שוואַרצן יונגנמאַן,
מסתמא אויך וועגן געשעפֿט. זיך אָפּגעפּאַרטיקט,
נאָר רודניק לאָזט נישט גיין: — איך דאַרף אייך ווייזן עפּעס.
ער נעמט פֿון אַלמער, פֿון פֿאַרשלאָסענעם, אַרויס אַ בלאַט,
שפּרייט אויס אַ שיר און הייסט עס לייענען. סע זינגט זיך
פֿון זון אינמיטן טאָג און חכמה וואָס איז ווי די זון,
און אונטן איז געחתמ׳עט: חיים דוד פּויזנער. שטייט ער
ביי נח׳ן הינטערן פּלייצע, שפּירט די אויגן זיינע נאָך
און ביי דער לעצטער שורה טוט ער זיך אַ וואָרף צום יונגנמאַן
און מיט אַ האַנט אויף יענעמס אַקסל ווי אַ קונצנמאַכער,
וואָס לאָזט אַרויס אַ טויב פֿון הוט: — און דאָס איז פּויזנער!
זיך אויפֿגעשטעלט, שטרעקט נח אויס אַ האַנט, דער יונגערמאַן
פֿון זיינער גיט אַ דריטל בלויז, און רודניק צווישןביידן שמייעט:
— ס׳איז נאָר די ערשטע שוואַלב . . . ער וועט אַ וועלט פֿאַרקלינגען.
און כ׳ווייס — איר וועט הנאה האָבן איינס פֿון אַנדערן!

אויף פּויזנער׳ס פּנים האָט מען די הנאה נישט געזען. אַ מענטש וואָס דאַרף
די וועלט פֿאַרקלינגען, שטייט ביים שווער אין שניט־קראָם
און האָט אַ נדן איינגעלייגט צו מאַכן אַ געשעפֿט אַליין
ווען ס׳וועט די קעסט זיך אויסלאָזן, און דאָ — אַ פּלעטער, אַ מלמד...
נאָר אין טישקעסטל (מיט אָפּשריפֿטן ביי רודניקן אין אַלמער)
האָט ער באַהאַלטן העפֿטן שירים, און דער פּלעטער האָט אַן אויער.
האָט מען זיך נאָך אַ מאָל געטראָפֿן, דאָ טאַקע, ביי רודניקן,
און נח האָט געהערט ווי יוסף זיצנדיק אין תּפֿיסה
באַריִמט זיך מיט זיין אומשולד, ווי די כּלה דעם משורר׳ס
(זיין ווייב מסתמא) לויכט מיט אַלע חנ׳ען פֿון שולמית
און ווי די שטערן זינגען שירה. פֿון צעצונדענעם משורר
און זיין פֿאַרלויבער האָבן בליקן גיריקע געצויגן זיך
צו נח׳ן, האָט ער געלויבט אַביסל און אַביסל אָפּגעפֿרעגט
די שורות, די געבאָרגטע פֿון נביאים, תּהלים, שיר־השירים.
האָט פּויזנער אימפּעטיק געדונגען זיך פֿאַר יעדן וואָרט
און רודניק האָט געקוואָלן: דאָס טאַקע האָט ער געוואָלט —
די צוויי זאָלן זיך אַמפּערן און ער וועט הערן.
נאָר אויף צו ווערן אָפּגעפֿרעגט דאַרף פּויזנער ניט קיין עדות.
ער׳ט ליבער טרעפֿן זיך מיט נח׳ן אין צווייען. און אַזוי
פֿאַלט ער אַריין: דער הערער האָט אַליין עפּעס צו זאָגן.

וואָס וויל דער הערער דען? זיי האָדעווען אויס קינדער יידישע —
סאָלדאַטן . . . נאָר עס דאַלבען אים אויך אַנדערע רעיונות.

אַ מענטש, וואָס איז אַליין נאָך ווייט פון שלימות — מעג ער
אַ מאָנער זיין ביי אַנדערע בלויז אויפן סמך פון ביסל,
וואָס איז אים קלאָר ? . . . דערקענונג וואַקסט און נייע קלאָרקייט
ווישט אָפּ די אַלטע. זיינען דאָ אָבער אַזעלכע קלאָרקייטן
וואָס העלן אויף נישט אין דיין אייגן ליכט, נאָר אינם ליכט
פון דורות . . . בראָך פון אָפּטריניקייט. ס'איז נישט דו
וואָס זעסט, נאָר אַלע דורות יידן וואָס אין דיר. און אויב
דו ווייסט אפילו גאָרנישט מער, איז דאָס אַליין גענוג
צו פירן אַ מלחמה . . . און ער האָט אַ פּלאַן, און אַ געפערלעכן:
ווי יענע, וויל ער אויך אַ חברה מאַכן. יענע — בילדונג,
און ער — דער בילדונג נישט צו לאָזן אָפּרייסן. וועט גיין
צו טאַטעס, וואָרענען און איינ'טענה'ן. און לערער זוכן,
וואָס זאָלן מיט די שקאָלע־קינדער לערנען פריי.

חיים דוד:

צו וואָס זיך אָנהויבן מיט יענע לייט ? זיי וועלן זיך דערוויסן
און זאָגן, אַז מען מאַכט זיי קאַליע.

נח:

קיינער מיינט דאָך נישט
די קינדער פון דער שקאָלע אָפּריידן.

חיים דוד:

איר'ט זען — זיי וועלן זאָגן.

נח:

און טאָמער יאָ ?

חיים דוד:

איר וועט סיי ווי נישט קריגן קיינעם,
וואָס זאָל זיך אונטערנעמען. ווער וועט גיין
די טאַטעס איבעררייידן ?

נח:

איר און איך און נאָך אַזעלכע.

חיים דוד:

איך קען נישט. איר זענט עפּעס אַנדערש. איר האָט צייט.
איך בין ביים שווער אין קראָם און דאַרף אַ צייטונג לייענען
און שרייבן . . . ניין, אויף מיר דאַרפט איר נישט רעכענען.

נח:

פאַר וועמען שרייבט איר שירים, אַז איר וועט נישט האָבן
ווער ס'זאָל זיי לייענען ?

חיים דוד:

מיט דעם בין איך פאַרזאָרגט.

נח:

פון לאַזאַראַוו'ן? פון דער חברה? אָדער אפשר ווען
זאַריציקיס און דעם דאַקטאַרס קינדער לייענען אייערע שירים?

חיים דוד:

עס וועט נאָך סטייען יידן . . . (טראַכט אַ ווײַלע און פּלוצלינג)
איר ווילט קען איך אַ מאמר שיקן אין „המליץ".

נח:

וועגן וואָס?

חיים דוד:

דעם רעיון אייערן. מיין נאָמען אונטערשרייבן וועל איך נישט.
דעם נאָמען שרייב איך אונטער נאָר אויף שירים. אגב —
צו וואָס זאָלן זיי וויסן ווער סע שרייבט?

נח:

וואָס טויג עס,
אַז דער וואָס רעדט, באַהאַלט זיך? ווי אַ קול אַ שטייגער
פון הינטערן פּאַרקאַן.

חיים דוד:

ווייסט איר נישט! פּאַרקערט!
מע זעט אַ נאָמען: בן־עקיבא. טראַכט מען — אַ
באַרימטער מענטש
באַהאַלט זיך הינטער דעם, מע לייענט, מע פאַרטראַכט זיך,
ס'ווערט אַ גערייד — — —

נח:

מער ווילט איר גאָרנישט טאָן?

חיים דוד:

איך טאָר נישט. אַ משורר דאַרף זיין אָפּגעשיידט
פון וואָכעדיקע זאַכן.

נח:

אפשר . . . נאָר שוין באַלד צוויי יאָר
ווי כ'גיי איבער די הייזער, און איך קלער: אויב עמעצער
וויל וויסן וויפיל וועגן ס'זיינען דאָ פון מענטש צום בורא,
דאַרף ער אין טירן אָנקלאַפּן און מענטשן זען — די שפּל'סטע
און זינדיקסטע אַפילו. און ווער נאָך ווי אַ משורר זוכט
נשמות צו דערקענען?

חיים דוד:

כ'וועל אַרויסגיין מיט אייך איינמאָל.
נאָר זאָגט נישט ווער איך בין. אַט גלאַט אַזוי אַ מענטש.

◈

דריי בחורים גייען אַ פרייטיק בייטאָג
אויף אַ שטילער אַלייע אין קיסר'ס סאָד.

ס׳האָט איינער געטראָפן אין שרייבערס קאָנטאָר
דעם פלעטער, וואָס פלעגט אַמאָל וועכטעווען נעכט
מיט ספריםביים לעמפּל אין ביידל ביים טייך,
און ס׳האָט אים דער פלעטער געבעטן בסוד
צונויפנעמען אַלע חברים. איצט זיינען זיי דאָ,
די אַלע, די דריי און זיי וואַרטן.

קומט אונטער דער פלעטער און קוקט זיך אַרום:
— דאָס זענט איר — איר אַלע? — מיר אַלע.
— און מער איז נישטאָ? — אפשר זיינען נאָך דאָ
אויך אַנדערע. רודניק, דער שרייבער, מוז וויסן.
נאָר יענע מסתמא באַהאַלטן זיך נאָך.
מיר זיינען די דריי וואָס לערנען זיך פריי.
— איז וואָס טוט איר אויף, אַלע דריי?

זאָגט איינער: — איך האָב שוין געלייענט סמאָלענסקין
און קען גאַנצע שטיקער פון פושקין.
מיר זאָגט שוין דער טאַטע קיין דעה נישט מער.
דער צווייטער זאָגט: — מיך האָט געלערנט
אין דאָרף נאָך די טאָכטער דער פריצ׳טעס.
דער דריטער זאָגט: — אַלע גימנאַזיע־לערער —
זיי טראָגן מיין טאַטנס שינעלן.
אַז איך׳ל זיין פאַרטיק, באַלייג איך עקזאַמען
אויף גאַנצע פיר קלאַסן צוזאַמען.

דער פלעטער הערט אויס די חברים, די דריי,
הערט אויס, שאָקלט צו מיטן קאָפּ.
זאָגט ווידער דער ערשטער: — איר האָט דאָך געזאָלט
פאַרטרויען אונז עפּעס אַ וויכטיקן סוד.
— אַ סוד? — פרעגט דער פלעטער — איך האָב ניט קיין סוד.
איך האָב זיך געוואָלט נאָר באַקענען מיט אייך.
איצט קען איך שוין אייך, אַלע דריי.

געפעלט נישט דעם דריטן: — צו וואָס האָט איר נאָך
געהייסן אין סאָד אַריין קומען?
— די לופט איז דאָ בעסער. ס׳איז ביימער און בלומען.
איר וויסט דאָך — איר לייענט דאָך שירים!
ער זעגנט זיך אָפּ און טראָגט זיך אַוועק.
די בחורים קוקן זיך איבער געפּלעפּטע,
און יענער, דער ערשטער, וואָס האָט זיי אומזיסט

געשלעפּט אַהער, בורטשעט: — מען האָט שוין פון לאַנג
געזאָגט, אַז עס פעלט אים אין קאָפּ אַ קלעפּקע.

## .14

זיבן טירן, זיבן ענטפערס.
נישט געוואוסט מיט וועמען ביסט אַרויס מלחמה פירן.
נישט מיט אים וואָס מיט די באַקנבערד און רויטער לענטע,
נישט מיט די כלי־קודש זיינע מיט די וואָנצעס און מאַנישקעס —
האָסט פאַרנומען זיך מלחמה פירן מיט אַ גרויסן אָפּגאָט,
וואָס זיין קיניגרייך איז עולם־הזה
און זיין נאָמען דער פאַרהייליקטער איז — תכלית.

קוק אים אָן, דעם מעכטיקן!
פון די פולע באַקן זיינע שפּריצט מיט וואוילטיק.
אויף די פינגער, די געפּאַשעטע — סיגנעטן.
אויף דער וועסט — אַ שווערע קייט אַ גאָלדענע.
רעדן רעדט ער נאָר דעם קיסר'ס לשון,
און די קעשענעס ביי אים געפּאַקטע, אָנגעפּוישטע.
וואָס איז דאָרט נישטאָ, אין זיינע ברייטע קעשענעס?
פּעק דיפּלאָמען — דאָקטערשע, אַפּטייקערשע און אַדוואָקאַטישע,
גאָלדענע קאָנטראַקטן פאַר פאַדראַטשיקעס,
ערשטע גילדעס, ערנבירגער־טיטלען,
שליסלען צו פאַרמעגנס, גרויסע הייזער,
זעט און וואוילטיק, כבוד, גדולה —
אַלץ איז אין די קעשענעס ביים גרויסן אָפּגאָט תכלית.

גייט ער אום איבער די הייזער, וואו מען רייסט זיך
צו זיין קיניגרייך פון עולם־הזה.
גייט צו די וואָס קריגן ששי אַלעמאָל און ווילן דריי מאָל
ששי פאַראַמאָל;
גייט צו די פאַרמאָרעטע, פאַר'חושכ'טע, פאַרשטויסענע;
קלייבט נישט איבער צווישן טירן באַלעבאַטישע, נגיד'ישע און טירן
פון טאַנדעטניקעס און שמאַטע־קלייבער;
גלייכט אויס אַלעמען,
און ווי ס'וואַרפט דער מלאך גראָשנס אויפן סדור
פאַר די גוטע חדר־ייִנגלעך,
וואַרפט ער קוויטלעך אָנגעשריבענע מיט גאָלדענעם טינט
אין די ראַנצעס מיט די ביכלעך:

לערנט, קינדערלעך, מיט חשק,
וועט איר ווערן גרויסע לייט,
אין קאַרעטן וועט איר פאָרן, באָדן זיך אין וואוילטיק,
איבער גאָמבעס וועט עס רינען און ס'וועט זיין
חי־געלעבט אין מיין שפּע'דיקן קיניגרייך פון עולם־הזה.

וואָס זשע מאַכסטו זיך צום גאַר,
פונקען־כאַפּערישער עולם־הבא'ניק?
אַז דו שלאָגסט די שוועלן אָפּ מיט פּלעטן,
זיינען עס דאָך שיינדלעך עולם־הזה וואָס פאַרנאַרן זיי,
זיינען דיינע קוויטלעך אויך די קוויטלעך פונם אָפּגאָט תכלית;
אָבער אַז דו גייסט אַנטקעגן אים מיט ריינער עולם־הבא,
דאַרפן זיי דאָך זיין צדיקים ממש,
אַז זיי זאָלן וועלן הערן דיינע רייד,
אַז זיי זאָלן דיך ביים קאַרק נישט אָננעמען.

## .15

— דו האָסט זיך אַ נדר געגעבן, מיין מאַן,
אַז כל־זמן אין שטוב איז קיין ברויט נישט פאַראַן
זאָלסטו צו מיר נישט גענענען.
איצט, דאַנקען גאָט, איז דאָ ברויט צו זאַט
און ס'לייב אויף מיר איז פון בענקשאַפט מאַט —
ווי לאַנג וועל איך אַזוי קענען? —
אַזוי זאָגן אירע אויגן.

און אירע ליפּן זאָגן:
— נעכטן ווען איך בין פון מקוה אַרויס,
ערשט עמעצער אומגערן טוט מיך אַ שטויס.
איך קוק זיך אום — ווער קען עס זיין?
אַ יינגעלע לויפט אין חדר אַריין. —
אַזוי זאָגן אירע ליפּן.

— עס בריט מיך אויך, מיין כשר ווייב,
די באַנטקייט פון דיין ליכטיק לייב
און קישנס הייסע ברענען,
נאָר אַז איך זע דיין ברוסט פאַרדאַרט,
געדענק איך: ערד איר רויב דערוואַרט —
ווי קען איך צו דיר גענענען? —
אַזוי זאָגן זיינע אויגן.

און זיינע ליפּן זאָגן:
— ערשט קוים דערפילט דעם טעם פון זעט,
און שטייסטו איבער דער באַליע גרעט,
זע איך ווי שווער סע קומט דיר אָן.
ס'איז צופיל אויך דאָס וואָס דו האָסט צו טאָן. —
אַזוי זאָגן זיינע ליפּן.

—ס'גיט בלויז אַ שטאָך אַמאָל אונטער דער ברוסט,
צי ס'נעמט אין האַלדז עפּעס ווערגן.
אַזוי — נישט קיין ווייטיק, חלילה, קיין הוסט.
הלוואי קיינמאָל נישט ערגער! —
לאָזט זי אַראָפּ די אויגן.

— די קאַמער דאָ איז ענג און קליין,
די יינגלעך ווערן גרעסער,
און אַז איך זיץ ביינאַכט אַליין,
קען איך דאָס ליכט אויף דער ערד נישט פאַרגעסן —
לאָזט ער אַראָפּ די אויגן.

— עס וואָלט מיר טאַקע געוואָרן גרינגער,
מיר זאָלן פאַר זיך אַ שטיבל דינגען,
כאָטש דלד על דלד — און זאָל מען נישט דאַרפן
אַליאַדע וואָס מיט מיין טעפּל זיך וואַרפן —
טוט זי אַ וויש די אויגן.

— כ'וועל גיין אין גאַס, וועל איך האָבן אין זינען.
אַמאָל אפשר קען מען עפּעס געפינען —
קערט ער אַוועק די אויגן.

## .16

וויסן וואַקסט און נייע קלאַרקייט ווישט די אַלטע אָפּ. נאָר ס'זיינען דאָ אַזעלכע קלאַרקייטן, וואָס זעען זיך מיט אויגן פון די דורות — — — —
אַזוי האָט ער גערעדט צו חיים דוד'ן. און איצט איז שבת, שבת נחמו. אָפּגעזאָגט די קינות אויפן חורבן, איז געקומען דעם נביא'ס טרייסט־וואָרט: — יאָ, ס'איז גראָז דאָס פאָלק. גראָז פאַרדאָרט און בלום פאַרוועלקט, נאָר אייביק וועט באַשטיין דאָס וואָרט פון אונזער גאָט. איצט פלעכטן זיך די צוויי, דעם נביא'ס וואָרט און זיינער, פלעכטן זיך און ווערן איינס.

ס'איז אַ סאָד הינטער דער נייער דירה און אַ דעמב אַ ברייטער.
דוואָשע, אַ צופרידענע האָט איינגעדרעמלט. ס'האָט דער מאַן
איר היינט געפּאָלגט, פאַרהערט די ייִנגלעך. איז זי מיטן טייטש־חומש
דאָ געקומען זיצן און די סדרה האָט איר צוגעקלעפּט די אויגן.
דעקט ער איר דאָס פּנים צו פאַר פליגן און קען קוקן אין זיין בוך,
נאָר די אייגענע רעיונות אַמפּערן זיך מיטן שרייבערס.

ס'פּלאָנטערט זיך אַ משל וועגן גאַנג פון אַלטער קלאָרקייט
צו אַ נייער. גייסט דורך מענטשן ווי דורך אַ געדיכטן וואַלד,
אַ טונקעלן, פאַרפּלאָנטערטן, און זייערע מעשים, ווי די צווייגן
מיט די קוסטעס, שמייסן דיר דאָס פּנים, פּענטען דיר די פיס.
און מיט אַמאָל אַן אָפּנקייט. אַ ישוב. ניט אין היינט,
נאָר אין די ווייטע ווייטן פון אַמאָל. פּאַלאַצן, גאַסן, מערק,
און מענטשן — מעשים, תאוות. קומסט אַריין און הערסט זיך צו —
ערשט ס'ריידן זיך די רייד פון דיינע אייגענע מחשבות,
און זעסט: ביסט שוין געווען אַמאָל און ווייסט פון דעמלט נאָך,
או זיי, די דעמלטיקע, זיינען ווידער דאָ און ווייסן ווידער נישט,
און דו און זיי, וואָס איר זענט איינס, דאַרפט ווידער זיך געפינען.

דוואָשע וועקט זיך, רייבט די אויגן, גייט און קומט צוריק
מיט דער בונקע טיי און גלעזער. טרינקט מען און דערנאָך זאָגט נח:
— ס'ווילט זיך אים אַביסל דורכגיין. טענה'ט זי: — די גאַנצע וואָך
ווייניק אָנגעגאַנגען זיך? זאָלן די פיס אויך וויסן פון אַ שבת...
אָבער ס'העלפט נישט. נח זאָגט: — אים ווילט זיך גיין אַביסל.

איז דער גאַנצער חשבון מיט „געווען" און „איז" דאָך אויסגעטראַכט.
נח איז געווען, און יענע — פון מצרים, פון יהודה, בבל,
פון יבנה, פּומפּדיתא און טאָלעדאָ, זיינען דאָ און אַלע בראָדזשען
אין זעלבן וואַלד און ברעכן זיך צו זעלבער זון. פאַרלירן זיך
דער פריער מיטן שפּעטער. צייט איז בלויז דער שפּאַן פון טראָט,
און שטח בלויז דער דויער פונעם שפּאַן — ס'איז ביידע איינס,
אַ פינטל אין דער אייביקייט, און אייביקייט האָט נישט קיין מאָס,
איז יעדער פינטל—גאַרע אייביקייט, און דו פון פינטל—דו ביסט אַלץ.

ער שפּאַנט מיט דער אַלייע לינדבוימער הינטערן שטאָט און שפּירט —
ער האָלט שוין ביים תחום שבת. האָט נישט עמעצער אַמאָל געזאָגט
די זעלבע ווערטער: — כ'שפּיר, מיר האַלטן ביים תחום שבת —
גיי צוריק?
אַוודאי האָט מען עס געזאָגט! און ער דערמאָנט זיך ווען און ווער.

◆

אַ שבת אויפן מאַרק פון טבריה. הויכע זון.
אין דרויסן פאַר די הייזער — פרויען, קינדער,
געציילטע מאַנצבילן. די אַנדערע זיינען אין שול.
דאָרט זאָגט אַצינד דער תנא ר׳ מאיר
זיין שבתדיקע דרשה. ס׳קומט פון ערגעץ אַן
אַן אַלטער רוימער אויף אַ פערד. גייט דורך
אַ ציטער דורכן מאַרק און עולם קוקט זיך איבער.
ס׳איז בלויז צוויי יאָר זינט ס׳האָט דער צורר אַדריאַנוס
די רשעות אויסגעהויכט און רוים האָט אויפגעהערט
צו קוילענען פאַר האַלטן שבת און פאַר לערנען תורה.
ס׳איז בלויז פינף יאָר זינט ביתר איז געפאַלן
און בערג הרוגים אין די רויכערדיקע חורבות
פון שטעט און דערפער האָבן אָפּגעצאָלט
פאַר דעם דערלייזערס קורצער הערשאַפט. עולם דאָ
איז האַלב אַן אַלט־געזעסענער, אַ גליל׳ער, און האַלב
אַן אַנגעלאָפענער פון דאָרט, וואו בראַנד און שווערד
האָט היים און בלוט פאַרטיליקט. קוקן אויגן
מיט האַס און מורא אויפן רייטער. און דער רייטער
גענענט צום שול, פאַרקוקט אין פענצטער, מאַכט
אַ קרייז אַרום און קערט זיך אום צוריק און ווידער.
וואָס וויל ער פון דער שול? און פלוצלינג
דערזעט מען ווי עס קומט אַרויס דער תנא,
ר׳ מאיר, גייט מיט דרך ארץ צו, פאַרנייגט זיך,
דער רייטער ענטפערט, נעמט דעם וועג פון שטאָט
צום ים כנרת און דער תנא גייט אים נאָך
ביים זייט. אַזוי פאַרשווינדן זיי. סע שפּאַרט פון שול
אַן עולם אַ צעברויזטער, האַלט אַרומגערינגלט
אַ בלייכן בחור און מע שרייט אויף אים:

טענות:

— צו וואָס האָסטו דעם תנא אָנגעזאָגט?
— דערזען פון פענצטער! . . . שפּיט מען אויס!
— ער האָט געמעגט ווי קרח איינגעזונקען ווערן
צוזאַמען מיטן פערד זיינעם — וואָלט איך געלאָפן
דעם תנא אָנזאָגן?
— האָסט דאָך געזען:
דער רשע איז געקומען רייצן זיך מיט אונז.

דער בחור:
איר לאָזט דאָך מיר נישט אויסריידן! לאָזט זאָגן!
(אויך יענע וואָס פון מאַרק דערנעענטערן זיך, הערן)

שטימען:
— קען זיין — ער ווייס עפּעס.
— וואָס ווייסטו?

דער בחור:
נישט איינמאָל אַ הלכה טייטשנדיק, האָט זיך ר׳ מאיר
אויף אים פאַררופן און האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט
דעם כבוד אָפּצוגעבן אים: מיין רבי אלישע.

שטימען:
— אַזוי? מיין רבי!
— איצט אַפילו אויך!

דער בחור:
און איינמאָל האָט מען אים געפרעגט: האָט נישט
אלישע אונזער פאָלק פאַרקויפט צום שונא?

שטימען:
האָט ער געענטפערט?

אַ צווייטער בחור:
דער הימל וועט אים משפט׳ן. און ביז דעם טאָג
פון הימל׳ס משפט איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ וועג צוריק.

ערשטער בחור:
און אַלע מיר, תלמידים, האָבן פונם תנא׳ס רייד
אַרויסגעהערט זיין בענקשאַפט צום פאַרפירטן רבי׳ן.

דריטער בחור:
ווי ער וואָלט אַלץ נאָך וואַרטן אויף אלישע׳ס תשובה טאָן.

ערשטער בחור:
האָב איך אַ קוק געטאָן פון פענצטער און דערזען:
אַן אַלטער רוימער אויף אַ פערד. האָט מיר דאָס האַרץ
געגנומען האַמערן. איך אויך בין פון יהודה.
מיין היים איז אויך אין חורבות. מיינע ברידער אויך
אין ביתר אומגעקומען. און אַז כ׳האָב דערזען

דעם אָפּגעגאָלטן פּרצוף און די טאָגע פונם רוימער,
האָט אויך ביי מיר דער חורבן אונזערער מיט קללות
געגומען ברענען אויף די ליפּן. נאָר אָט זע איך —
ער רייט פאַרביי און רייט צוריק און נאָכאַמאָל
און הערט נישט אויף אַריינצוקוקן אין בית־מדרש,
און איך דערפיל די אויגן זיינע: ער — אויף מיר
און איך — אויף אים. נישט רוימערס אויגן, האַרטע,
פאַרביסענע, נאָר אונזערע, מיט צער פאַרפלייצטע . . .
און איך דערפיל — ס'איז ער . . . ער איז געקומען
און בעט ביי מיר: גיי, זון מיינער, און זאָג
דעם רבי'ן דיינעם — איך בין דאָ . . . און כ'האָב געמוזט,
געמוזט אים פאָלגן . . . ווי דער רבי וואָלט געפאָלגט . . .

ש ט י מ ע ן:

— איצט קומט ער תשובה טאָן. ווער דאַרף אים איצט?
— וואָס פאַר אַ תשובה אויף אַ פערד אום שבת?
— ווי לאַנג מ'האָט אונז געשאָכטן ווי די לעמער,
האָט ער געלאָזט דעם תליון טאָן די אַרבעט.
— איצט אַז דער תליון האָט אַביסל נאָכגעלאָזט,
איז ער אַליין געקומען שפּייען אונז אין פּנים.
— איצט דאַרפן זיי אים מער נישט. איז ער דאָ צוריק.
— זאָל ער אין ירושלים גיין. דער חזיר אויפן טויער
וועט אים דאָס האַרץ דערקוויקן.
— מיתה בלויז פאַר אונז
וועט מיר געגענען צו דער וואַנט. אים וועט מען צולאָזן.
— ער האָט אַ חלק אין די געטשן אויפן הר־הבית.

ע ר ש ט ע ר ב ח ו ר:

איך בעט אייך, יידן, רעדט אַזוי נישט! רעדט נישט.
פון אונזער תנא'ס וועגן, פון ר' מאיר'ס וועגן, רעדט נישט.

אַ י י ד פ ו ן ש ו ל:

עס מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם. געשטאַנען
דער תנא און גע'דרשנ'ט אויפן ספר איוב.
איז דאָס געווען נישט איוב. אונז אַליין, דעם בראָך,
דעם חושך אונזערן האָט ער אַרויסגעטייטשט
פון איוב'ס רייד, ווי איינער קוקט אַריין אין חושך
פון טיפער גרוב און שעפּט פון דאָרטן קלאָרע וואַסער
פון טרייסטונג און בטחון. ווייסט דאָך אַלץ דער תנא.
ער זעט אויך אַלץ אין אחר'ן. און אַז ער האָט

די רייד ווי מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן און פֿאַרלאָזט
אָן עדה יידן נאָכצוגיין דעם חלול שבת — ווייס ער דאָך
מסתמא עפּעס, איז דאָך דאָ אַ מיין אין דעם.

שטימען:

— אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ דינער. יענער אויפֿן פֿערד
און ער ביים פֿוס־רינג.
— ס׳בלוט האָט אויפֿגעזאָטן.
— דאָס בלוט פֿון ר׳ עקיבא שרייט פֿון דר׳ערד אַרויס.
— דאָס האָט ער נאָר פֿאַר די תלמידים אים גערופֿן: רבי.
— ניש׳קשה — דאַרטן וועט ער אים ניט שאַנעווען.
— כ׳וואָלט וועלן הערן וואָס ער לייגט אַריין אין רשע.
— איך וואָלט נישט וועלן זיין אין אחר׳ס פֿעל.

ערשטער בחור:

גיין, יידן, ס׳וועט דער תנא גאָרנישט אויפֿוואַרפֿן,
ניט שטראָפֿן. ווי אַ תלמיד מיט אַ רבי׳ן וואָס איז קראַנק,
וועט ער מיט ליבשאַפֿט און בטחון קרעפֿטיקן דעם חולה
און זיין פֿאַרזינדיקטע נשמה לייטערן, ביז ס׳וועט
דער אָפּטריניקער ווידער אויפֿדעקן זיין בונד מיט אונדז
אין אונדזער תנא, אין זיין תלמיד, און זיי וועלן ביידע
צוריקקומען צו אונדז אין שלום און פֿאַרגעבונג.

◈

דער וועג הינטערן שטאָט ביים ים כנרת. ס׳רייט
אלישע אויפֿן פֿערד. ר׳ מאיר גייט אים נאָך.

אלישע:

כ׳שפּיר אין די טריט פֿון פֿערד — ס׳איז אַ תחום שבת.
דו דאַרפֿסט זיך אומקערן.

ר׳ מאיר:

דו, רבי, אויך.

אלישע:

פֿאַר מיר איז דער צוריקקער אָפּגעשניטן. ווילסט —
בלייב דאָ מיט מיר אַ וויל.
(ער קריכט אַראָפּ,
פֿאַרוואַרפֿט די לייצעס אויפֿן זאָטל, גלעט דאָס פֿערד.
עס בלייבט ווי איינגעגראָבן שטיין. מע זעצט זיך).

דו טראַכטסט: דער רשע רעדט פון מיר. וואָס צי איך
פון דיר די פסוקים און וואָס רייץ איך זיך מיט דיר:
עקיבא וואָלט אַזוי געטייטשט . . . ווי קום איך גאָר
זיין נאָמען ברענגען אויף די ליפּן, איך, דער אַפּטריניקער,
און ער, דער קדוש . . . טראַכטסט — די רשעות האָט אלישע'ן
אַזוי צעפרעסן, אַז אפילו דער נשמה פון דיין רבי'ן,
וואָס איז אין קדושה אויפגעגאַנגען צו איר שורש,
טוט ער נאָך אַלץ די קנאה נאָכטראָגן און וויל
באַווייזן, אַז זיין תורה איז פאַר אים געלעגן אויבן אויף.

ר' מאיר:
נישט איך דאַרף זיין אַ שופט צווישן די רביים מיינע.

אלישע:
אַזוי האָט זיך די איינריידעניש אָנגענומען:
אלישע פון די ליינען־וויקלעך פאַרגינט דעם פאַסטוך נישט
די גדולה . . . טפשות . . . קיינמאָל נישט געווען אין מיר
קיין גלוסט צום אויבן־אָן, צו הערשאַפט. כ'האָב געדורשט
נאָך אמת בלויז. און וואָס כ'האָב נישט פאַרטראָגן
אין רבי'ן דיינעם, אין עקיבא'ן, איז נישט אָפּשטאַם
פון פאַסטעך, נאָר דעם פאַסטעכס אומטראָגן דעם גורל
פון פאָלק אין זיינע הענט, ווי ער וואָלט אַלץ געפּאַשעט נאָך
אַ סטאַדע . . . גוטער פאַסטעך, טרייער פאַסטעך, אָבער —
דעם שטעקן נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט און פויסטן
ווי האַמערס לייגן זיך אויף אַלץ. אַזוי געבויט
די תורה מיט די בערג פון פּשט אויף יעדן אות —
אַ פעסטונג אָן אַרומגערינגלטע מיט שווערע מויערן
און טורימער; אַזוי אויך מיט דער פויסט דערנאָך
געבויט דעם בונד מיט אים, מיט בר-כוזיבא'ן.
מ'איז זיך צונויפגעקומען אין בית־רמון־טאָל — חכמים
און זקנים, און דעם אויפשטאַנד נישט געוואָלט.
נישט ר' יהושע בן חנניה, נישט די אַנדערע. ער — יאָ.
און זיינס געטאָן. דער קריגסמאַן, דער געבוירענער,
וואָס איז געוואָרן תנא, האָט געגלויבט אין כוח
פון פויסט, און בר־כוזיבא, דער סאָלדאַט,
האָט מיט זיין ברכה אָנגעטאָן משיח'ס קרוין. און אויב
עס זיינען שולדיקע געווען אין חורבן און דער פּלאָג
פון נאָכן חורבן — איז דער ערשטער שולדיקער דיין רבי.
מען קען מיט טויט פון קדוש אויסקויפן פאַר זיך אַליין
דעם בראָך פון אַ פאַרלאָרענער מלחמה. נאָר די שולד
פאַר אָנצינדן מלחמה, שולד פאַר בלוט און חורבן,
וועט אויך דער טויט פון קדוש נישט אַראָפּוואַשן.

ר׳ מאיר:

דער בית־דין אויבן וועגט און מעסט די מעשים
פון יעדן איינעם. און אויב ס׳וועט געפונען ווערן דאָרט
אַ שולד אויף ר׳ עקיבאַ׳ן, וועלן טויזנטער פון די
וואָס האָבן מיט זיין וואָרט דאָס לעבן אָפּגעגעבן
פאַר גאולה, קומען טיילן אויך די שטראָף מיט אים.

אלישע:

ס׳איז נישט געווען קיין גאולה! . . . וועג צו גאולה
איז ביי די נביאים, ביי די סופרים, די חכמים.
צו גאולה האָט געפירט דער אַלטער יוחנן בן זכאי.
זיך אויסטאָן פון מלוכה, מאַכט, כלי־זין, חייל.
זאָל אויפברעכן דער שונא אַלע טויערן און מויערן,
צעשליידערן די שטיינער, אָפּווישן דעם לעצטן סימן
פון הערשאַפט ערדישער — און אויס. מיר — פאָלק
פון תורה, דאַרפן עס נישט. גאָט איז אונזער פעסטונג,
און תורה איז די מאַכט, די הערשאַפט אונזערע.

ר׳ מאיר:

און אַז די הערשער האָבן זיך מיט שוואַרצע גזירות
פאַרנומען פון גאָט׳ס פאָלק אַרויסצורייסן גאָט,
אַז בלייבן זאָל פאַר זיי בלויז קנעכטיש לייב —
וואָס האָט געהאָלפן די דערלייזונג פון מלוכה?
האָט זיך דאָס פאָלק אונטער די שופטים נישט געווערט
אַנטקעגן שונאים? האָט נישט שמואל אויפגעשטעלט
אַ מלך מיט אַ שווערד צו שיצן זיך קעגן באַדריקער?
און איז בר־כוכבא מער געווען פאַר ר׳ עקיבאַ׳ן
ווי שאול אין זיין צייט פאַר שמואל׳ן?

אלישע:

עס איז געווען די בלינדקייט פון אַ צדקיהו
וואָס האָט זיך מיט נבוכדנצר׳ן פאַרמאָסטן.
ווען ס׳וואָלט געפירט מיט אים נישט פויסט,
נאָר גלויבן און הכנעה, וואָלט ער ווי די אַנדערע
געזען, אַז די ממשלה פון אַ טיטוס און טראַיאַנוס
איז נישט אויף אייביק. ס׳קומט אַן אַדריאַנוס,
און גזירות ווערן אָפּגעשאַפט און ווידער קען מען
מיט גאָט און תורה לעבן. ווער האָט אָנגעצונדן
דאָס פייער? ווער האָט פון אַ מילדן הערשער אויסגעבריט
אַ בלוט־פאַר׳שכור׳טן טיראַן, אַ חיה־רעה?

ר׳ מאיר:

נישט מיר, נישט ר׳עקיבא! . . . אונטער יאָך פון שונא,
פאַרלאָכט פון לייקענער און קראַנק פון אונטערגראָבער,
האָט פאָלק געדורשט נאָך אָנשפאַר — נישט אויף מאַכט
פון חיל און כלי־זין, נאָר אויף רום פון גאָט. זאָל רוים
די לעגיאָנען האַלטן, הערשן, שאַלטן. נאָר זאָל ווידער
פון הר־הבית הערן זיך געזאַנג פון די לויים
און דורכן לעבעדיקן בית־המקדש זאָל דאָס פאָלק
אַליין זיין לעבן פילן און זיך קרעפטיקן אַנטקעגן שונאים.
און אַדריאַנוס האָט דערפון געמאַכט אַ חוזק. צוגעזאָגט
און אָפּגענאַרט. נישט אויפן הר־הבית — ערגעץ אַנדערש
האָט ער געהייסן אויפשטעלן אַ נייעם בית־המקדש.
און פאָלק, וואָס האָט הכנעה׳דיק געשלונגען שפּאָט
פון זיך אַליין, האָט אונטער חוזק פון זיין הייליקטום
זיך בויגן פאַרן שונא נישט געקענט. אַזאַ הכנעה
האָט ר׳ עקיבא נישט געטאָרט זיי לערנען.

אלישע:

צו וואָס מיר אייערע פּילע שעכטונגען, זאָגט גאָט.
בין זאַט שוין פון געבערענטע ווידערס און דעם פעטס
פון די געשטאָפּטע, און דאָס בלוט פון אָקס און שאָף
און באָק פאַרלאַנג איך נישט . . . אַזוי האָט נאָך גערעדט
ישעיה . . . און דאָ אַלץ — דער בית־המקדש . . . היכל, דביר,
וואו בורא עולם, ערשטע סיבה, זין פון אַלץ און ציל
פון אַלע לייטערונגען, איז געפּאַנגען אין אַן אָרון,
פאַרשלאָסן צווישן גאָלד־געדעקטע ווענט, ווערט מיטן רויך
פון בלוט און פעטס געלייטזעליקט, און נאָר איינמאָל אַ יאָר
מעג צום געפּאַנגענעם אַריינקומען דער העכסטער וועכטער,
דער כהן גדול . . . און מיט וויפיל בלוט און שאַנד
אויף זיינע הענט ער קומט עס אָפּט אַריין אין דביר,
דער כהן גדול . . . ווען עס וואָלט די ריינע גאולה
די מוחות אייך באַלויכטן, וואָלט דער תשעה־באב
אַ יום־טוב ווערן, פריידיקער ווי פסח און שבועות.
אין ניינטן טאָג פון אָב האָט זיך דער בורא־עולם
דערלייזט פון תפיסה, פון די וועכטער זיינע, די כהנים,
פון דער עבודה־זרה פון קרבנות, און אַרויס צום פאָלק
אַ נאָנטער און אַן אייביקער. נישטאָ מער קיין געצאָלט
פאַר צוקומען צו אים, קיין אונטערקויף, קיין האַנדל
אין נאָמען זיינעם — פריי איז ער און אַלעמענס
און אומעטום . . . דעם ניינטן טאָג אין אָב האָט פאָלק
באַפרייט זיך פון מלוכה, קעניגן און קעניגלעך,

פרינצעסינס — קעפּסוויבער ביי פרעמדע הערשער,
און פרינצן — אונטערטראָגער פון די שווערדן זייערע.
ס'איז פריי געוואָרן, פריי אויף אַלעמאָל . . . און כ'זע
אַ תשעה־באָב . . . עס ציט זיך פאָלק פון אומעטום
צום באַרג, וואו ס'איז אַמאָל דער דביר געשטאַנען,
און פריידיק, שירה'דיק גייט אויף אַ יום־טוב
פון דעם, וואָס מ'האָט אַמאָל געמיינט — ס'איז חורבן,
און ס'איז געווען גאָר אויסלייזונג — באַהעפטונג
פון מענטש־נשמה מיט זיין שורש, מיט דער אייביקייט.

ר' מאיר:
ווי ווייט דו ביסט אַוועק פון אונז! . . . ווי פרעמד
ס'איז דיר די לעכצונג פון געפלאָגטע און געשענדעטע
צו ברענגען זייער ווי אין היכל פון גערעכטן שופט,
צו קענען זען דעם זין פון זייער שווערן עונש
און קענען האָפן אויפן שכר . . . ווי פרעמד ס'איז דיר
געוואָרן אונזער הויז, דאָס הויז פון תורת־משה,
וואו יעדער קאַמער, קעמערל און שטיין אין וואַנט
איז שוץ און זין און נאָנטקייט פון באַשעפער.

אלישע:
יאָ, איך בין ווייט . . . איך וועל זיך מער נישט אומקערן
צום גאָט, וואָס טיילט אייך שכר און עונש, דעם
פון וועמענס כבוד וועגן איר טוט אַלץ נאָך טייטשן
און איינשטעלן די דינים וועגן חטאת, עולה, תמים . . .
יאָ, איך בין ווייט . . . און צוקומען צו מיינעם קען איך נישט.
איך קען מיט יענעם תהלים־זינגער גלויביק זינגען:
לויב גאָט, מיין זעל, און אַלע מיינע איינגעווייד זיין נאָמען —
נאָר פון הלכות בויען טרעפּ צום היכל זיינעם
און אין די קאַמערן פון היכל זיך פאַרהיימישן ווי איר —
דאָס קען איך נישט. ער וואוינט נישט דאָרט, מיין גאָט.
נאָר וואו ער זאָל נישט וואוינען, ווייס איך: עס איז דאָ
אַ וועג צו אים, און ס'איז דער וועג אין אונז — אין מיר,
אין דיר, אין אונזער בלוט — ס'איז אונזער וועג.
אויך זיי האָבן אַ וועג. ביי אונז איז וועג צו גאָט —
דער איינציקער. מיר האָבן נישט קיין אַנדערן.
אויף דעם זיינען מיר אויסגעוויילט און אויסגעטיילט . . .
ביי זיי — אַ סטעשקע בלויז, אַ שמאָלע און אַ זייטיקע.
דער ברייטער טראַקט ביי זיי איז — מאַכט,
געוועלטיקונג, באַצווינגונג פון דער ערד, מלחמה.
דער ברייטער טראַקט ביי זיי איז בלוט, דאָס בלוט

וואָס ברויזט אין אָדערן מיט דורשט, און ס׳בלוט
וואָס פליסט פון דעם באַצוואונגענעם צו זעטיקן
די דורשט פון מאַכטהאָבער. נאָר אונזער וועג
און זייער שמאָלע סטעשקע ציען זיך צו איינס —
צו אייביקייט — און ווען זיי טרעפן זיך און ס׳פאַלט
אויף בײדע גלייך די זעלבע זון, דערקענען זיך
די גייער, מיר און זיי. און דאָ, בלויז דאָ, אין גאַנג
צום סוד פון וועלט קען זיין פאַרמעסט און אויסגלייך.
און דאָס האָט ער, דער רבי דיינער, נישט באַנומען.
דעם פאַסטעך האָט געצויגן צו אַן אַנדער פאַסטעך,
וואָס איז צו גאָט דורך בלוט געגאַנגען — דוד.
זאָל זיין — פון גאָט׳ס וועגן דאָס בלוט. זאָל זיין —
דער שווערד איז בלויז געווען אַ סטעשקע אויף אַ ווייל.
נאָר פון דער סטעשקע וועגן האָט ער אויפן שטערן,
דעם קופּערנעם, פון אַ סאָלדאַט אַרויפגעזעצט משיח׳ס קרוין,
און פאַרן וועלן איבערשפּילן נאָכאַמאָל די דוד־שפּיל
אַנטקעגן רוימישן גלית האָבן מיר באַצאָלט.

ר׳ מאיר:
מיר — מיינט אויך דיך?

אלישע:
מיר — מיינט אויך מיך.

ר׳ מאיר:
אויף דעם האָב איך געבעטן. וויל נישט פון מיר, רבי,
איך זאָל זיך שטעלן צווישן דיר און ר׳ עקיבא׳ן.
איך בין אַ תלמיד. זיינער אין באַפעסטיקן די תורה
און דיינער — אין דער גרייטקייט צו באַגעגענען די אַנדערע
וואו אונזער וועג און זייער סטעשקע טרעפן זיך.
ווען ער און די חברים זיינע האָבן אויסגעריכט זיך
דעם טויט אַנטקעגן, האָט מען אונז, די ייִנגערע, באַפוילן
צו לויפן זיך באַהאַלטן ביז דער צאָרן וועט אַריבער.
איך האָב געפאָלגט, און אין באַהעלטעניש געפּייניקט
דאָס לייב וואָס בלייבט נישט אָנגערירט און גאַנץ
ווען לייבער פון רביים מיינע בלוטיקן און ברענען.
און דעמלט, אַז איך האָב געהערט דיין נאָמען
אין קללות איינגעטונקט און נישט געוואוסט מיט וואָס
אים אויסצולייזן, פלעג איך תפילה טאָן: זאָל אויספאַלן
אַ גזר, אַז וואו ער איז נישט, זאָל דער חורבן אונזערער
פאַרפּייניקן די טעג פון רבי׳ן מיינעם, פון אלישע׳ן,

און זאָל די פּיין דערהאַלטן גאַנץ דעם בונד
פון אים צו אונזער בלוט . . . זיי מיר דאָס מוחל, רבי!

אלישע:
האָסט גוט געבעטן, מאיר! ס'האָט די פּיין געברענט
און בונד איז ברייאיק. אָבער נאָר אין מיר.
מיט אייך דעם בונד האָב איך פאַרזינדיקט,
און פאַר דער זינד באַצאָלט: איך לעב נישט מער.
ווען איינער גייט אַרום אַ היימישער אין די היכלות
פון גאָט זיינעם, מעג ער אַוועק אַליין אין מדבר
צו שלעק און חיות־רעות — ער איז אינדערהיים.
ווען איינער אָבער האָט נישט מער ווי שפּירונג
פון העלן גאַנג צו זון־פאַרהוילענע היכלות —
מוז ער זיין היים געפינען אין דער געטלעכקייט,
וואָס ווערט אַנטפּלעקט אין ברידער, פאָלק. און איך,
וואָס האָב פון בית־המקדש־גאָט זיך אָפּגעשיידט,
האָב אויך געשטעלט זיך קעגן בית־המקדש־פאָלק
און בין געבליבן — שונא. ס'האָבן אַנדערע געמעגט
עקיבא'ן וואָרענען און זיין געזאַלבטן ווידערשפּעניקן
און דאָך אין פאָלק בלייבן. זיי זיינען אייגענע געווען.
נישט איך. ווייל איך האָב הערשערס ווייַן געטרונקען.
ווייל איך האָב ביי די שונאים אויך דעם שטעג דערקענט
צום סוד פון וועלט. ווייל איך האָב געוואָלט שלום.
נישט אונטערטעניקן מיט זייער שווערד, נאָר גלייכן
מיט דער מחשבה זייערער. ווייל איך האָב אין סאָלדאַט,
וואָס האָט מיט אַקסיש בלוט און דוד'ס קרוין
אייך אַנגעצונדן, אויך געזען עבודה־זרה,
און ס'איז ביי מיר די פּלאָג פון ד ע ר עבודה־זרה
געווען פאַרהאַסטער ווי די פּלאָג פון שונא'ס יאָך.
האָב איך געדאַרפט מיטן פאַרהאַסטן זיין. און ווייסנדיק
ווי ליגנעריש עס איז די אויסגעדאַכטע גאולה
זיך לאָזן פאַר דער ליגנערישער אומברענגען. וואָלט שונא
געוואוסט וועד כ'בין און פאָלק וואָלט עס געוואוסט.
און נאָך מיין טויט, דעם גופ'ישן, וואָלט עמעצער
דערמאָנט זיך, אַז אלישע, דער געפאַלענער מיט אונדז,
איז קעגן אונדז געווען, און וואָלט פאַרטראַכט זיך:
וואָס איז געווען אלישע'ס גאולה?... היינט אָבער
האָב איך געדעכטע רייד, נאָר איך אַליין בין טויט.
ס'איז מער נישטאָ ווי אַלטער גוף, אַ מומיע,
וואָס צאַפּלט זיך אין שאָטנס פון אַמאָליק לעבן.
זי וויל נאָך אַנטאַפּן אַמאָל דאָס לעבן. טוט זיך אָן

אין פרעמדער טאָגע, רייט אַריין אום שבת צווישן אייך
אַרויסצורופן האַס און קללות — זאָל די בייטש
דעם גוף דערמאָנען, אַז עס טוט אים וויי. נאָר איך
בין טויט. און נאָר דער גאָט, ביי וועמען טויט און לעבן
און ראַנגלעניש פאַר אַלע מינים גאולה'ס זיינען טריט
צו אים — ער זעט מיך. וואָרט איך אונטער זיינע אויגן
ביז פון דער מומיע אויך וועט ווערן אַש, ביז מיין באַגער
צו אים וועט זיך צונויפגיסן מיט אים אַליין
און איך וועל אין נישט־ווערן ווערן — ער.

ר' מאיר'ס אויגן ווערן פול.

**אלישע:**
הלכה לערנט מען אָן טרערן. וואָס דו האָסט געלערנט
פון מיר אַצינד איז אויך הלכה. אַלע אָפּקערן,
פאַרלייקענונגען, אַלע ריסן מיטן גאָט פון אבות
אין גאַנג צום אייביקן, ווערן פאַרגעבן. נאָר דער ריס
מיט אייגן בלוט, אפילו ווען ס'איז אומגערעכט,
ווערט קיינמאָל נישט פאַרגעבן. פון דיין פאָלק
פאַרשטיינט ווערן — איז לעבן. פון די שונאים זיינע
דערהויכט ווערן — איז טויט. דאָס זאָגט אלישע־אחר
צו זיינע נאָכגייער פון אַלע קומענדיקע דורות.

**ר' מאיר:**
אויף דעם האָב איך געוויינט. אויף אַלע קריגן,
וואָס וועלן נאָך געקריגט ווערן, דעם בלוט
וואָס וועט פאַרגאָסן ווערן, און די גאָט־באַגערער
וואָס אייגענע וועלן פאַרשטיינען, ביז דער סוד
פון וועלט וועט זיך אַנטפּלעקן גלייך צו אַלעמען.
אויף דעם האָב איך געוויינט. איצט קום צוריק.

**אלישע:**
צו וואָס?

**ר' מאיר:**
איך וויל, זיי זאָלן זען דיין פנים.
האָסט דאָך נישט מורא מער פאַר זייערע קללות.
און אויב עס דאַרף אין דור, אין טויזנטסטן,
דער אמת דיינער אויפגיין, זאָל דיין פנים
אין זייער בלוט פון דור צו דור זיך טראָגן
ביז די וואָס וועלן דיך דערמאָנען מיט אַ ברכה.

מען הייבט זיך אויף. אלישע נעמט דאָס פערד
ביים ציימל, שפּאַנט. עס גייט אים נאָך.

◈

דער מאַרק. דער עולם קלייזלט זיך, אַן אויסקוקער
זאָגט אָן: זיי קומען! שטעלט זיך אויס אַ וואַנט,
און צו דער וואַנט גענענען זיי. אלישע׳ס פּנים דריגעט.
ס׳איז נישט קיין רייטער מער — אַ ציטערדיקער זקן טרעט
אויף שטייפע פיס. דער עולם זעט עס, שפּירט אים נאָך.
ער שטעלט זיך אָפּ. די אויגן בלאָנדזשען איבערן עולם.
אָט דאַכט זיך — באַלד וועלן די ליפּן זיך צעשפּילן
אין גוטן שמייכל, זאָגן עפּעס זייער ברידערלעכס,
נאָר הינטער אים דאָס פערד — דער לעבעדיקער עדות
פון אָפּטריניקייט — האַלט דעם עולם ביטער־בייז,
און אומרואיקע אָטעמס אים אַנטקעגן ווישן אָפּ
דעם אויסגעדאַכטן שמייכל. ער ווערט ווידער שטייף.
דערזעט אַ ייִנגל, גייט ער צו און פרעגט:

אלישע:
וואָס פאַר אַ פּסוק האָסטו היינט געלערנט, ייִנגעלע?

דאָס ייִנגל:
נישטאָ קיין שלום — זאָגט גאָט — פאַר די רשעים.

אלישע (ציטערט אויף און שטייפט זיך. צו אַ צווייטן):
און דו, מיין קינד?

ס׳צווייטע ייִנגל:
ווייל וויפיל זאָלסט ניט וואַשן זיך מיט לויג
און מערן זייף אויף זיך — וועט אַלץ דיין זינד
געפלעקט בלייבן פאַר מיר — זאָגט גאָט.

אלישע (צו אַ דריטן):
און דו?

ס׳דריטע ייִנגל:
וואָס טויג דיין פּוצן זיך אין פּורפּור, צירן זיך
אין גאָלד און אויפרייסן די אויגן מיט קאָלירן?
אומזיסט מאַכסטו זיך שיין. די ליבהאָבער
פאַראַכטן דיך און זוכן בלויז דיין לעבן.

א ל י ש ע (ציטערט, רעדט ווי אָפּצונאָרן זיך אַליין).
ס'איז גוט, ס'איז זייער גוט... אַ פֿעסטונג, וואָס באַשיצט זיך
דאַרף האָבן אַרסענאַלן גרייט מיט כל'ערליי כלי־זיין —
מיט פֿיילן, שטיינער, סמאָלע זודיקע. איז תורה אויך
דער אַרסענאַל. פֿאַר פֿאָלק אין קריג — אי פֿעסטונג,
אי פּולער אַרסענאַל. ס'איז זייער, זייער גוט...
(און מיט אַמאָל ווי סיוואָלט אים עפּעס אויפֿלויכטן
צעשפּילט זיך גוטסקייט אויף די ליפּן, און מיט ליבשאַפֿט)
פֿאַרוואָס זאָלן בלויז קינדער טאָן מיט פּסוקים
וואָס טאַטעס ווילן טאָן מיט שטיינער? ווילט איר דאָך
און דאַרפֿט פֿון צאָרן זיך באַפֿרייען. בין איך דאָ.
און אויב איר'ט מורא פֿאַר דער פֿרעמדער טאָגע,
איז אָט (ער וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך די טאָגע),
און איך בין אייערער. איצט קענט איר מיך פֿאַרשטיינען.
און אויב עס גייט אין שבת — בינדט מיך איצט
און מאָרגן וועט איר איבער מיר מקיים פּסק זיין. טוט עס —
און שטילט דעם צאָרן איין. איר מעגט. איר דאַרפֿט.

ש ט י מ ע ן (צעצאָרנטע):
— אויף חוזק האָסטו נישט געדאַרפֿט צוריקקומען.
— מיט וועמען האָסט געלעבט — ביי יענע זוך דעם טויט.
— מע זאָגט — ווילסטו תשובה טאָן. טו תשובה.
— דער תנא קען זיך אויף די חכמות דיינע.
מיר זיינען פּראָסטע יידן, רעד אָן חכמות!

א ל י ש ע:
ניין, בלוט מיינס!... כ'וואָלט געזאָגט אייך: ברידער —
וועט איר דאָס וואָרט פֿון מיר נישט אָננעמען.
נאָר ס'בלוט אין מיר איז אייערס. זאָג איך אייך:
איך מאַך קיין חוזק נישט. נאָך זידט דאָס בלוט
פֿון די הרוגים און ס'וועט זידן דורות־לאַנג.
דורך דורות וועט איר ווייטער פֿירן די מלחמה,
די נישט־געוואונענע — נישט קעגן שונא דרויסן,
נאָר קעגן שונא אינווייניק. ס'איז אייער שוץ און רעכט.
און אָט בין איך, וואָס האָט פֿון שונא'ס הויז געזען
די גבורה און די גסיסה אייערע און אייך געפֿעלשט.
און ס'שטייט: זאָלסט אויסראָטן דאָס שלעכטס פֿון זיך.
וועט איר גערעכט ווערן פֿאַר גאָט, פֿאַר זיך, פֿאַר מיר,
אויב איר וועט פֿאָלגן אייער האַרץ. זאָג דו זיי, מאיר!
זאָג דו זיי, אַז זיי מעגן, אַז זיי דאַרפֿן.

ר׳ מאיר:

זיי דאַרפן נישט. דערמיט האָסטו געוואונען.
מיר וועלן מער נישט פירן קיין מלחמות מיט כלי־זיין
פון שטיין און אייזן. וואָס ביי קינדער אין די מיילער
וועט זיין דער שוץ און וואָפן.

אלישע:

האָב איך נאָך אַמאָל
פאַרשפילט. געמיינט מיט איינס עקיבאָ׳ן איבערקליגן.
ער האָט צו פרעמדע אָפּגעגעבן ס׳לייב, וועל איך
צו אייגענע עס אָפּגעבן און אומקומען פון אייגן בלוט...
אויך דאָ פאַרשפּעטיקט... זיך געדאַרפט באַצייטנס,
ווי ר׳ אלעזר המודעי, ברענגען צום סאָלדאַט...

אַ פרוי (צעשרייט זיך):

זאָל אָפּדאַרן די צונג, וואָס שעלט דעם גואל!
זאָל דיך אין קבר נאָכיאָגן דאָס בלוט פון מיינע זין,
פון אַלע קדושים אונדזערע!... זיי וועלן אַלע רוען
אין ליכטיקן גן־עדן, און ביי דיר די ביינער וועלן פוילן
און ס׳וועט דיין שאַנד אויך פון דער ערד אַרויסשטינקען — —

ערשטער בחור (צו ר׳ מאיר׳ן):

באַפעל איר, רבי, זאָל זי אויפהערן!

אלישע:

ס׳איז גוט אַזוי! רעד ווייטער, טאָכטער, רעד!

די פרוי (צעכליפּעט זיך).

אלישע (צו ר׳ מאיר׳ן):

אָט האָב איך דיר געפאָלגט. געקומען און געהערט.
איצט מעג איך גיין שוין. (בייגט זיך איין, הייבט אויף
די טאָגע, טוט זי אָן, נעמט אָן דעם זאָטל זיך אַרויפצוזעצן).

דער בחור:

מיין רבי׳ס רבי! גיי נישט! לאָז אונדז נישט אַזוי!

אלישע:

וואָס נאָך ווילסטו, מיין זון?

דער בחור:

פאַרלאָז אונדז נישט ווען ס׳קלינגט דיר נאָך
די קללה אין דער לופט. לאָז הערן עפּעס! זאָג עפּעס!

אלישע:

נישט מיך — עס וועט אונדז אַלעמען די קללה נאָכגיין.
עס שעלט דאָס בלוט, וואָס האָט געמיינט — עס קאָן
פאַרמעסטן זיך מיט אַנדערע אין כוח און געגנאַרט זיך.
און קאָנען וועט עס קיינאָל נישט. נישט אונדזער בלוט.
מיט גאָט האָט יעקב זיך געראַנגלט און אים בייגעקומען.
דערויף איז ער דערוויילט — אויף גאָט־געראַנגל,
אויף דיכן אויסגעלונקענע, אויף קריג און שלום מיטן בורא.
נאָר מיט זיין ברודער אדום נישט פאַרמאָסטן זיך.
פאַר אים געקניט, מיט אָקסן, בעק און שעפּסן
פאַרגיטיקט פאַר דער אויסגענאַרטער בכורה,
ער זאָל אים לאָזן גיין זיין וועג. און יעקב׳ס קינדער
פאַרגעסן וואָס דער פאָטער האָט געלערנט. ס׳בלוט,
דאָס בלוט וואָס נערט זיך פון דער ערד, וואָס גאַרט
דערפילונג, זעט, געוועלטיקונג, וואָס איז מקנא
די שטאַרקע פויסט פון אדום׳ס זין; דאָס בלוט
וויל אויך דעם גאָט־געראַנגל יעקב׳ס אָנלאָדן
מיט שווערד און שפּיז, און עס פאַרבלענדט, פאַרפירט
און צאָלט פאַר דער פאַרבלענדעניש און יאָמערט
און שעלט און האָט חרטה און איז מאָרגן ווידער גרייט
צו לאָזן זיך פאַרבלענדן פון דער קנאה און פאַרמעסט.
און ווידער וועלן אויפקומען סאָלדאָטן, בר־כוזיבא׳ס,
וואָס וועלן הייסן האַקן פינגער אויסצוגלייכן זיך
מיט אדום׳ען אין גבורה; ווידער וועלן אויפקומען
צעצונדענע פאַרטייטשער פון גאָטס וואָרט, וואָס וועלן
אַריינטייטשן דעם בורא׳ס ווילן אין דער שכרות
פון אייגן בלוט און אויפן שטערן פון סאָלדאָט
אַרויפזעצן משיח׳ס קרוין; ס׳וועט ווידער זיין געצאָלט
מיט בלוט פון דורות פאַר דער קנאה — — —

דער בחור:

ביז ווי לאַנג?

אלישע:

אויף דעם וועט דיר דיין רבי ענטפערן. ער ווייס.
איצט זיי געזונט, מיין זון. און שלום צו דיר, מאיר.

ר׳ מאיר:

צו דיר אויך שלום, רבי!

אלישע (באַשטייגט דאָס פערד, רייט אָפּ).

ר׳ מאיר (צום עולם):
מע דאַרף גיין מנחה דאַוונען.

◈

מע דאַרף גיין מנחה דאַוונען... אויף און אָפּ צווישען די לינדביימער שפּאַצירן יונגע לייט. אין זייערע וויכוחים אַמפּערן זיך שפּליטערס פון די גלגולים פון ר׳ יוחנן בן זכאי, ר׳ עקיבא און אלישע, און בלוט פון יעקב׳ן, דעם גאָט־ראַנגלער, וואָס ראַנגלט זיך מיט ערד און גלוסט צו אדום׳ס מאַכט... מע וואָלט געדאַרפט זיי מיטנעמען קיין טבריה אין בית־מדרש, וועלן זיי נאָך מנחה זיך צוהערן צו זיי... און אין קצב׳ישן בית־מדרש דאָ די יינגלעך וואַרטן, קוקן אויס דעם טאַטן. באַלד וועט מען אויך דאָ זיך שטעלן מנחה דאַוונען. וועט ער ווען עס איז דערציילן קענען די זין, די אייגענע, אַז ער האָט איינמאָל שבת נחמו געדאַוונט מנחה מיט ר׳ מאיר׳ן אין טבריה?... זון פאַרגייט. אויב נישט צו מנחה, דאַרף מען אָניאָגן דעם מעריב דאָ.

## 17.

אין צדיק׳ס הויז האָט גאָט אַ שטילע דירה.
נאָר וויל ער זען ווי ס׳האַלט מיט זיין יצירה
און וואָס עס מאַטערט זיינע קינדער —
גייט ער נאָך דעם זינדער.

◈

פאַר׳ן זינדער׳ס טריט — צעפּראַלטע תהום׳ען.
איבער זינדער׳ס קאָפּ — צעקנאַלטע בליצן.
בליצן קריצן אויס אין רוים גאָט׳ס נאָמען.
תהום׳ען זיינע טיפע סודות שיצן.

◈

אויב זינד איז דיר באַשערט — און ווען נישט? —
טו תפילה, אַז נישט קויטיקע חטאים זאָלן
דיין לייב מיט קרעץ באַמאָלן,
נאָר צווישן בלאָער הויך און שוואַרצער טיפעניש
זאָל דיין נשמה ברעכן זיך אויף שטיקער,
און יעדער בראָך

זאָל אויפדעקן דעם תוך
פון די צעבראָכענע שטיקער.

◈

אויב דיינע אויגן זיינען שאַרף
און קענען זען די פונקען פון נשמה־שפּליטער,
וועט אויך אין חושך לויכטן דיר דער הימל.
נאָר אויב דו דאַרפסט
באַנאַכט אַ וועגווייזער און היטער,
באַהעפט זיך צום געווימל
פון די צעשראָקענע נשמות,
וואָס טוליען זיך צו פלעמלעך פון נר־תמיד'ס.

## 18.

מ'האָט פריי געלאָזט די שקאָלע אויף קאַניקולן, און יודעלעוויטש איז מיטן ווייב אַוועקגעפאָרן אין אַ וואַלד. פאַרפאַלן — וועט מאַרקאָן אויסקומען דעם זומער אָן אַ לערער. אָבער דאָ האָט מאַגיד אויסגערופן: — איך וועל מיט אים לערנען. — וואָס?! — גאַנץ פּשוט — איך וועל מיט אים לערנען. האָט מען איינגעצויגן די ליפּן און געשטומט. און רודניק'ן האָט עס געטראָפן ביז'ןביין: וואָס פאַר אַ פּנים וועט אַ פּראָסטער שרייבער האָבן איצט ביי נח'ן, אַז ער וועט ווערן חבר מיט'ן אַדוואָקאַט?
האָט ער די בשורה אָנגעזאָגט מיט גאווה: — זעט אָקאָרשט וואָס פאַר אַ לערער מיר באַזאָרגן אייך! און צוגעגעבן:
— איר שלאָגט זיך אין די הויכע פענצטער. גוט אַזוי.

געלייענט האָט מען צייטונגען און ס'איז געווען ווי פּלוצלינג אַריין פון קינדער־הייזלעך אין דערוואַקסענע מלבושים. גערעדט בלויז פון געלייענטן, און כאָטש דער לערער האָט צוגעהאָלפן און פאַרריכט דאָס ריידן, איז עס דאָך געווען נישט לערער־תלמיד. פּרואוו און ס'וועט זיך ריידן אַלץ. ביז איינמאָל האָט דער לערער צוגערוקט אַ שטיקל נייעס. ס'איז דאָס מאָל נישט געווען די פּעטערבורגער, נאָר די היימישע גובערניע־צייטונג. נח האָט געלייענט, אַז דעם אַכטן אווגוסט האָט אין דער היגער צערקווע חתונה געהאַט נאַטאַליע, די באַליבטע טאָכטער פון אַקציז־פאַרוואַלטער אַנדריי פּעטראָוויטש סאָבאָלעוו מיט אָסיפּ יאַקאָוולעוויטש לונין, געוועזענער גרינשטיין... דערלייענט, בלייך געוואָרן און דאָס בלאַט אַוועקגערוקט. — געפעלט עס אייך? — ביי נח'ן דער אָטעם האָט זיך צעהאַסטיקט ווי ער וואָלט אַ האַנט געהאַט אין שמד:

— איך האָב געמיינט — דאָס האָט ער מיך נאָר אַזוי פיינט.
און מאַגיד, איצט שוין אָפּן־אויפגערעגט, האָט זיך צעשפּאַנט
איבער׳ן שטוב: — נישט אַנדערש ווי אַ גענעראַל זיך אויסגעשדכנ׳ט
פּאַר א טויף־פּאַטער. און אויסגעדונגען זיך זיין נאָמען אויך.
קיין סמן זאָל ניט בלייבן... מע דאַרף וויסן וועלכע שוועלן
מע מוז עס אָנשלאָגן צו פּועל׳ן אַ נאָמען בייטן. און אַ שטעלע
באַזאָרגט זיך אין אַקציז וואו ס׳רינט מיט טרייפענער הכנסה...
וואָס איך באַגרייף נישט — איז דעם צווייטן צד. וואָס האָבן זיי
דאָ איינגעהאַנדלט? אויב עס גייט אין אַ נשמה, זעט מען דאָך —
ס׳איז אַ פּאַרקויפטע, שמוציקע... און ווי גיט אָפּ אַ פּאַטער
די טאָכטער צו אַזעלכן?... נח אין צערודערטקייט האָט נישט געפילט
ווי ער הייבט אָן צו ריידן יידיש: — זיי פּאַרשטיי איך גראָד.
די שנאה זייערע צו אונדז איז גרעסער ווי דער אָפּשיי
פּאַר זיך אַליין. איר מיינט, אַז אינקוויזיציע, שחיטות
און קאַנטאָניסטן, קליינע קינדער, מאָרדעוועו איז איידעלער
ווי געבן גרינשטיין׳ען כּאָבאַר? — פון וואַנען אַזאַ שנאה? —
האָט זיך פון מאַגיד׳ן אַרויסגעגליטשט די קלאָץ־קשיא.
און נח מיטן חלום פון אלישע׳ס טענות אין די אויערן
האָט זיך צערעדט וועגן דעם אדום־וועג און יעקב־וועג
און אייביקן פּאַרמעסט פון יעקב׳ס שוואַכע קינדער,
וואָס קענען נישט די שנאה איבערטראָגן, אויסצוגלייכן זיך
מיט אדום׳ען . . . דאָס האָט פּאַרענטפערט גרינשטיינען.
נאָר צווישן גרינשטיין׳ען און יעקב׳ס וועג זיינען אינמיטן
געשטאַנען מאַגיד און די זייניקע און ער האָט געוואָלט וויסן:
— און אַז די ערד געהערט צו אדומ׳ען און יעקב׳ס קינדער
מוזן לעבן אויף דער ערד — ווי ווייט זאָל מען אַנטקעגנקומען
דעם באַלעבאָס מע זאָל אי קענען לעבן אויף זיין ערד
אי זיך נישט אָפּרייסן פון יעקב׳ס וועג ... אויף דעם
האָט נח נישט געהאַט קיין ענטפער: — איר זענט נענטער
צונויפגעקומען זיך מיט אדומ׳ען. איר דאַרפט עס בעסער וויסן — —
ביי מאַגיד׳ן דאָס ווייב און קינדער זיינען אויך אָוועקגעפאָרן
אין וואַלד, איז מען געזעסן אין דער זומערדיקער שטוב —
דער באַלעבאָס אין וויסן לייווענטענעם רעקל און דער תּלמיד
אין לאַנגן ראָק, געדרייכערט און ביז שפּעט אַריינגעשמועסט.

---

געוואָלט האָט רודניק שוייגן, נאָר קיין כח נישט געהאַט
און אויסגעפּלאַצט: — געהערט די נייעס? — יאָ, געזען דאָס בלאַט
ביי מאַגידן. אַ נייער שטאָך. — און וואָס זאָגט מאַגיד?
און גלייך דערמאָנט זיך, אַז אים דאַרף נישט אָנשטיין
ביי נח׳ן זיך באַכצופרעגן און מיט שווערן ערנסט
פון חשוב׳ערן מענטש געוואָרנט: — רעדט מיט קיינעם נישט.

נאָר די באַװאָרענישן פֿון דער חברה האָבן נישט געהאָלפֿן.
פֿון ערגעץ איז אַ ייִדענע געקומען, איז בײַם זון הינטער'ן טיר
געלעגן װי אַ הונט און זיך געשלאָגן קאָפּ אָן דיל, און ערשט
נאָך שעה'ן זיך געכאַפּט, אַז ס'הױז איז ליידיק, אַז מען האָט
אַריבער איר, דער אױסגעשפּרייטער, זיך אַרױסגעגנב'עט,
און מיט אַ שװאַרצן יאָמער זיך געלאָזט איבער די גאַסן,
דערפֿרעגט צום רב און נאָכ'ן אױסקלאָגן דעם בראָך
אין בית־דין שטוב אַװעקגעפֿאַלן אין חלשות. האָט די רבי'צין
געמינטערט זי מיט הענט װאָס מאוס'ן זיך — מאוס'ן זיך אָנרירן
דאָס לײַב װאָס האָט געטראָגן אַ משומד. האָט זי זיך דערמינטערט,
דערזען די בייזע פֿלעמלעך אין די אױגן פֿון דער רבי'צין,
פֿאַרריכט דאָס טיכל אױפֿן קאָפּ, פֿאַרבונדן שטײפֿער
דעם קנופּ אונטער דער גאָמבע און מיט שװאַרצע גריבער
אַרום די רױט־פֿאַרלאָפֿענע אױגן זיך אַרױסגעטראָגן.

און שטאָט האָט זיך צערעדט — אין בתי־מדרשים, הײַזער, קראָמען.
האָט פֿלוצלינג שבת צו ראש חודש בענטשן אין דער גרױסער שול
באַװיזן זיך זאַריצקי און אַ װײַל נאָך אים אױך לאַזאַראָװ.
דעם זעלבן שבת אָבער האָט דער אַלטער דיין זיך צעלאָזט
אין רב'ס בית־מדרש מיט אַ דרשה װעגן דער סכנה
אױף קינדער ייִדישע פֿון דאָרט װאו צװיי'שן דעם מונדיר
און שמד איז בלױז אַ שפּאַן. דער שופֿר האָט אַ בלאָז געטאָן.
מגידים היימישע און אָנגעפֿאָרענע האָבן אין פֿײַער שקאָלע־שמד
געװאָרפֿן פּסוקים און מדרשים װי צעטריקנט האָלץ
און ס'האָט נאָך יעדער מנחה װידער אױפֿגעפֿלאַקערט. מיט'ן זמן
האָט לאַזאַראָװ דערזען: דער קלאַס פֿון אָנפֿאַנגער איז ליידיק
און אין די העכערע — אַ העלפֿט פֿון פֿאַראַיאָריקע תלמידים.
האָט מען דערטראַכט זיך בײַ אַן עקסטראַ־אָפּגעהאַלטענער אַסיפֿה,
אַז לאַזאַראָװ מיט'ן ראַבינער זאָלן אָנשרײַבן אַ מין קול קורא,
זיך פֿון משומד אָפּטרייסלען, דערמאָנען װעגן קיסר'ס חסדים
און אױפֿװײַזן מיט פּסוקים, אַז מע דאַרף זיך בילדן.
פֿאַרפֿאַסט האָבן די צװיי דעם רוף אױף רוסיש. פּױזנער'ן
האָט מען דעם כבוד צוגעטײלט פֿון לשון־קודש'דיקן נוסח
און נח'ן גערופֿן דאָס צו מאַכן אױף זשאַרגאָן. איז מען געזעסן
בײַ רודניק'ס טיש, דער כבוד האָט פֿון פּױזנער'ן אַרױסגעשלאָגן
מיט טראָפּנס שװייס און ער האָט װי אַ שיר אַן אײגענעם
דעם נוסח פֿאַרגעלײענט. אַז מען האָט דערנאָך אין גאַס
זיך אָפּגעזונדערט פֿון די אַנדערע, האָט ער צו נח'ן אַ זאָג געטאָן:
— איצט מעגט איר זײַן צופֿרידן. — איך? מיט װאָס?
— מיט דער בהלה. איר האָט דאָך געװאָלט, מע זאָל די קינדער
פֿון שקאָלע אָפּנעמען. — װען האָט איר עס געהערט פֿון מיר?

— און אַז איר האָט געוואָלט, מע זאָל זיי צו מלמדים אָפּגעבן.
אַלץ איינס... — איר ווייסט נישט וואָס איר באַלבעט! —
האָט נח צאָרנדיק פון אים זיך אָפּגעקערט.

---

דער רוף האָט די ישועה נישט געבראַכט, און רודניק,
א מרה־שחורה'דיקער, האָט געגאַרט נאָך טרייסט־רייד.
וואו זאָל עס נח נעמען? ס'האָט גערופּעט שוין פון פריער
דעם פלעטער'ס טרעפן זיך מיט פויזנער'ן אַליין, זיין חבר'שאַפט
מיט מאַגיד'ן... פאַררייסט די נאַז!... מיר וועלן זיך נאָך אויס'טענה'ן!
און ס'איז אים לאַנג נישט אויסגעקומען וואַרטן.

נאָך יעדן חשבון פּרייטיק פלעגט ער נח'ן אַריינשטעקן אַ בוך
און נאָכדעם אים געצויגן ביי דער צונג. האָט זיך געמאַכט
אַזאַ געשיכטע: ערגעץ אין אַ שטעטל, וואו מען האָט געבויט אַ באַן,
האָט אַ פאַדראַטשיק זיך פאַרקאַכעט אין אַן אָרימער עגונה,
געשיקט שליחים אויפזוכן דעם מאַן אירן מעבר לים,
אַ גט פון אים אַרויסגעקראַגן און געגרייט זיך צו אַ חתונה.
נאָר ווען דער גט איז אָנגעקומען, האָט דער רב דערטאַפּט,
אַז ס'פעלט אַ יוד ביים מאַן אין נאָמען און דעם גט גע'פסל'ט.
אודאי איז אַ צער אויף דער עגונה, און דער רב, דער מחמיר,
איז אַ פּרא אָדם. נאָר דער שרייבער האָט עס אַלץ באַגראַמט,
און רודניק ווערט צעשמאַלצן. האָט עס נח נישט פאַרשטאַנען: — מילא,
די שיינע מליצה וועגן ווייבל און די גוטע מידות אירע —
דאָס קומט אַזוי. נאָר מיט'ן חתן אירן, דעם פאַדראַטשיק —
וואָס איז מיט אים דער יחוס? אַז ער קליידט זיך דייטש,
און ס'אַרבעטן אויף אים צוויי הונדערט גוים און ער קען
פאַרגינען זיך אַ ווייב אַ יפת תואר און איז גרייט דערפאַר
די קינדער אירע האָדעווען — איז וואָס? איז ווייניק דאָ
עגונות און יתומים אַנדערע? וועט ער זיך אומקוקן אויף זיי?
און וואָס דער שרייבער מיינט אַ שטאָך צו טאָן די ידישקייט,
אַז אַלץ ביי אונז איז אָנגעהאַנגען אויפ'ן שפּיץ פון יוד,
איז וואו דער יוד האָט אונז געפירט ווייסן מיר אַלע,
נאָר וואו עס פירן די פאַדראַטשיקעס ווייס קיינער נישט דערווייל...
אַזוי האָט נח זיך צערעדט, און ווען איך רודניק'ן
האָט שוין געזאָגט די רציחה, איז געוועזן צו שפּעט:
— איר, מאַרקאַן! איך האָב באַ'עוולה'ט די פאַדראַטשיקעס?
מיט אייער קראָם פון טוי'זנט רובל! איך!... ער האָט געזאָגט,
און נח איז געשטאַנען אונטער צאָרן זודיקן ווי אין אַ באָד
און זיך גלאָזט באַפּליוכען. ס'קומט דאָך אים...
דערנאָך דאָס רעכן־בוך אָוועקגעלייגט: — איר זענט גערעכט,

ר׳ זלמן! מיט אַזעלכע רייד טאָר איך פון אייער חברה
נישט נהנה זיין... נאָר פון דער העלער הויט האָט רודניק
זיך איינגעשטילט: — וואָס שטופּט איר מיר דאָס רעכן־בוך?
וואָס מיינט איר — כ׳וועל דאָס ברויט ביי אייך אַרויסרייסן?
אַזעלכע הפקר־מענטשן זיינען זיי נישט, די פּאַדריאַטשיקעס!

ער האָט זיך אָפּגעטראָגן, און דאָס רעכן־בוך אונטער׳ן אָרעם
האָט אים געשלעפּט צו דער ערד. און באַלד נאָך סוכות
האָט ער זיך מיט׳ן פלעט אַרויסגעלאָזט אויף דער מדינה.

## 19.

פרעמדע גאַסן, פון רעגן צעשווענקטע,
שלעפּסט דאָס פּעקל אַלץ איינס וואוהין.
וואויל איז וואָגל — נישט טראַכטן, נישט בענקען,
נאָר זיך ציען ווי וואָלקנס ציען —
זינדיקער מענטש וואָס איך בין.

בענקט דאָס ווייב פון איר עלנד געלעגער,
בלאָנקען אום אָן אַ טאַטן די זין.
קומען אויף אין געדאַנק אויף אַ רגע
און ס׳פּאַרטרייבט זיי דער האַרבסטיקער ווינט —
זינדיקער מענטש וואָס איך בין.

האַרטע בענק מיט דער פויסט פאַר אַ קישן,
שנעלער שחרית אין קאַלטן באַגין,
און שבתים ביי פרעמדע טישן —
וויפיל פרייהייט און הפקר דערין!
זינדיקער מענטש וואָס איך בין.

זאַק מיט יאָרן אַראָפּ פון די אַקסל,
ווידער ייִנגל — צעזונגען און גרינג.
פון די ביימער מנורות וואַקסן,
און דער פראָסט זיי מיט שטערן באַצינדט —
זינדיקער מענטש וואָס איך בין.

## 20.

אויפ׳ן הימל כמאַרעס, אויפ׳ן פעלד מצבות.
צווישן כמאַרעס און מצבות — פייכטער ווינט.
שמייסט דער פייכטער ווינט אַ מענטש ביי אַ מצבה,
אונטן ליגט די מאַמע און אין ווינט — איר קינד.

דרייסיק יאָר איז אַלט דער קבר,
דרייסיק יאָר דער מענטש אין ווינט.
ווען מען האָט די גרוב מיט רידלען ערד פאַרשאָטן,
האָט אַ פרעמדע פרוי געזויגט אַ טאָגיק קינד.

מאַמע האָט אים אויסגעטראָגן, טויט — געטרייע מומע —
איז געקומען אָפּנעמען ביי דער געווינערין דאָס קינד
און אַוועק דערנאָך די טויטע ביינער שיילן
ווי עס שיילט אַ צווייג דער אָסיענדיקער ווינט.

וואָס דער טויט האָט אָפּגעשיילט האָט ווינט באַאָטעמט
און אַרויפגעצויגן אויף די ביינער פונ'ם קינד.
האָט אים אויסגעהאָדעוועט אויף שליאַכן, וועגן, שטעגן
פרילינגדיקער, זומערדיקער, אָסיענדיקער ווינט.

איז ער איצט, נאָך דרייסיק יאָר, געקומען
צו דעם אָרט, וואו מ'האָט געוויגט דאָס וויג פון קינד.
טוען אים באַגלייטן — טויט, געטרייע מומע,
און דער גוטער פעטער — אָסיענדיקער ווינט.

---

איך בין שוין אַ ייד פון דרייסיק
און דו ביסט אַלט ניינצן יאָר.
וועסט אייביק זיין ניינצן יאָר
און איך וועך אַלץ עלטער.
טאָ וואָס ביסטו מיר, שפרה?

איך לייג זיך אין בעט ביי דיר
און לייג מיין קאָפּ אויף דיין קישן.
די חלומות פון מיידלשן קאָפּ
קומען אויף צוריק פון דיין קישן —
טאָ וואָס ביסטו מיר, שפרה?

ס'איז נאָך קיינמאָל אַ מענטש פון דרייסיק
נישט געשלאָפן אין בעט צוזאַמען
מיט זיין ניינצניאָריקער מאַמען —
און איך בין אין בעט ביי דיר —
טאָ וואָס ביסטו מיר, שפרה?

---

בעט איך: קלער מיר אויף דעם זין פון דעם,
וואָס אַ מיידלש לייב דאַרף צייטיקן ביז אַכצן יאָר
אויף צו קענען זיין אַ כלי פאַר אַ זאָמען,

און דערנאָך, צום יאָר,
ווען דער זאָמען דאַרף געבוירן ווערן פאַר אַ נאָמען
קומט ער און צעברעכט די כלי.

הערסטו מיינע רייד נישט,
נאָר דו ענטפערסט: ס'איז אַזוי.

בעט איך: קלער מיר אויף דעם זין פון דעם
וואָס אַן עופ'על, אַ פריש געבאָרנס,
ווערט באַלאָדן מיט דער זינד פון מאָרד
און דאַרף נאָכדעם אַלע זיינע יאָרן
אומטראָגן די זינד פון מאָרד
וואָס מיט איר איז ער געבאָרן.

הערסטו מיינע רייד נישט,
נאָר דו ענטפערסט: ס'איז אַזוי.

בעט איך: קלער מיר אויף דעם זין פון דעם
וואָס אַ מענטש, אַן אָנגעלאָדענער מיט זינד,
דאַרף זיך לאָזן טרייבן פונ'ם ווינט
און אין מענטשן, ערד און הימל
זוכן זיך, זוכן זיך, זוכן זין
און נישט קענען קיינמאָל זאָגן אַזוי פראָסט ווי דו:
— ס'איז אַזוי.

הערסטו מיינע רייד נישט,
נאָר דו ענטפערסט: ס'איז אַזוי.

זאָג איך: לייג דיך שלאָפן, שפרה.
מער וועל איך דיך גאָרנישט פרעגן.
מאָרגן דאַרף איך ווידער לאָזן זיך איבער די וועגן
אָפּשלאָגן די שטראָף פון מיינע לעבעדיקע קינדער
פאַר דער זינד אַנטקעגן דיר
וואָס כ'האָב נישט געזינדיקט.

הערסטו נישט אַפילו דאָס,
נאָר דו ענטפערסט: ס'איז אַזוי.

## .21

ווען נח איז אַריין צום שווער אין סעלץ, האָט זיך דאָס זאָגן פון חדר יינגלעך אָפּגעהאַקט, נאָר ביז ער האָט די ברילן נישט אויסגעטאָן, האָט אויך די שוויגער נישט דערקענט אים.

אַ שפּרונג געטאָן פון בענקל מיט אַ מעסער אין דער האַנט
און אַ קאַרטאָפל אין דער צווייטער: — נח! דאָס ביסטו?
דער שווער אָבער, געהאַרבעטער און גראָער, האָט אַפילו
זיך נישט געוואָלט מטריח זיין פון בענקל אויפהייבן. ער האָט
דעם איידים אָפּגעשטעקט צוויי פינגער און גענומען ווידער
די פרשה זאָגן מיט די יינגלעך. האָט די שוויגער
אים איינגערוימט: — קוק זיך נישט אום אויף אים! ער ווערט
פון טאָג אַלץ בייזער!... — נאָר פון איר אַליין האָט אויך
קיין שמחה נישט אַראָפּגעלויכטן. נאָכגעפרעגט זיך
אויף דוואָשע׳ן און די קינדער, אָבער מער אויף די געשטאָרבענע
ווי אויף די לעבעדיקע: ווי אַזוי געשטאָרבן און פון וואָס...
קוים די ציקאָריע אויסגעזופּט, האָט נח זיך פאַרנומען גיין.
נאָר דאָ האָט זיך דער שווער מיט האַסט אַ הייב געטאָן:
— וואו גייסטו? — כ׳וויל אַרויסגיין אויפ׳ן שטעטל.
— איך הייס נישט! יאָסל דאַרף קיין איידים נישט, וואָס גייט
איבער די הייזער. — נח האָט זיך דאָך פאַרקירעוועט
צום טיר. איז מיט אַמאָל דער אַלטער אויסגעוואָקסן ריזיק
און ברייט, מיט דער צעלייגטער באָרד און פאַטליעס האָר
פון אונטער סאַמעטענער יאַרמעלקע און אים פאַרשטעלט די טיר:
— כ׳בין אויף דיר גוזר, זאָלסט נישט גיין! — האָט נח שטיל
געזאָגט: — איך גיי אַ פּור זוכן אָוועקצופאָרן. האָט די שוויגער
אַ כאַפּ געטאָן די הענט ביי אים: — טו מיר נישט אָן די בושה!
נאָך ווייניק וואָס די טאָכטער שטאַרבט דריי מאָל אַ טאָג
פון הונגער, וואָס די קינדער פאַלן ווי די פליגן, דאַרף מען נאָך
מיר נאָכזאָגן, אַז כ׳טרייב פון שטוב דעם איידים!
וואָס ווילסטו? — האָט זי זיך צום מאַן געוואָרפן: זאָל ער כאַטש
דאָ איבערנעכטיקן אַ נאַכט און מאָרגן פאָרן!... — נח ביי דער טיר
האָט בלויז געזאָגט: — כ׳וועל צוגיין אין בית מדרש! — און אַרויס.

ס׳האָט עמעצער אַן אַלטער אים דערקענט און אָפּגעגעבן
אַ קאַלטן שלום. אַ פּאָר יינגערע פון איבער גמרות האָבן זייטיק
באַטראַכט אים און דערנאָך גע׳סוד׳עט זיך. ווען נישט די עלטער
און אָפּגעלאָזנקייט, וואָלט אַלץ דאָ אויסגעזען ווי דער קצבישער
בית מדרש מיט ר׳ יחיאל׳ן. נאָר קיינער וועט נישט האַלטן דאָ
קיין דרשות קעגן די פאַרפירער — קיינער וויל דאָ נישט פאַרפירן —
און אויב אַ יונגערמאַן פון די וואָס זיצן דאָ, וועט זיך אַמאָל
דערשלאָגן צו אַן אַנדער תורה, וועט ער אויסרינען, אַנטלויפן,
און דאָ די צייט וועט ווייטער זיצן מיטן טייטל אין די פינגער,
אַן איינגעהאַרבעטע און בייזע ווי דער שווער...

בייטאָג

איז אָנגעקומען שמואל: — קוק נישט אויפ׳ן טאַטן. זעסט דאָך

ווי קליין דער חדר איז געוואָרן. אויף דער מאַמען אָבער
איז אַ רחמנות. גרייט זי וועטשערע. פאַרשעם זי נישט...
איז ער געגאַנגען מיט'ן שווער צוריק פון מעריב און געשוויגן
און שווייגנדיק צום טיש געזעצט זיך. ביי דער ערשטער לעפל אָבער
האָט זיך דער כעס אין אַלטן ווידער אויפגעכאַפּט : — אַזוי...
סע שטייט נישט אָן צו לערנען תורה מיט אַ חדר... בעסער שוין
איבער די הייזער גיין... אַלץ פון די חכמה'ס, פון די טרייפענע...
דער איידים האָט דעם טעלער אָפּגערוקט : — וואָס ווילן העלפן
די רייד ? . . . איר כעס'ט זיך און איר ווייסט נישט צוליב וואָס.
— איך האָב געוואוסט שוין דעמלט, ווען האָסט מיר געוואָלט
די טאָכטער אָנוואַרפן און ווערן אַ ראַבינער. דעמלט שוין
געדאַרפט צום גט אייך פירן. — נישט אין אייערע הענט
דער זיווג מיינער, און מיין ווייב נעמט אָן פאַר ליב איר גורל.
— ווייל זי'ז אַ כשר'ע בהמה ! מיט אַ ביסל שכל וואָלט זי לאַנג שוין
פון דיר זיך אָפּגעטשעפּעט... — לענגער האָט די שוויגער אויך
נישט אויסגעהאַלטן. זיך צעכליפּעט מיט פאַרביסענע ליפּן,
און ווי נאָר נח, מיטן פולן טעלער אויפן טיש, האָט צוגעמאַכט
די טיר, איז זי אַרויס מיט אַ געשריי : — איך האָב נישט מער
קיין כח... כ'וועל דיך אָפּ'גט'ן. כ'וועל מער קיין נאַכט נישט בלייבן
מיט דיר אונטער'ן דאַך — — — און ווייגענדיק אַוועק צום זון.

ס'האָט נח נישט באַוויזן נאָך זיך איינצוזעצן אין בית־מדרש
ווי שמואל איז געשטאַנען איבער אים : — צו מיר האָסטו דאָך
גאָרנישט.
— איך האָב צו קיינעם גאָרנישט. — האָסט געקענט נאָך אינדערפרי
צו מיר פאַרפאָרן. — בעסער אַז אַזוי. איצט ווייס איך.
— וואָס ווייסטו ? מאַלע וואָס דער אַלטער רעדט. די מאַמע זיצט
און ווייגט ביי מיר... — אַ רגע איז געוואָרן איבערדריסיק. נאָר וואָס
צעעפנט אַ משניות, ס'וואָלט זיך וועלן אָפּטשעפּן פון אַלעם דעם,
און נאָדיר ווידער... — כ'וועל שוין נעכטיקן דאָ אין בית מדרש.
דער הויכער שמואל האָט דעם אָטעם אָפּגעצויגן : — כ'בעט דיך נישט
פאַר זיך, נישט פאַר דער מאַמען, נאָר פאַר דוואָשע'ן.
ווי ווועסטו עס איר זאָגן ? און מיט וואָס האָב איך געזינדיקט
אַז זי זאָל דאַרפן טראַכטן — האָסט מיין שטוב פאַר'מאוס'ט ?...
ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, נח, ווידער אויפגעהויבן אים
צום שוואָגער און פאַרמאַכט דעם ספר.

ליכטיקייט און קינדער

און יום־טובדיקער טיש און אַ צעלויכטן פנים פון דער שוועגערין —
און ס'אַראַ ליכטיק פנים ביי דער שוויגער ! איז באַפאַלן אים,
געקושט, ווי זי וואָלט איצט נאָך אויסגעבענקטע יאָרן אים דערזען,
און שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן — מיט מאכלים, מיט אַ גלעט,

אַ וואָרט. צום ערשטן מאָל האָט ער דערפילט דעם טעם פון — מאַמע,
געקאָרטשעט זיך און נישט געוואוסט ווי ווערט מען לויז
פון אָט דער וואָרימקייט, און זיך געכאַפּט: דאָס איז דאָך שפּרה!
מ'האָט זיך צונויפגערעדט, די טויטע מיט דער לעבעדיקער,
אויף יענעם סודות'דיקן לשון, וואָס נאָר ווייבער קענען, און ס'טוט
די לעבעדיקע דאָ דעם ווילן פון דער טויטער. האָט ער זיך געלאָזט,
און איז אַזוי מיט'ן געדאַנק פון ביידע מאַמעס איינגעשלאָפן.
פאַרפרי, ווען שמואל מיט'ן ווייב האָבן צום פור באַגלייט אים,
האָט אויך די שוויגער אָנגעיאָגט און ווידער אָנגעהאָנגען זיך
אויף אים. נאָר קומענדיק אין קאַסאָווע, וואו אברהם־בער,
דער עלטסטער ברודער דוואָשע'ס, האָט אַ מיל געהאַלטן,
האָט נח וועגן אים פאַרגעסן און קיין קרובים מער
אין שטעטלעך, וואו ער איז געקומען, נישט געגאַנגען זוכן.

.22

קומט צופאָרן נח פלעטער
אין אַן אָסיען־טאָג אין סלאָנים.
ווער איז מקבל פנים?
רעגן־גוס אויף קלאָדקע־ברעטער
און אַ ייד ווי ער, אַ טרעטער,
מיט אַ שמאָלן גלעזער־קאַסטן.
הייסט עס — ביידע מעסטן גאַסן,
אפשר ווייס ער פון אַ בעטל?
זאָגט דער ייד: וואָס הייסט? אַוודאי!
כ'וועל צונויפנעמען מיין סטאָדע
און אייך אָפּגעבן דעם אַלקער,
וועט איר לעבן ווי אַ מלכה
מיט אַ טיר און אַ מזוזה
ווי ביי גאָט הינטער'ן בוזעם.

סטאָדע, מלכה און גאָט'ס בוזעם
און אַ טיר מיט אַ מזוזה —
וואָס איז דאָס פאַר אַ דבורים?
קוקט שוין נח: ברוינע צורה,
האַלדז פון אויסגעקלאַפּטן קופער
און אַ הויט ווי האַרטע שופן.
און ער פילדערט: — מאַרש, געגאַנגען!
ס'איז אַ שאָס בלויז צו דערלאַנגען
דאָ פון מאַרק ביז צו מיין כאַטע,
און איר'ט זען די גאַנצע טשאַטע.

שטוב מיט קינדער, קליין און קלענער,
און אַ שיקסל מיט אַ צעפּל
פּאָרעט זיך אַרום אַ טעפּל
און לייגט אונטער קין און שפּענער.
רעדט ער צו איר ווי אַן ערל:
הער זיך אויף דערבײַ צו פּאָרען,
גיב אַ לאָף אין קרעמל בעסער
און לאָז מיר שוין מאַכן עסן.
און דערווײַל אויף דער פּאָדלאָגע
טוט ער זיך אַ לאָז אַרונטער,
נעמען אים די קינדער יאָגן,
שפּרינגט ער אונטער, הירזשעט אונטער,
נעמט ער קאָזשעלקעס גאָר מאַכן,
און די קינדער הילכן, לאַכן,
פון דעם טאַטן, אַט דעם פּערד,
ווי ער קאָלערט זיך אויף דר'ערד.
קומט דאָס שיקסל אָן פון קרעמל,
הייסט ער איר די קינדער נעמען,
זעצט ער זיך קאַרטאָפל שיילן,
בראָקן קרויטלעך און דערציילן:
אַז מען גייט אין פּאָניע'ס חדר
פינף און דרײַסיק יאָר כסדר,
קען מען נייען, קען מען קאָכן,
קען מען יעדער מין מלאכה.
שיילט ער, בראָקט און מישט דעם טאָפּ,
קריכט מיט הוילע הענט אין פּליטע,
און דער גאַסט אַ צוגעשמידטער
רײַסט פון אים אַן אויג נישט אָפּ.

שפּעט אין אָוונט קומט דאָס ווײַבל,
אַ געשטופּלטע, אַ דאַרע,
לויכטן זײַנע אויגן: טײַבל!
און ער מאַכט פאַר איר אַ וואַרע
ווי אַ קנעכט פאַר אַ פּריבצעסין,
און באַדינט זי מיט'ן עסן
און פאַרלויבט זי: אָט אַ כוואַט!
איך — שוין אויסגעדינט סאָלדאַט
און זי קוים געוואָרן דרײַסיק,
און ווי ס'טוט זיך ביי איר פלײַסיק:
זיבן יאָר ערשט נאָך דער חופּה,
קינדער שוין אַ גאַנצע קופּע

און איז ווידער אויף דער צייט.
קוקט דאָס ווייבל פון אַ זייט
און זי בורטשעט: נו, אַבראַשע,
בעסער עס דיין באָרשט מיט קאַשע!

אָנגעגעסן זיך צו־זאַט
און צעלייגט זיך אין די בעטן,
נאָר אַבראַשע דעם סאָלדאַט
ציט ווי אַ מאַגנעט צום פּלעטער:
— עך, ר׳ ייד, וואָס קענט איר וויסן
וואָס עס האָט פאַרזוכט נאָש בראַט!
ווער עס האָט אַ האַנט געהאַט
האָט געקאַטעוועט, געריסן,
איז די הויט געוואָרן האַרט
ווי אַ טרוקענע פּאָדעשווע,
נאָר אין האַרצן דאָ דעם זשאַר —
דאָס — זיי נישט געקענט פאַרלעשן.

נח ליגט אַ האַלבע נאַכט
און ער קען קיין אויג נישט צוטאָן.
מיד דער קאָפּ, נאָר עפּעס וואַכט
אין די אויפגעברויזטע בלוטן
און דער מח לערנט פּשט
אין אַבראַשע דעם סאָלדאַט.
אינדערפרי צוזאַמען שפּאַנט מען:
איבער גאַסן אומבאַקאַנטע
גייט דער אורח פּלעטן קלייבן,
און מיט הויכן קאַסטן גלאָז
גייט אַרויס דער באַלעבאָס
זוכן אויסגעהאַקטע שויבן.
אויפדערנאַכט ביים קוימען זיצט מען
און עס שפּאַרט מיט רייד אַ שלל:
פון הינקעדיקער פריצ׳טע
און אַ היים אין חזיר־שטאַל,
פון אַ גלח מיט אַ צלם
און פון נעכט אויף אַ בית־עולם
און פון הונגער און פון שרעק
ביז אַ שפּיר־הונט אים דערשמעקט
און מע שלעפּט אים ווי אַ פּגר
צו דעם חזיר־מיסט געלעגער.
הענגט פון זיינע רייד אַ כמאַרע,

בעט דאָס ווײַב: אַבראַשע, גוט שוין!
זאָגט ער: נו, און בײַ דעם פּרעה
האָט מען ייִדן נישט געמוטשעט?
און אַ שפּרונג פון דאָרף און חזיר
צו די הויכן, די קאַווקאַזער,
און ער שפּאַנט מיט קאַראַוולן
איבער שטייניקע אַאולן,
און אַ פאַסטעך מיט אַ נגון
פירט אין בערג אַ סטאַדע ציגן,
און אַ מולא פון מעטשעט
רופט דעם עולם צום געבעט,
און אַ מיידל גייט צום ברונים —
זינגט אַבראַשע די נגונים
און פאַרציקלט זיך, פאַרגייט זיך,
און ביים אורח צוקט דער רוקן
און עס ציטערן אים פּסוקים
פון אַ נאָגטן מן המצר:

פון׳ם קלעם האָב איך גערופן
און געענטפערט האָט די פרײַ:
וואָס איז פייניקונג פון גופים
ווען עס בלייבט דער גייסט געטריי?

וואַרפט די פּיין דעם גוף און דרייט אים
אין אַ קעסל־גרום פון קויט,
לייטערט גלויבן שאַנד און ווייטיק,
וואַשט דער קויט ווי שניי די הויט.

זינקען קענסטו נישט — עס פלאַטערט
וואונדער אייביקער אין דיר.
ביז צום דעק פון תהום דערמאַטערט,
נאָר דעם דעק אַליין נישט דערשפּירט.

הויך צי טיף — ס׳איז אייביק אָפן
טויער פון גערעכטיקייט,
וואָס פאַרשטויסן און פאַרוואָרפן
העלט דאָרט אויף אין זעליקייט.

נאָך אַן אוונט אָרום קוימען,
ביז דאָס לעמפּל ווערט פאַרלאָשן

בינדט זיך אויף ביים גאַסט דאָס לשון
און ער רעדט: פון גריך און רוימער,
פון דעם אַלטן מתתיהו,
פון מלחמות און נצחונות,
פון מפּלה און הכנעה
צו דער אויבערהאַנט דעם שונא'ס,
און ווי ייד און גוי אַן חילוק
האָט געגלויבט דעם אַלטן הלל,
און ווי וואונדערלעכע ליבע
האָט דערהויבן ר' עקיבאַ'ן.
אורח רעדט און שטוב־לייט הערן
און דאָס ווייבל שלינגט די טרערן.
מאָרגן גיסט זי אָן זיין שיסל
ביז די ברעגעס און וויל וויסן
ווי עס גייט אים אין די קראָמען,
און ווי הייסט זיין ווייב ביים נאָמען,
וויפיל קינדער קיין עין־הרע
און צי קען ער עפּעס שפּאָרן?
נח שעמט זיך נישט און ענטפערט,
ווערן אָפּן לייד און זאָרגן,
ווערט מען היימישער און נענטער
יעדן אָוונט און פרימאָרגן.

וויפיל גאַסן האָט דען סלאָנים
און ווי לאַנג קען מען זיי טרעטן?
אַז מען האַלט שוין מיט די פּלעטן
ביי די הייזער פון קבצנים,
איז דער טייטש: ס'איז אויס מיט סלאָנים!
פּאַדעט קרעכצנדיק אַבראַשע:
— עך, ר' נח, דאַליאַ נאַשאַ!
אַט דערקענט און שוין זיך שיידן!
און דאָס ווייבל שטייט און בעט
— גיין איז קיינמאָל נישט צו שפּעט,
בלייבט מיט אונז אַ טאָג, אַ צווייטן!
רייסט ביים האַרצן די בקשה,
אָבער צייט, פּרנסה, דוואַשע!
טענה'ט טייבל: זי'ט פון קרעמל
איינפּאַקן אַ פּאַק מיט שפּייז —
מעל און צוקער, באָב און רייז —
דאַרפן גוטע פריינד זיך שעמען? —
וועט זיין צייט נישט גיין לאַבוד.

טייבל רעדט און רעדט אים איבער,
נאָר ביינאַכט איבער'ן טיש
הענגט אַ מאָדנע שטומעניש,
ווי דער מאָרגן וואָס דאַרף קומען
וואָלט דאָס לשון צוגענומען.
אינדערפרי צוזאַמען גייט מען
נח'ן צום פור באַגלייטן,
און די צונג איז ווי געשמידט
ביז די רעדער רירן ניט.
אויפדערנאַכט אַליין ביים קוימען
זיצןביידע ווי יתומים,
און דער פלעטער ביי אַ וועטשערע
אין אַ פרעמדער קאַלטער קרעטשמע
זעט אַ מיידל ביי אַ ברונים,
הערט צעציקלטע נגונים
און מיט וואַרעמקייט פאַרפלייצן
רייד פון ווייטן מן המצר.

## .23

שטעטלעך, אויסגעלייגטע איבער שליאַכן
ווי סדורים אויף אַ פאָליצע:
בייכיקע מיט פעטן דרוק,
קליינע טל ומטר'לעך,
טאָוולען שווערע, בלעטער צוגעגעלטע,
טאָוולען אָפגעריסענע און בלעטער אויסגעפינגערטע,
אָבער וואָכעדיקער נוסח, שבת־יום־טוב'דיקער נוסח
אומעטום דערזעלביקער —
סדור איין, סדור אויס,
שטעטל איין, שטעטל אויס.

קריכסט אַרויס פון פור אין מאַרק,
ליגט דער גאַנצער נוסח אָפן:
קראָמען, קרעמלעך, הייזער באַלעבאַטישע,
גרויסע שול און אָרעמער בית-מדרש,
גאַסן באַלמעלאָכישע און הינטערגעסלעך.
דינגסט זיך אַ געלעגער:
דאָ דער טיש און דאָ דער פאַמישאַפּט,
מאַן און ווייב, חיונה, קינדער, קרענק.
יעדע טיר — פאַר זיך אַ תהלים'ל.
עפנסט אויף און ס'זאָגט זיך אויסנווייניק.

אין די גרויסע וועלט־שטעט שררות און חכמים
ברעכן זיך די קעפּ
און מע זוכט תחבולות און מע שרייבט מאמרים
ווי מע קען דעם נוסח איבערשטעלן:
קויפן ערד ביים טערק אין ארץ־ישראל,
אַז די קרעמער זאָלן אַקערן און זייען,
פּועל׳ן חסדים ביי קייסאָרים,
לערנען קלויזניקעס מלאכות.
ערגעץ דאָ ביי לאָמפּן און ביי לעמפּלעך
זופּט מען די מאמרים
און מען אַמפּערט זיך וועגן דער ערד ביים טערק
און דעם חסד פון קייסאָרים
און דער פּעולה פון די שקאָלעס,
און מיט טאָג —
קרעמערן די קרעמער,
שוסטערן די שוסטער,
שעלטן סעדיכעס אין מאַרק,
ברומען קלויזניקעס אין בתי־מדרשים,
גייען בעטלער איבער הייזער
פון באַגינען ביז ביינאַכט —
תהילים, שחרית, מנחה, מעריב.

נעמט מען רייסן בלעטלעך פון׳ם סדור,
שטעלט זיך ווידער איין אַ נוסח:
דאָקטאָר און אַפּטייקער דאַוונט נישט,
אויפגעקלערטער נגיד שיקט די קינדער אין דער גרויסער שטאָט,
קלויזניקעס באַהאַלטן ביכער און מאמרים,
און שבתים נאָכ׳ן טשאָלנט אין הינטער־גאַס
קלייבן זיך צוזאַמען יונגע פּועלים
און משרתים פון די קלייטן
מיט די כלות זייערע
און מע זינגט,
און מע טאַנצט אַ שער און פּאָלקע און קאַדריל:
איינס־צוויי־דריי, איינס־צוויי־דריי.
שעלטן פרומע זאַגערינס פון שול,
האַלטן מאַמעס טעכטער ביי דער שוועל,
נישטערן גבאים אין די שטענדערס ביי די קלויזניקעס —
פאַלן בלעטלעך פון׳ם סדור,
שטעלט זיך ווידער איין אַ נוסח:
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי.

וועלט פאַרשניטע, שליאַכן רעדערדיקע.
זונטיקס, מאַנטיקס, דינסטיקס.
קראָמען, שטיבער, טירן.
שחרית, מנחה, מעריב.
איינס, צוויי, דריי.
איינס, צוויי, דריי.

## .24

אויף שבת חנוכה האָט נח זיך פאַרקירעוועט אַהיים.
געלאָזט באַצייטנס וויסן רודניק'ן און דוואָשע'ן, אַנגעפּאָרן
צום ערשטן ליכטל דאַנערשטיק, און מאָרגן זיך געלאָזט
צו רודניק'ן. אַ פראָסט, נאָך ביטערער ווי דער אין דרויסן,
האָט אים אַ ברי געטאָן פון רודניק'ס פּנים. אויגן — אָט אַ הייב
און אָט אַוועקגענומען בייז און ס'רירט זיך נישט די האַנט
צום שלום. זאָל נאָך אַלץ דער שפּיץ פון יוד אים ברענען?
ער האָט זיך דאָך געזעגנט ביים אַוועקפאָרן... אַרויסגעשלעפּט
דעם בייטל געלט, אַוועקגעלייגט עס מיט'ן רעכן־בוך,
נאָר רודניק האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן צו דעם.
— איר'ט זיך שוין חשבונ'ען מיט אַנדערע. — מיט וועמען?
— דאָס וועט איר מאָרגן הערן. — אָבער וואָס איז דאָ געשען?
האָט רודניק מיט אַ טויטער פראָסטיקייט אַ שפּאָן געטאָן
צום שאַפע און אַרויסגענומען אַ „המליץ": — נאָט אייך!
באַשריבן האָט דאָרט איינער בן־עקיבא, פויזנער, הייסט עס,
די מעשה מיט'ן שמד און די מלחמה מיט דער שקאָלע,
נאָר צווישן אַלע: דעם מנובל גרינשטיין, די מגידים און דרשנים
און טאַטעס אַנגעשראָקענע, האָט בלויז די חברה אויפקלערער
אַרויסגעשיינט מיט צדקות. נח האָט עס דורכגעלייענט איינמאָל
און נאָכאַמאָל: — איז וואָס? — און ווער איז איבער הייזער
געגאַנגען אָפּריידן די קינדער? ווער האָט פויזנער'ן
געשלעפּט מיט זיך? — כ'האָב אָנגעהויבן גיין נאָך לאַנג
פאַר גרינשטיינ'ס שמד. — איז בעסער נאָך. — און נישט כדי
די קינדער אָפּצוריידן, נאָר פאַרקערט. — דאָס וועט איר מאָרגן
ביי דער אסיפה שוין דערציילן. איך האָב מיינס געהאַט גענוג.

ער האָט געשלעפּט דאָס רעכן־בוך און בייטל געלט אין בוזים
ווי מתים: מאָרגן אָוונט וועט ער זיי מקבר זיין און אויס.
און נאָך דער קבורה — וויסטער מדבר און דעם מדבר טראָגט ער
אַהיים באַצייטנס... האָט ער אומגעבלאָנקעט ביז פאַרנאַכט
דאָס פּנים אויסצופרירן און אַרויסוואַשן פון אויגן
די אימה פאַר'ן מדבר... דאָך, ווען אָנגעקומען ערב ליכט־בענטשן

האָט דוואָשע עס דערשפּירט און צוגעפאַלן: — וואָס איז דיר?...
— ס'איז גאָר נישט... נישט דערוואָרט זיך אויפ'ן שרייבער,
וועל איך זיך מוזן מאַרגן חשבונ'ען מיט די אדונים גופא.

געגאַנגען דאַוונען מיט די זין און נישט אַ ריר געטאָן אַ ליפּ.
און מאָרגן אויך אַזוי. פאַרוויקלט זיך אין טלית, קוקט אַריין
ביים לייענען אין מדרש, נאָר די ליפּן ווי פאַרזיגלטע.
און שווייגט ביים עסן. ער וואָלט וועלן ריידן, זאָגן עפּעס.
און אויב נישט ער — זאָל זי כאָטש ריידן, וועט ער הערן.
נאָר ווי דער מדבר וואָס אין אים וואָלט אין זיין שטומקייט
אויך זי פאַרשלונגען, פאַדעט זי אַ ציטערדיקע אום און שווייגט.
אַזוי פון טיש זיך אויפגעהויבן און זי וואָגט אַפילו נישט
דערמאָנען, אַז מע דאַרף די זין פאַרהערן. דרויסן שנייט
געדיכט און קלעפּיק. אָבער ער ווי אַלע מאָל „וויל גיין אַביסל"...

ער גייט . . . פון אַנהויב ווייס ער בלויז — ער דאַרף אין זיך
געפינען עפּעס... און וואָס ווייטער ער וועט גיין, וואָס קלעפּיקער
עס וועט דאָס פּנים אים באַשמייסן, וועט דאָס עפּעס
אַלץ נענטער ווערן. שניי פאַרשיט די ברילן, טראַכט ער —
ער וועט זיי אויסטאָן. פינטלט מיט די אויגן, קוקט און מיטאַמאָל:
עס איז נישטאָ קיין וועלט! פון אים ביז צו עק וועלט
איז בלויז אַ צענדליק טריט און הינטער דעם — געדיכטע ווייסעניש
און גאָרנישט מער. ער מאַכט אַ שפּאַן — טוט זיך אַ רוק
די וועלט מיט אים. בלייבט שטיין — שטייט אויך די וועלט.
בלויז ער און זי און ווייטער גאָרנישט. נישט קיין מענטש,
קיין פויגל, נאָר בנינים ווייס־פאַרפּלייצט און ביימער שווימנדיק
אין אַ צעשטאָרצטער ווייסעניש און גאָרנישט מער. בלויז ער
און צען טריט וועלט. איז וואָס זשע לאָזט מען אים צו הערן?
צו וואָס האָט מען די וועלט פאַרשרומפּן און אַריינגעשטעלט
אים אינדערמיט, אַליין, אַן איינציקן? צו ווייזן, אַז ניט שרעק,
ניט פּורכט איז אין אַליינקייט, נאָר פאַר'שכור'ונג מיט וואונדער,
מיט ווייסן וואונדער פון אין־סוף. האָט מען אים צוגעגרייט
אַ נס אַזאַ — וואָס מאַכט מען מיט'ן נס? די שווערע פיס,
וואָס האָבן פריער זיך געשלעפּט, צעשפּאַנען זיך, אַ שפּאַן —
אַ קלאַפּטער, אויגן כליאַבען כוואַליעס נס און פונם מדבר
אין אים רייסט אויף אַ חדוה — יינגלשקייט צעשפּילטע.
אַריין אין שניי, אַרויס פון שניי, אַ גיי, אַ דריי — מיר צווי —
מיר צווי — אי ערד, אי הימל — אָנהויב — סוף — באַשאַף —
אין־סוף...
ער שפּאַנט, און אַז די פיס אין שניי גליטשן זיך אויס
און דער געזעס דערפילט דעם ווייכן קלאַפּ, און ס'ליגט

דער איינציקער אָן אויסגעצויגענער אין מיטן זיין אין־סוף —
דערשפּירט ער מיט אַמאָל: ער לאַכט!... הייבט ער זיך אויף
און לאָזט זיך גיין פּאַמעלעך נאָך אַמאָל צו לערנען פּשט
אין דעם, וואָס מ׳האָט געלאָזט אים הערן, און די שטייפע ליפּן
פון דאַוונען און פון שטוב צעעפענען זיך איצט און ריידן.
ער רעדט צו די וואָס וועלן היינט בייגאַכט אים משפּטן.
ער האָט זיי וואָס צו זאָגן... וועט ער בלייבן מיט אַ שטוב
אַ נישט־געהייצטער, אַ פאַרהונגערטער, וועט ער זיך ווידער
אַרויסלאָזן אין בלינדן ערגעץ זוכן ברויט — פאַרפאַלן!
ער׳ט קיין בעל־חוב אין רייד נישט בלייבן. ער וועט זאָגן.

---

דער שניי האָט נאָכגעלאָזט. מיט שטערן האָט זיך אויסגעלייטערט
און העלער האָט געקלונגען די הבדלה. איז אויך דוואָשע׳ן
די משא אָפּגעגאַנגען, האָט זי אים אַרויסבאַגלייט אַ הייטערע.
די טריט זיינען געזונקען אין דער אָנגעשאָטענער געדיכטעניש
און ס׳האָט געקלעמט... אודאי האָט געקלעמט. נאָר הינטער קלעמעניש
האָט זיך געשטייפּט אַ העלקייט: וואָס אים האָט געבראַכט
צו „זינד” אַנטקעגן זיי, איז אמת׳ער און אייביקער פון זיי.

זאַריצקי׳ס שליטן מיט׳ן קוטשער פאַר׳ן הויז האָט אָנגעזאָגט:
מען איז געקומען אַלע. און נאָך מער ווי אַלע: אין אַ ווינקל
איז אויך געזעסן פויזנער — טאָמער דאַרף מען עדות זאָגן...
נאָר פון דער זייט עזריאל האָט געשמייכלט און פון מיטן טיש
האָט מאַגיד אויפגעשטעלט זיך און אַ האַנט געטראָגן:
— איר זענט דאָ נישט אַליין!... גערעדט האָט לאַזאַראָוו
ווי איינגע׳חזר׳ט זיך די רייד וואָס נח האָט דערוואַרט:
די טובה׳ס פון דער חברה, רודניק׳ס איבערגעבנקייט צו אים,
און ער — אַ שונא זייערער. פאַרוואָס? אין קול פון רעדנער —
אַ קאַלטע, אָנגעצויגענע געלאַסנקייט. ווען נישט דער אַדוואָקאַט,
וואָלט קיין „פאַרוואָס?” מסתמא נישט געווען. אויך איצט
האָט פון די אויגן פון די אַנדערע אַרויסגעקוקט דער חשק
וואָס גיכער אָפּצו׳פּטר׳ן די צערעמאָניע... איז צו וואָס
זיי ענטפערן? דער אמת וועט אַלץ איינס נישט אָנשלאָגן צו זיי.
נאָר שורות רייד, וואָס האָבן זיך מיט קלאָרקייט אויסגעשטעלט,
פאַרלאַנגען מע זאָל עפענען פאַר זיי אַ טויער; נס פון העלקייט
מאַנט אָפּצאָל פאַר זיין קומען און דער גוטער פריינט אַנטקעגן מינטערט.
ער ציט דעם אָטעם, הייבט אָן הייזעריקלעך, אָבער פעסט:
— איצט דאַרף איך ענטפערן. איר האָט מיר גוטס געטאָן,
איז טאָר איך אייך נישט חושד זיין, כאָטש פון ר׳ זלמן׳ס רייד
האָב איך געדרונגען, אַז איך האָב נישט וואָס צו זאָגן מער.
איר ווייסט שוין וואָס צו טאָן מיט מיר. נאָר ס׳גייט נישט

אין מיר אַליין... עס גייט אין יידן... וועל איך ענטפערן... —
די הייזעריקייט לייטערט זיך, דער דיל ציט אויס די שווערקייט
פון שטייפע פיס און שורות ווערטער עפּענען דעם טויער:

— דער לערער, וואָס איר'ט מיר געגעבן,
ווען ער האָט זיך דערדערדט צום אמת, צו זיין אמת,
האָט מיך געשיקט אין באָד אַריין.
דערנאָך איז ער אַליין אין באָד אַוועק.
פון מיר האָט ער פאַרלאַנגט,
איך זאָל אַראָפּוואַשן אַביסל בלויז.
אַליין האָט ער אַראָפּגעוואַשן אַלץ.

דאָס איז אַן אַלטע מעשה.
די גריכן נאָך, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט ירושלים,
האָבן אויך די שיינע יונגע לייט,
וואָס האָבן זיך געוואָלט מיט לייטן אויסגלייכן,
געפירט אין באָד אַריין.
וואו אַלץ איז אויסגעטאָן און ס'בלייבט פון מענטש
בלויז נאַקעט לייב, בלויז חומר,
איז זייער גרינג מיט אַנדערע זיך אויסצוגלייכן.
און אַז מען האָט אין נאַקעטקייט זיך אומגעקוקט:
דער בונד פון אברהם איז אַ מניעה צו דער גלייכעניש,
האָט מען געזוכט תחבולות אָפּצומעקן אים,
דעם בונד — און פּטור.

דאָס איז אַן אַלטע מעשה.
און אַלע מאָל איז גלייכעניש מיט אַנדערע
געגאַנגען אויפ'ן חומר.
ווייל איבער דער נשמה איז מען נישט קיין באַלעבאָס.
זי ציט צום שרש.
אַמאָל, ווען ס'וועט משיח קומען, וועלן אַלע
דערקענען, אַז דער שרש איז אַן איינציקער פאַר אַלעמען,
און אויך צו אים, צום איינציקן,
וועט יעדע נשמה שלאָגן זיך אַליין.
דערווייל איז נאָך משיח נישט געקומען,
דערווייל איז אַלץ נאָך: מיין גאָט, דיין גאָט —
און וויל מען פולע גלייכעניש, איז בעסער
פאַרגעסן די נשמה און זיך גלייכן אויפ'ן חומר.

וואָס איך זאָג, האָב איך ביי אייך געלערנט.
געקומען זוכן חכמה — חכמה פון דער וועלט

וואָס מיר האָבן פאַרפעלט, און אויסגעפונען:
דער וועג צו איר איז דורך דער באָד.
און האָב דערזען אויך: זעלטן ווער ס'גייט ווייטער.
מע זייפט זיך אָפּ,
מע וואַשט אַראָפּ דעם עול און גורל
פון אָבות און פון ברידער —
און דאָס איז גאָר די חכמה.

די הערער'ס אויגן זיינען גרויס און קיילעכדיק געוואָרן.
דעם שלעפּער'ס חוצפה און זיין טענה'ן מיט די הענט און אַקסל
ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען פאַר זיינס גלייכן, האָט צוערשט
צעטומלט, נאָכדעם אָנגעגליט, צעצאָרנט . . . וואָס דערלאָזט מען עס?
זאַריצקי וואָלט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. געדענקט ער אָבער —
עס זיינען דאָ געלערנטערע. דער אינספּעקטאָר קוקט אויפ'ן ראַבינער,
נאָר דער ראַבינער האָט געדולד. צעשרייט זיך גאָר
דער דאָקטאָר: — דאָס איז ליגן! קריגט שוין אויך זאַריצקי לשון:
— מע זאָל דעם עול אַראָפּוואַרפן, ווער וואָלט געדרייט זיך
אַ היטל מיט אַזעלכע און אים אויסגעהערט? — זאָגט מאַגיד שטיל:
— איר האָט אַ מענטשן אָנגעקלאָגט, האָט ער אַ רעכט צו ענטפערן.
טוט לאַזאַראָוו אַ וואונק צום אָנגעקלאָגטן: — רעדט!

— איר זאָגט: ס'איז ליגן. איז געווען אַ מענטש,
דער רבי אייערער,
וואָס האָט אַוודאי נישט געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם עול.
פון דעסוי קיין בערלין די גאַנצע תורה מיטגעבראַכט.
טאָ גייט און זוכט די קינדער זיינע און די קינדסקינדער
אויף ידישע בית־עלמינ'ס.
נישטאָ זיי דאָרט. פאַרוואָס?
ווייל ער האָט מיטגעבראַכט פון דעסוי קיין בערלין
די תורה בלויז — די יידן האָט ער אינדערהיים געלאָזט.
און תורה, אַז זי בלייבט אָן יידן, שטאַרבט.
מיט טויטער תורה איז מען נישט קיין ייד.
אָן יידן איז מען נישט קיין ייד.

און ס'איז אויך דאָ אַזוי.
בערלין ביי אונז איז — לינדן־גאַס, בולוואַרן־גאַס, שאָסיי־גאַס.
און דעסוי איז — די קרומע גאַס, די שמאָלע גאַס, די יאַטקע־
גאַס.
איר רופט עס — געטאָ. איר — אויף דער זייט
און יידן פשוט'ע, נישט אויסגעגליכענע — אויף יענער זייט,
איר מעגט די גאַנצע תורה מיטנעמען אַהער,

נאָר אויב די יידן בלייבן דאָרטן, איז די תורה טויט.
און כ'האָב געזען די תורה.
דער לערער וואוינט אין אויבערשטיבל ביי אַ גוי,
ער זאָל נישט דאַרפן אָנקוקן קיין יידיש פּנים,
און די תלמידים, ווי נאָר מ'האָט זיי אָנגעטאָן מונדירלעך
און אויסגעלערנט צוויי מאָל צוויי,
פאַררייסן זיי די נעז
און זיינען אויך אַרויס פון קהל...

— סאַי' דאָ נישט קיין געריכט — איז ווידער אויפגעשפּרונגען דער דאָקטאָר — און איך מוז נישט הערן יעדנס פּלוידעריי. האָט דער ראַבינער שוין געזאָגט: — די צרה מיט דעם מענטשן איז וואָס ער פאַרשטייט דעם ענין נישט. זיך אָנגעלייענט, אָנגעכאַפּט מיט ברעקלעך און באַנעמט נישט וואָס השכלה מיינט. ער וואָלט געדאַרפט נאָך לערנען, וואָלט ער נישט גערעדט די נאַרישקייטן. — אַזעלכער וועט שוין גאָר נישט אויסלערנען — האָט אָפּגע'פּסקנ'ט זאַריצקי — איך מיין אויך אַזוי — האָט לאַזאַראָוו געזאָגט: ס'איז אַ געבוירענער פאַנאַטיקער — פאַרביסן, בלינד. די זאַך איז קלאָר. אויב דער הער קאָרנפעלד איז גרייט — — — — — יאָ איך בין גרייט — האָט אויפגעכאַפּט עזריאל. נאָר אויף וואָס — שוין נישט באַוויזן זאָגן. מיטאַמאָל איז אויפגעשטאַנען מאַגיד:

— איך מיין: מ'האָט זיך נישט זייער גערן צוגעהערט, דעריבער נישט דערהערט וואָס אונזער פריינד האָט אונז צו זאָגן. וואָס צווישן אונז און אונזערע באַלעבאַטים שפּילט זיך אָפּ איז אַ מין דינגעניש. די באַלעבאַטים זאָגן: ווערט ווי מיר וועט מען אייך אָפּצאָלן מיט גלייכונג. זאָגן מיר צוריק: הערט אויף צו רודפ'ן און לאָזט אונז לעבן, וועלן מיר במילא זיך דערנענטערן צו אייך. דאָס איז אַ דינגעניש, וואָס דויערט שוין אַ שאָק מיט דורות און מע זעט נאָך אַלץ קיין סוף נישט, ווייל מע קען נישט מיט'ן מקח דורכקומען. אָט נעמט, למשל, מיך. צי נעמט דעם הער זאַריצקי. פירט געשעפטן מיט דער אַרמיי, מיט גענערעלער און פאָלקאָווניקעס, און וואָלט געוויס געהאַט הנאה ווען זיין זון קען אויך זיך אָנטאָן אַ מונדיר מיט עפּאָלעטן און אַ שווערד. ער קען עס קויפן, אָבער — וועט מוזן איינגיין אויפ'ן מקח. ווייל דער הער זאַריצקי נישט דעם מקח אָפּצאָלן, וואָס איינער, אַ באַקאַנטער אונזערער, האָט פאַר אַ שטעלע אין אַקציז באַצאָלט, וועט ער קיין זון אָן אָפּיציר נישט האָבן... און אַ סך זיינען נישט גרייט... נאָך אַלעמען — און קיינער הערט אונז נישט — — — —

— אנטשולדיקט ! —

האָט לאַזאַראָוו זיך אויפגעשטעלט : — מע הערט אונז יאָ.
ס'איז דאָ אַ מענטש וואָס דאַרף נישט זיין דאָ מער.
— איר מיינט דאָך אונזער פריינד. איז ער נאָך נישט קיין זייטיקער.
איך האָב זיך אויפגעהויבן אייער משפט אָפּצופרעגן. און ווי לאַנג
דער אָנגעקלאָגטער האָט אַ צד . . . עס איז נישט קיין געריכט ! —
האָט ווידער אויסגעבוכעט זיינס דער דאָקטאָר : — מיר האָבן אַ מענטש
אַרויסגעשלעפּט פון בלאָטע און ער האָט אונז אָפּגעצאָלט
מיט אַ געמיינהייט. וואַרפט מען אים אַרויס און דאָס איז גאָר !...
האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויך דער געלאַסענער ראַבינער ;
אַ צאַפּלדיקער האָט זיך אויף זיין שטול געהעצקעט רודניק
און נישט געוואוסט צי בלייבן זיצן אָדער אויפשטיין ; און אין ווינקל
דער עדות פויזנער איז געשטאַנען בלאַס און מיט די ציין
געקייט די פוסטקייט. האָט זיך מאַגיד נאָך געלאַסענער געשטעלט :
— אויב ראַטעווען אַ מענטש פון הונגער, ווייסט איר וואויל —
נישט איר האָט עס געטאָן. נאָר ס'מאַכט נישט אויס. פאַר אים
זענט איר געווען די רעטער. (נח האָט די אויגן אויפגעריסן :
וואָס מיינט עס ?). איז ער גרייט געווען אייך אָפּצוצאָלן.
איר — אים האָט פון אַ זומפּ אַרויסגעשלעפּט פון פיזישע יסורים,
ער — אייך איז גרייט געווען אַרויסצושלעפּן פון אַ זומפּ
פון גייסטיקער פאַרבלענדעניש — — — —

מער האָט מען נישט געהערט
קיין וואָרט. געשריען האָבן אַלע מיטאַמאָל און מאַגיד'ס שטעל
האָט ווי אַ קאַלטער שפּיז געבריט. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן
דעם פּעלץ, אַריין אין די קאַלאָשן און ביים אָרבל נח'ן
אַרויסגעשלעפּט. נאָך זיי האָט זיך אַרויסגעשאַרט עזריאל.
אַ ווייל האָט מען געהערט הינטער'ן פענצטער דאָס געשריי,
נאָר מאַגיד, ווי פאַרשעמט פאַר זיך און זיי דאָרט, האָט זיך האַסטיק
אַ קער געטאָן צו נח'ן : — איר דאַרפט נישט זאָרגן, מאַרקאָן !
הער קאָרנפעלד וועט אייך דערקלערן אַלץ. אַ גוטע נאַכט !

◈

ר' מרדכי האָט געפילט דעם טעם פון אמת'ן שכר־מצוה : טוסט
פון ריינעם האַרץ און ס'צאַלט זיך אָפּ מיט אַזאַ נחת...
און ס'איז געווען אַ שמחה אויך ביי דוואָשע'ן. פּטור
פון שרייבער מיט דער חברה זייערער. אַפילו ווען זי האָט געמיינט,
אַז ס'קומט איר ברויט פון פּסול'ע הענט, איז אויך דער ביסן
געווען אַ כשר'ער — ס'איז כשר אַלץ וואָס נח ברענגט.
נאָר ער אַליין האָט זיך פאַרגראָבן ווי אין צער.
— פאַרוואָס ? איז דיר נישט בעסער מיט ר' מרדכי'ן ? — האָט ער
פּרובירט איר אויסטייטשן : — אַ מענטש דאַרף נישט צוריקגיין.

נאָר זי האָט שכל'דיק צוריקגע'טענה'ט: — זעסט דאָך,
האָסט געמיינט — עס זיינען אַנדערע, לסוף איז עס גאָר ער.
און זאָלסט אַ װעלט אַ גאַנצע אױספאָרן — װאו הערט מען עס?
אַ מענטש זאָל אַ פאַרמעגן ריזיקירן. און פאַר װעמען?
װאָס ביסטו אים — אַ זון? אַ קרוב? איז דאָך אַלץ
פון אױבן. האָט מען אים אַרײַנגעגעבן אַזאַ רצון
ער זאָל צו אונז אַ טאַטע זײַן — איז קעגן װעמען שטעלסטו זיך?...

אַז ער איז מאָרגן צוגעקומען צו ר' מרדכי'ס הױז,
איז אים דאָס אַנדערע, דאָס ציגלדיקע, מיט'ן איבערשטיבל
און שטײנערנעם באַלקאָן געװען װי ניי: ער האָט ביז איצט
די טאָכטער מיט'ן אײדים בלויז געזען בײַם פאָטער.
בײַם טיר אַ גלעקל — האָט ער אָנגעקלונגען. איז אַרויס
אַ דינסט און גרייט געװען אים שיקן דורך דער קיך־טיר.
נאָר הינטער איר האָט זיך אַ שאָר געטאָן די באַלעבאָסטע,
אַ הױך געטאָן מיט בלומען־ריח, אַ שאָרך געטאָן מיט סאַמעט
און איבער טעפּיך־סטעשקעס אים אַרײַנגעפירט אין עס־שטוב:
— מײַן מאַן װעט באַלד אַרײַנקומען. און אים געלאָזט
אַליין. אַפילו קיין גוט מאָרגן נישט געזאָגט, אַפילו נישט
אַן אויג אַ װאָרף געטאָן אויף אים — ר' מרדכי'ס טאָכטער.
די הויכע, פּלוש־געדעקטע שטולן אַרום טיש האָבן געשטויסן
פון זייער װײכקייט װי די באַלעבאָסטע — איז ער שטייף
געשטאַנען אויפ'ן טעפּיך און די נאָזלעכער האָבן געציטערט.
אַנשטאָט עזריאל'ן אַליין, איז אויך אַרײַן ר' מרדכי: — נו, ר' נח!
און נישט געלאָזט אים ענטפערן: — כ'װייס דאָרטן — נאַרישקייטן!
װען נישט די מעשה מיט דער שקאָלע, װאָלט איר עד היום
נישט אויסגעפונען, אַז איך האָב אַ האַנט אין אײַער פּלעט.
איז זעט איר דאָך — באַשערט, מיר זאָלן זײַן ידידים.
איר װילט נישט װאַרטן אויף משיח'ן — איז אײַער זאַך.
גאָט'ס סטראַפּטשע בין איך נישט. און אַז איר דינט דעם בורא
אויף אײַער דרך — דינט געזונטערהייד! איז אָפּגעמאַכט?...
דער פּלוצלינגער פּאַרפלייץ פון העלע רייד האָט אים נאָך מער
צערודערט, האָט ער בלויז אַ זאָג געטאָן: — אַזוי איז בעסער.
צי דאָס האָט זיך באַצויגן אויף דער נייער פרײַנדשאַפט,
צי אויף ר' מרדכי'ס שלום מיט זײַן דרך, האָט ער נישט געװאוסט.
— אוודאי בעסער! — האָט ר' מרדכי אויפגעכאַפּט דאָס װאָרט. —
און אַז איר'ט אַנפאָרן אַהיים אויף נאָך אַ שבת,
זײַט מוחל, נעמט דאָס װײַב און קינדער און קומט טרינקען טײ. —
ער איז אַרויס און מיטגענומען אויך די װײַלע הייטערקייט,
און װיפיל ס'האָט עזריאל נישט געמיט זיך נח'ן דערװאַרעמען,
איז ער געבליבן אײַנגעפראָרן. זיך געלאָזט באַװײַזן

די שטיבער, אָנגעקוקט די סאָליע מיט די בילדער אויף די ווענט, געהערט, אַז ער מעג נעמען וואָס ער וויל פון ספרים־שטוב, צוריק אין עס־צימער געטרונקען טיי, געמאַכט חשבונות, נאָר פון דער באַלעבאָסטע איז קיין סמן נישט געווען. און ווי נאָר פאַרענדיקט די חשבונות, האָט ער איר דאָס הויז פון זיך באַפרייט. און מאָרגן זיך אַרויסגעלאָזט צוריק אין וועג.

## .25

אַ פרייטיק ביינאַכט האָט ביים דאָקטאָר אוורונין
זיך צעקלונגען דער גלאָק: אַ געפאַר!
מסתמא אַ שווערע געווינערין ערגעץ.
נאָר ביים טיר האָט געוואַרט אַ זשאַנדאַר.

צום שחרית אין שניידערשן בית־מדרש
פאַלט מאַרפאַ אַריין מיט אַ קלאָג:
איר פריץ, דער דאָקטאָר, לאָזט וויסן דעם עולם,
אַז מ׳האָט אים פאַרפאַקט אין אָסטראָג.

קוים אָפגעזאָגט די הויכע שמנה עשרה,
הערט זיך פון בימה אַ שאָס,
זישע, דער טעסלער, קלאַפּט אין שולחן:
— ברידער, מיר וויסן פאַרוואָס.

דאָס גיט מען אים די גראַמאַטיקע שמעקן
וואָס ער לערנט מיט קלויזניקעס.
איי וואָס ער היילט אומזיסט די קבצנים,
איז אַ קבצן אַלץ איינס אַ מת.

איז וואָס זשע, ברידער, מיר וועלן זיי שוויגן?
ליגן מיר טיף אין דר׳ערד.
אויב זיי קענען אַזוי מיט׳ן דאָקטאָר מאַכן —
איז וואָס זיינען מיר שוין ווערט?

אין דער גרויסער שול פאַרקויפט מען עליות.
די דעמבענע טיר פראַלט אויף.
אַ מחנה פרעמדע פאַרנעמט די דורכגענג
און זישע, דער טעסלער, רופט:

— איר מעגט זיך פאַרשפאָרן די טרחה, שמש,
נישטאָ דאָ קיין לייענען איצט.

ס'וועט קיינער נישט קריגן קיין שלישי, און שישי
כל זמן דער דאָקטאָר זיצט.

אַ שטוינען, אַ מורמלען. עס דויערט אַ ווײַלע
ביז דער עולם דעם פשט פאַרשטייט,
און ס'לאָזט זיך ר' יונה, דער גבאי, הערן:
— שייגאָץ, וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד?

רחמיאל, דער מסור, טאַנצט אַנטקעגן:
— דרך ארץ, דו פּויערשער קאָפּ!
פליט אים אַ פויסט אין דער באָרד און ער גליטשט זיך
אויף די טרעפּ פון בעלעמער אַראָפּ.

ווערט אַ געוואַלד. מע כאַפּט די טליתים,
מע שפּאַרט זיך צו דער טיר.
ביים טיר שטייען שומרים: — מע וועט נישט אַרויסגיין!
זאָגט זישע דער קאָמאַנדיר.

דער עולם שטופּט זיך צוריק צו די שטענדערס,
מען זעצט זיך איין אין קלעם.
טענה'ט דער רב: — יידן, ס'איז שבת,
יידן, ס'אַ חלול השם!

— און מסר'ן, רבי, איז כשר? — פרעגט זישע,
און זעצן אין תפיסה איז גוט?
וואָס מיינען זיי — ס'איז זיי די צייט פון די כאַפּערס,
און דער דאָקטאָר אַ נייער רעקרוט?

האַלט אָפּ דער מזרח אַ ישוב הדעת
און דער גבאי זאָגט ברייטלעך אָן:
— אויב זיי וועלן אָוועקגיין, איז נאָך הבדלה
וועט מען זען וואָס מ'עט קענען טאָן.

— וועט זיין היינט הבדלה און קידוש צוזאַמען —
לאָזט זישע וויסן דער שול:
עס שאַדט נישט אַמאָל צו פאַסטן אַ שבת
ווען דער מאָגן איז אַלעמאָל פול.

ערשט איצט צעברומט זיך די שול אויף אַן אמת.
אַפּנים — ס'איז ווייט פון אַ שפּאַס.
מע רוקט די שטענדערס, מע שפּאַרט זיך צום מזרח,
ס'גייט ווידער אַ ישוב הדעת.

נאָר פּלוצלינג צעשרייט זיך ר׳ יונה, דער גבאי :
— וואָס דאַרף איך דעם קהל׳שן יאָך ?
מען פרעגט נישט, מע טוט און פאַרקאָכט אַ קאַשע.
זאָל עסן ווער ס׳האָט עס פאַרקאָכט !

פאַרגראָבט די אויגן דער ראש־ישיבה,
דער רב צעפירט מיט די הענט,
און אויבן צעוויגט זיך דאָס ווייבער־שטיבל
ווי אויף שטורמיקן ים אַן אָקרענט.

בעט זיך דער שמש : ווייבער, שטילער !
ערשט דאָס האָבן זיי געדאַרפט.
ס׳רייסט אויף אַ געווירבל פון ווייבערשע קולות,
אַזש מיט די לאָמפּן וואַרפט.

קריכט שוין דער גבאי אַריין אין פוטער,
די באָרד אין די לאַצן באַהאַלט.
פאַררייסט דער שמש דעם קאָפּ צו די ווייבער :
—שטילער, מע גייט שוין באַלד !

לאָזט ווידער זיך הערן זישע דער טעסלער :
— ווייסט, יידן, וואָס איר טוט.
אויב עמעצער טראַכט אונדז דאָ אָפּטאָן אַ שפּיצל,
געדענקט — ס׳וועט זיך גיסן בלוט.

דער גבאי אַוועק. עס צעלויפן זיך מאַמעס
נאָך אַ קיכל, אַן עפּל, אַ באַר.
מילא, די עלטערע מוזן שוין פאַסטן,
אויף קינדער איז דאָך אַ צער.

עס נאָגט אין הארצן. די פיס נעמען פרירן.
דער גרויסער אויוון ווערט קאַלט.
נורען זיך יינגלעך, דערציילן זיך מעשיות
פון צוועלף גזלנים אין וואַלד.

דער זייגער האָט צוויי שוין אויסגעשלאָגן,
ווען מ׳האָט דעם דאָקטער געבראַכט
און פון דער שול איבער אַלע גאַסן
געפירט מיט אַן ערן־וואַך.

ער האָט זיך אַהיים געבעטן אויף אָפּרו
און ערלעך צוגעזאָגט :

נאָך הבדלה ביי לעקאָך און בראָנפן
צו הוליען מיט עולם ביז טאָג.

נאָר שפּעטער טשאָלנט אויף לידיקע מאָגנס
האָט צרות אָנגעמאַכט.
האָט מען דעם דאָקטאָר געהאַלטן אין רופן
ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

האָבן קבצנים געהוליעט, געטרונקען
און נסים פון טאָג דערציילט,
און דער דאָקטאָר איז איבער די הייזער געגאַנגען
פאַרשרייבן ריצנאייל.

## .26

ס'איז ניט אַזוי דאָס לערנען מיט די קלויזניקעס, וואָס האָט געבראַכט
צו דער מסירה אויפן דאָקטאָר, ווי די פּירונג זייגע: נישט קיין ווייב,
קיין קינד, נאָר האַלט זיך מיט אַ דינסט אַ גוי'ע, עסט פון וואָס
זי קאָכט
און אַלע ווייסן — ער איז עובר אויף אַ האָרבן לאו מיט איר.
און ס'איז אויך נישט דאָס עסן טריפה און דאָס עובר זיין
דעם האָרבן לאָו, ווי וואָס אַ שטאָט אַ גאַנצע קוקט עס צו
און גראָבע יונגען זעען גאָר אין דעם קיין חטא נישט, נאָר פאַרקערט:
מע בענטשט זיך מיטן דאָקטאָר ווי ער וואָלט געווען אַ גוטער ייד.

טאָ וואָס זשע איז עס פאַר אַ מענטש וואָס זינדיקט בפרהסיה
און ס'ווערט אים נישט פאַררעכנט? . . . קומט אַרויס דער מענטש
אַנטקעגן:
די באָרד, די גראָלעכע, צעפּאַטלט, ס'פּנים פון אַ רב,
דער קורצער ראָק פון שמאָלע אַקסל הענגט אַרונטער ווי אַ קאַפּטן,
און אויגן אין אַ נעץ פון קנייטשלעך קוקן אָן:—נישט קראַנק, חלילה?
געקומען שמועסן? איז דאָך אַוודאי גוט . . . צעשאָקלט זיך ביים טיש,
די דינסט, די גוי'ע, דרייט זיך אום איבערן שטוב. קען זייער זיין —
זי קאָרמעט אים מיט טריפה. קען אויך זיין — דאָס אַנדערע.
נאָר עפּעס לייגט זיך אויפן שכל נישט, ער זאָל עס ווייסן.

וואָס ווייס ער יאָ? ער ווייס וואָס די גמרא און דער מדרש זאָגט
און וואָס וואָלטער, דער אפּיקורס, האָט אַריינגעזאָגט; ער ווייס
ווי דעם בעל־שם האָט זיך געוועלטלט, וואָס דער יונגער מענדלסאָן
האָט אין אַ בריוו געשריבן צו זיין כלה און פון וואָס עס איז געוואָרן
מחלוקת צווישן די גאַליציִשע משכילים; ווייס די חכמות

פון הערשל אַסטראָפּאָליער און די ווייבערשע עין־הרע־שפּרוכן.
נאָר איבער אַלעם ווייס ער ווי־פיל אָרעמעלייט ס'איז דאָ אין שטאָט.
ביי וועמען ס'ווייב איז אויף דער צייט, וואו קינדער קרענקען
און וועמען ס'פעלט אויף דירה־געלט... ער רעדט פון אַלעם מיטאַמאָל,
און אַז ער פירט צום טיר דערנאָך און זאָגט: — קומט מאָרגן ווידער!
איז ווי אַ נאָענטער וואָלט זיך עס געזעגנט מיט זיין נוסח, מיטן
שטענדיקן:
— ס'איז גוט געווען. קומט ווידער... ר' יחיאל... נאָך אַ ר' יחיאל...

און מאָרגן טאַדלט ער זיך: — אוי, בין איך אַ גולם, נעבאָך!
ווי לאַנג נאָך בלייבט איר דאָ מיט אייער פּלעט? — אַ וואָך אפשר.
— איז וואָס זאָלט איר זיך וואַלגערן ביי פרעמדע, אַז דאָ שטייט
אַ ליידיקע קאַנאַפּע? דינגט זיך נישט מיט מיר! און נאָך אַ זאַך:
איר זאָגט מיר וואו איר זענט שוין אויסגעווען און מיר'ן אויסשטעלן
אויף ווייטער דעם מאַרשרוט. צו וואָס זיך אָפּשלאָגן די פיס אומזיסט?
מע זיצט ביים סאַמאָוואַר, ער מיט די אויגן אויף דער וואַנט,
ווי ס' וואָלט אַ פּלאַן געווען דאָרט פון דער שטאָט מיט אַלע תושבים,
רופט נעמען אויס און נח שרייבט. צומאָלס פאַרהאַלט ער זיך:
— דעם דאַרף מען נישט. אַ ייד אַן אביון. אָדער: — ביין, אַ
קאַרגער הונט.
אַז נישט רופט ער די גוי'ע: — מאַרפאַ! ביי די פינקלשטיינס
אין הויף,
דאָס דריטע הויז — ווער וואוינט דאָרט?... וואַקסט אַזוי דער צעטל,
דערנאָך צעשמועסט מען זיך ווידער ביז די דינסט קומט מיט אַ רגז:
—און אפשר וועט מען שלאָפן גיין?—פּרוּוט ער זיך אָפּבעטן ביי איר.
צעשרייט זי זיך און מוסר'ט אים: — אַזוי קען מען אוועקזיצן
אַ האַלבע נאַכט, און גלייך מיט טאָג — מע לויפט שוין. וואָלט מען
כאָטש
גענוצט איזוואָשטשיקעס — איז אַלץ צופוס... צעבייזערט ער זיך: נו,
דו רעדסט שוין נאַרישקייטן. פאַר איזוואָשטשיקעס זאָלן נאָך יידן
צאָלן!
— טאָ דאַרף מען שלאָפן גיין!... ער האָט קיין ברירה נישט און פאָלגט.

אַן אָוונט, ווען דער דאָקטאָר ווערט אַוועקגערופן, נישטערט נח
אויף זיינע פּאָליצעס. די ספרים, ביכער, שטייען, ליגן, שטויסן זיך
ווי אַ צעטומלטער יאַריד פון כל־המינים מענטשן און לשונות.
דער באַלעבאָס קומט אָן, פאַרענטפערט זיך: — מ'איז מיד און
ס'ווילט זיך
דעם טאָג אַרויסטרייבן פון מוח, כאַפּט מען וואָס עס קומט אין האַנט.
אַליין געדענק איך וואו צו זוכן . . . יאָגט דעם אורח שלאָפן:
— איר זענט נאָך יונג, איר וועט נאָך אָניאָגן... און נח ליגט

און הערט איבערן וואַנט — דער דאָקטאָר ברומט, מישט בלעטער איבער,
און ס׳פאַלט אים איין: דאָרט ריכט אָפּ חצות אַ פרומער ייד.

## 27.

דער סאַסאָווער, ר׳ משה לייב, פלעגט זאָגן אַלטע תורה
און וויטיקן מיט יעדן יידנ׳ס וואָכעדיקע זאָרג.
אין מיטן נאַכט אַריינגעקראָכן אין אַ פעלצל פון אַ פויער
צו ברענגען אַ געווינערין אַ בינטל האָלץ אויף באָרג.

געוואַשן קעפּלעך קרעציקע אין שוואַרצע שיסלען
און קינדער צו פאַרשפּילן זיך געמאַכט צום נאַר.
געלאָפן ראַטעווען אַ גנב אַ צעשלאָגענעם פון תפיסה
און אויסלייזן פון פריץ אַ פאַר׳חוב׳טן אַרענדאַר.

און נאָך זיין פטירה האָט ווי אַ נר תמיד זיך צעצונדן
דאָס וואָרט, וואָס האָט די טעג זיינע באַגלייט:
ווער ס׳קען נישט אויסנאָגן ביי קינדער יאַטערדיקע וואונדן,
דער ווייס נישט וואָס הייסט ליב האָבן אַ ייד.

דער זשאַלקעווער, ר׳ נחמן קראַכמאַל, זאָגט אַ נייע תורה
פון פאָלק ישראל און זיין שליחות אין דער וועלט.
נאָר בעסער לאָזן זיך פאַרשעלטן פאַר אַן אַפּיקורס
ווי לאָזן פראָסטע לייט דיר אָפּשלאָגן די שוועל.

בלויז דורכן ליכטיקן שפּאַקטיוו פון פילאָזאָפן
ווערט וואונדערלעך ישראל׳ס דורות׳דיקער גאַנג.
מיט נייעם זין באַזינט די חסדים און די שטראָפן
און קלאָר דער מיין פון יעדן אויפגאַנג און פאַרגאַנג.

דער בליציקער געדאַנק דורך דורות נאָדלט,
שטעפּט וויטקייטן צונויף מיט פעסטע נעט,
נאָר בלויז די מקורבים קענען אָנקומען צום כהן־גדול
די חכמה זיינע טרינקען ווי געצערטן מעד.

דער סאַסאָווער, דער זשאַלקעווער . . . און צווישן די חסידים
פוןביידע אַ צעיושעטער סמבטיון וואַרפט.
מסירות, חרם, שלעק . . . אַ נס נאָך וואָס מ׳איז יידן,
אַז נישט, חלילה, וואָלט מען שווערד און שפּיז געשאַרפט.

און יעקב שמואל ביק, דער בראָדער פרנס און משורר
וויל ביידע תורות גלייך און זעט נישט אין פאַרוואָס

מע מוז זיך אין דער חכמה קעגן פאָלק פאַרמויערן
ווען אירע ווענט זיינען פון דורכזיכטיקן גלאָז.

זיין רבי, מענדל סאַטאַנאָווער, גרויס אין יעדער חכמה,
ביי פירשטן אַ בן־בית, אַ מכשף מיט דער פען —
אים האָט דאָס אָרעם פאָלק די אויגן נישט געשטאָכן
און נישט פאַרטריבן הינטער מויערדיקע ווענט.

פאַר זיי פאַרפאַסט רפואה־ביכלעך, קלאָר און פשוט,
און אָנצוגיסן ווייַן אין זייער ערדענעם קרוג
דעם ספר משלי אויפן פאָלקישן גערעדטן לשון
זיי צוגעטראָגן מיט נקודות און אַ שיינעם דרוק.

ווי ס'האָט זיך עס צעיושעט דעמלט די חבריה
אַנטקעגן דעם פאַרהאַסטן מאוס'ן זשאַרגאָן!
און יעקב שמואל האָט געמוזט אַרויסקומען מיט ראיות,
אַז יעדע שפּראַך פון פאָלקס־מויל הייבט זיך אָן.

גיי פועל עס ביים זשאָלקעווער און זיינע מקורבים,
אַז אַלץ וואָס יידיש־פּראָסט איז ווי אַ שפּין פאַר'מיאוס'ט.
דאָס אייגן אָרעם פאָלק טוט הוילע דערנער כאָווען,
ביי פרעמדע — סאַמע רויזן וואַקסן אויפן מיסט.

נישטאָ קיין בריק. דו וואוינסט ביים זודיקן סמבטיון,
טאָ ווייס ווער דיין איז און מיט יענעם וואוין:
מיט דער פאַרשלאָסענער, פאַרריסענער אַריסטאָקראַטיע
צי מיטן גלויביקן פאַרוואָרלאָזטן המון.

עס וועט קיין שלאָס ניט אָפּשליסן פון דיר דאָס קענען
כל־זמן אַ בוך איז אָפן און דאָס אויג איז קלאָר.
נאָר זיין מיט יידן קען מען נאָר וואו יידן זיינען,
און זיין אָן קווענקלעניש, זיין פאַרוואָר.

צוריק צום סאַטאַנאָווער און זיינע שטריימלדיקע יורשים,
צום שטיבל, ריקוד, הענט־אויף־פּלייצע־רינג.
ס'איז שמוציק, שווייסיק, נאָר נשמה וואָס איז דאַרשטיק
דעם שווייס צוזאַמען מיט בטחון טרינקט.

עס ליאַרעמען די משכילים, פּלעכטן חרם־קייטן
אַרום דעם חבר זייערן, וואָס האָט געפּעלשט.
און יעקב שמואל אין זיין ספרים־שטיבל בעט מיט וויטיק:
— זיי דו אַ שופט, פאָטער, ווער עס האָט געפּעלשט.

## 28.

אַהיימגעקומען אסתר־תענית נאָכן האַלבן טאָג,
האָט נח אויפן טראָגעדיקן ווייב דערזען אַ זיידן קאָפּטל,
ביים בעט האָט פון דער וואַנט אַראָפּגעמיניעט אַ ראַטאַנדע
פון ברוינעם פּליוש, און אויף די ייִנגלעך — מאַנטעלעך
פון פּרעמדע פּלייצעס. פרעגן זיך פון וואַנען ס'נעמט זיך
דער לוקסוס צו זיי אַלעמען איז נישט געווען נאָך וואָס,
נאָר זיך אַריינלאָזן אין טענות מיט דער טראָגעדיקער
ווי נאָר ער איז די שוועל אַריבער האָט אַוודאי נישט געטויגט,
האָט ער אַ ביס געטאָן און איז אַוועק זיך חשבונ'ען.
ביי קאָרנפעלד'ן אָבער האָט ער זיך דערוואוסט אויך,
אַז דוואָשע קומט און כאַפּט אַ רובל און אַ דרייערל,
נאָר וויפיל זי האָט אָנגענומען אויפן חשבון וויס ער נישט:
— באמת, כ'קען זיך נישט דערמאָנען . . . אַ צעצונדענער, האָט נח
געמאַכט אַ חשבון און צעשריען זיך: — גענוג פאַר מיר
די פלעטן. קיין נדבות נעם איך נישט! . . . עזריאל האָט דעם טעות
געזוכט פאַרגלעטן: — נו, וועט מען זיך אויסגלייכן. זאָל זיין
אַ פינפערל. און ווייטער וועל איך שוין פאַרשרייבן.
— עס וועט נישט זיין קיין ווייטער — האָט גע'רוגזה'ט נח.
צוריק אַהיים געקומען, האָט ער אויך פאַרגעסן
די שוואָנגערשאַפט פון ווייב: — וואָס קריכסטו דאָרט צו זיי?
וואָס דאַרפסטו זייערע זיידנס מיט די פלושן? און וואָס לערנסטו
די קינדער אויך צו קליידן זיך פון פרעמדע פלייצעס?
— און אַז זיי וועלן אָפּגעבן אָן אַנדערן איז מערער מצוה?
— וואָס אַרט דיר וואָס זיי וועלן טאָן דערמיט? איז ווייניק
וואָס איך אַליין גיי אום איבער די הייזער און מיר לעבן
פון זייער חסד, דאַרפסטו אויך צו זיי גיין שנאָרן?
און ווער האָט דיר געהייסן כאַפּן געלט ביי זיי?
— וואו דען זאָל איך גיין לייען? — גיי צו שכנות!
אין קרעמל באַרג! כ'וועל קומען, וועל איך אָפּצאָלן.
נאָר גיי צו זיי נישט בעטלען! . . . זינט מ'איז מאַן און ווייב
האָט ער אויף איר קיין קול אַזוי נישט אויפגעהויבן.
האָט זי זיך אויך צעשריען: — שלאָג מיך! שלאָג אַרויס
דאָס קינד פון בויך און זאָל עס נישט געבוירן ווערן
אויף אַזאַ וויסטן לעבן! . . . ער איז אימפּעטיק אַרויס,
און אין דער קעלט פּרובירט דעם צאָרן האַמעווען:
וואָס איז זי שולדיק, נעבעך? ס'קומט דאָך איר
דאָס ביסל זאַטקייט — פאַר דער גבורה און הכנעה
פון אַלע יאָרן קומט עס איר. און יענע הויז פאַר איר
איז אַ שליח פון זיין ליבן נאָמען — זעט זי נישט די שאַנד

פון קלייבן קרישקעס . . . ער האָט אויפדערנאַכט
פאַר איר געלייענט די מגילה און דערנאָך אָוועקגעזעצט
און שטיל, מיט רייד פון מוסר־ספרים איינגעטענה'ט,
ווי ליב עס איז דעם אויבערשטן די אָרעמקייט, ווי פּוסט
דער פּוץ פון שיינע בגדים און ווי זייער אָפּגעהיט
אַ מענטש דאַרף זיין מיט נעמען פון אַ צווייטן. ווער עס נעמט
צום לעבן בלויז — דינט גאָט מיט אויפהאַלטן דאָס לעבן.
נאָר נעמען לוקסוס־זאַכן, מיינט — זיך אונטערגעבן
דעם יצר־הרע . . . האָט זי זיך צעוויינט און גרייט געווען
די זאַכן אָפּטראָגן. — דאָס טוט מען נישט. נאָר נוץ זיי נישט,
די זאַכן. זאָלן זיי דאָ הענגען — ווערסטו זיך דערמאָנען —
מען דאַרף נישט אָנקומען צו מענטשן נאָך אַזוינס.

און ווי נאָר נח האָט פאַרמאַכט די טיר ביי קאָרנפעלד'ן,
האָט דאָרטן אויך עפּעס געפּלאַצט . . . נאָך ווייניק וואָס דער פלעטער
האָט זיך צוריק אין הויז באַוויזן, האָט זיך איינגענאַדיעט אויף
זיין ווייב, וואָס קומט נאָך געלט, און איצט אַ נייע נייס: ער שרייט!
האָט ראָזע זיך אָריינגעריסן גליענדיק: — אַ סוף זאָל נעמען!
מער וויל זי אים נישט דאָ. פון היינט וועט ער צום טאַטן גיין
זיך חשבונ'ען. דער טאַטע בענקט נאָך אים — זאָל ער אים האָבן! —
אַרויסגעשאָסן און געשטאַנען מיט אַ פוס ביים שוועל. נאָר דאָ
האָט זיך דערהערט אַ קול אַ האַרטס און אָפּגעהאַקטס:
— וואָרט אויס! — ווי גאָרנישט פון איר מאַן. אַ קוק געטאָן —
ערשט ס'בלאָנדע בערדל ציטערט און דאָס מויל האַלב־אָפן.
די טיר פאַרשלאָסן הינטער זיך, עס זאָל זיין קול, אָט דאָס,
אין קיך זיך נישט דערטראָגן און געפרעגט: — וואָס איז?
— ווערסט הערן באַלד! — און ס'איז געשען עפּעס משונה'דיקס.
אָנשטאָט דעם הויז־לשון, דעם רוסישן, האָט ער אַ רעד געטאָן
אויף יידיש — נישט ס'מלופנ'דיקע, בריסקער, פון איר טאַטנס הויז,
נאָר זיינס, דאָס קמצ'דיקע, ליטווישע, און אויף דעם לשון
געגומען אויסלייגן אַ צעטל פון די געגנג אירע: דאָס פאַרעניש
קיין אויסלאַנד, ס'פריינטלען זיך מיט ווייבער פון טשינאָווניקעס
און ס'פוצן זיך מיט גוי'אישקייט אפילו פאַר דער דינסט — ער וויל,
מע זאָל אים אויפקלערן, צי דאַרף אויך דאָ אַ הויז ווערן
פאַר פּוסטאָקראַטיע, און וויל ס'האָדעווען זיך קינדער,
וויל ער וויסן אויך, צי ס'וועט די דינסט, די גוי'ע, אויסשטעלן
דעם קורס פון זייער לערנען, אָדער ער, דער טאַטע,
וועט אויך אין דעם אַ דעה האָבן . . . האָט גערעדט געלאַסן,
נאָר האַרט און ווייטיקדיק, ווי ער וואָלט עמערס צער,
געמישט מיט גאַל, געשעפּט פון זיך, און ס' ווייב,

דאָס אויסגעליובעט ווייב, האָט זיך געקאָרטשעט. ס'מויל
איז איר געוואָרן טרוקן, האָט די טיר געפּונען, זיך אַרויסגערוקט,
פאַרשלאָסן זיך אין שלאָפצימער און אויס — נישטאָ.

זי האָט דעם פאָטער אויסגעפּעלט צו דער מגילה, און דער מאַן
האָט זי פאַרענטפערט: עפּעס נישט מיט אַלעמען.
נאָר מאָרגן צו דער פּורים־סעודה, ווען נישט טאָכטער,
נישט איידעם האָבן זיך באַוויזן, זײַנען בײדע אַלטע
אַרײַן און מ'האָט געטראָפן: טאָכטער ליגט אין בעט
און איידעם אין זײַן ספרים־שטיבל זיצט און לייענט.
וואָס טוט זיך דאָ? האָט גיטל אָנגעטאַפּט דעם שטערן
דער טאָכטער'ס: ס'איז איר גאָרנישט — און אַ וואונק געטאָן
צום מאַן. ר' מרדכי האָט אַ רוף געטאָן איבערן שוועל
פון שלאָפצימער: — זײַ זיך מטריח, רחל! ס'האָט געדויערט
אַ ווײַל ביז זי האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין שלאָפראָק,
דעם קאָפּ צעשויבערט. מאַן און ווייב האָבן געקוקט
אין ווייטע ווינקלען. — וואָס איז דאָ געשען בײַ אײַך?
— זאָל דיר דער איידעם זאָגן — האָט די טאָכטער זיך אָוועקגעקערט.
דער איידעם האָט געזאָגט: — ס'געפעלט מײַן ווייב נישט
וואָס נח קומט אַהער. זי דאַרף אים דאָ נישט, זאָגט זי.
און ס'פּאַסט איר אויך נישט פאַר דער דינסט, דער גוי'ע.
און ווידער פּאַסט איר פאַר דער גוי'ע נישט, אַז ספרים
אין שאַפע זאָלן שטיין מיט רוקנס נאַקעטע. די רוסישע
און אַנדערע — זײַ מעגן. נאָר די לשון־קודש'דיקע רוקנס —
זײ דאַרף מען מיט אַ פאָרהענגל פאַרהענגען . . . — ניט דערפאַר! —
האָט ראָזע אויסגעשריען. נאָר דער אויסגעשריי—האָט זי געוואוסט—
איז ליגנעריש און גוואַלט פאַררייבן: — ס'אַרט איר נישט
וואָס נח קומט, נאָר וואָס ער שרײַט. — עזריאל האָט דערציילט
מיט וואָס ער האָט דערצערנט נח'ן. פאַרשעמטער נאָך
האָט זי מיט בייזע טרערן אויפגעגליט: — דער טאַטע וועט
אַלץ איינס די טויזנט רובל קיינמאָל מער נישט אָנקוקן.
און ס'וואָלט געווען מער מצוה צו צעטיילן עס
צו הונדערט אָרעמע לײַט . . . ר' מרדכי האָט די באָרד
געגומען קייען און געדעדט צום ווייב: — פאַרשטייסט עס?
זי דאַרף נדבות געבן צו אַ הונדערט אָרעמע לייט
און זיי נישט אָנקוקן. נאָר ס'זאָל אַ ייד אַ כשר'ער
איר שוועל אַריבערטרעטן — טויג נישט מרדכי'ס טאָכטער. —
די מוטער האָט זיך אײַנגעשטעלט: — זי מיינט עס נישט.
— ווען האָט זי יאָ עפּעס געמיינט בײַ דיר? . . . דעם קאָפּ
געבויגן, און די אויגן אײַנגעגראָבן אין אַ בלימל פונם טעפּעך

האָט ער די באָרד געביסן: — קום, די קינדער ווילן עסן, גיטל!
די מוטער האָט מיט צאַפּלדיקע בליקן נאָך געצעגערט.
— וואָס וואַרטסטו? זעסט דאָך — ס'איז נישטאָ צו וועמען
צו רעדן דאָ . . . אין איין סעקונדע איז די טאָכטער אַ צעכליפּעטע
געהאַנגען אויפן פּאָטער. פון די ווייכע עלנבויגנס, יונגן בוזים
און צאַפּלדיקן לייב איז אים נישט גוט געוואָרן ווי עס ווערט
אַ טאַטן פון דער רייפער ווייבלעכקייט פון אייגן קינד.
איז ער געשטאַנען שטייף, געפּרואווט דעם קאָפּ אירן אַריינגעמען
אין ביידע הענט און טרויעריק גערעדט: — דו ביסט אַ מאַמע שוין.
קען זיין — איך האָב זיך ווייניק אומגעקוקט אויף דיר.
פּאַרפּאַלן איצט. איז בעט איך דיך — טו מיר נישט אָן קיין חרפּות.
באַפרייט זיך פון דער ווייסקייט פון איר האַלדז און לייב
און גרייט געוועזן אַרויסצוגיין. האָט זי אַ האַנט אים אָנגעכאַפּט
און צוגעפּאַלן מיט די ליפּן. ער האָט זיך געלאָזט, געגלעט
דעם קאָפּ און שטיל געזאָגט: — מיר וועלן וואַרטן מיטן עסן.

און פרייטיק, איז געקומען אַ משרת פון ר' מרדכי'ן
דערמאָנען נח'ן: ער איז אויף טיי געלאַדן שבת. מ'האָט
די ייִנגלעך אין דער היים געלאָזט און דוואָשע איז געגאַנגען
אין ווייסן לייוונטענעם יאַקל און דער טוכענער פּאַטשיילע.
די יונגע זיינען אויך געווען. און אַז דערנאָך זיינען די מאַנצבילן
אַריין אין ספרים־שטוב, איז גיטל נייגעריק געווען:
— וואָס איז מיט דער ראַטאַנדע? דוואָשע, פּאַרכטיק־פרום,
האָט נאָכגערעדט די רייד פון מאַן, ווי ס'וואָלט געקומען
פון איר אַליין און זיך פאַרענטפערט: — אַז אַ פרוי גייט נאָך
איר אייגענעם יצר־הרע, טוט זי נאַרישקייטן. ס'איז אַזוי.
אַ פרוי דאַרף האָבן די השגחה פון אַ מאַן צו קענען וויסן
וואָס גלייך און קרום. און ס'איז קיין חרפּה נישט צו פאָלגן . . .
און אַז די געסט זיינען אַוועק, האָט ראָזע זיך געכאַפּט:
— ווייסט, מאַמע, זי איז זייער שיין, די דוואָשע.

## 29.

די ערד איז קיל פרימאָרגנס און אָטעמט מיט אַ פּאַרע
ווען מילדע זון פון ניסן ווערט אומגעריכט צעוואַרעמט.

פאַרגייט דער טעם פון זיצן אין אויסגעבעטן וואָגן
און ס'ווילט זיך גריבגן גוף אַליין דורך וועגן טראָגן.

די וועגן — זאַמד און בלאָטע מיט קאַלושעס צעיורן,
און ס'איז אַ שאָד אַ טאָג וואָס גייט אומזיסט פאַרלוירן.

נאָר וואַלד פילט אָן דאָס אויער מיט בלעטער און מיט פויגל
און ס'מאַניעט ווייסער וואַנדער פון וואָלקן פאַר די אויגן.

שוין האַלבער טאָג אַריבער. פון ווייטן גראָע כאַטעס.
עס בעטן רו די פיס פון דיך ביז צו די פּיאַטעס.

ביים זייט פון וועג אַראָפּגעלאָזט דאָס זעקל פון דער פּלייצע,
אַ רייב געטאָן די פינגער און געמאַכט המוציא.

ס'איז זיס דאָס ברויט אין מויל, כאָטש קוואַר און אַלט־געבאַקן.
אַריבער וועג אין פעלד אַ פויער פירט זיין אַקער.

נאָך אים אַ ווייב גייט נאָך און בעט זיך: לאָז שוין, ליבער!
ער וואַקלט זיך, דער מאַן, און גיט דעם אַקער איבער.

און ביידע באָרוויסע, געבויגענע און מידע
דאָס פערדל גייען נאָך הינטער'ן קרומען רידל.

דער גייער זיצט און קוקט, א קנאה ברענט דעם גייער
צו מענטשן אויפ'ן פעלד וואָס אַקערן און זייען.

ער שפּאַנט דעם וועג אַריבער:—גאָט העלף דיר, טשאַלאָוויטשע!
— גאָט העלף דיר, גוטער מענטש! דו זעסט, ביי לייטן בליט שוין,

און מיר — מיר זיינען קראַנק געלעגן ביז אַצינדער
און ווער זאָל טאָן גיטאָ — אין שטוב אַלץ קליינע קינדער.

— לאָז מיך אַביסל גיין! — דער פויער קרימט דאָס פּנים:
— אַן אַקער שלעפּט זיך שווער. ס'איז נישט די גרינגע בראָנע.

— אָט וועלן מיר פּרובירן! אַראָפּגעשלעפּט דעם קאַפּטן,
אַ נעם געטאָן די הענטלעך, אַ שפּאַן געטאָן אַ קלאַפּטער,

און ס'לאַכט דער בלייכער פויער: — וואוהין ביסטו פאַרפאָרן!
נו, לאָז שוין, גוטער מענטש! ביסט נישט דערצו געבאָרן!

דער אַקער מיט אַ זייט בלויז אויפ'ן באָדן גליטשט זיך.
— עס איז דאָס ערשטע מאָל. דו ווייז מיר, טשאַלאָוויטשע!

אַ שלעפּ געטאָן צוריק, אין ערד אַריינגעשניטן,
און פויערטע גייט מיט זיין גלייכן טראָט צו היטן.

עס יאָגט אין נאָז אַ ריח פון ערד וואָס ווערט צעראַיעט
און ס'שלאָגט אַ היץ פון לייב און אָנטאָן פון דער גויע.

נאָר מיט איר פעסטער האַנט ביים אַקער אייזן־הענטל
זי פירט אים לעבן זיך און האַלט אים ווי געפּענטעט.

וואו איז דער טאָג אַוועק ? ווען איז די זון פאַרשוואונדן ?
ער פּילט די פינגער בלויז צעריבענע אין וואונדן.

די אָרעמס ציטערן, די שווערע אַקסל ברעכן
און ס'רינט דער שוויס אויף אים פון קאָפּ ביז צו די קנעכל.

עס ברענען וואַלקן־בערג אין פלאַם פון לעצטער גליאונג.
דריי מענטשן און אַ פערד אַהיים אויף אָפּרו ציען.

אַביסל מילך פון קרוג, אַ פּעניץ ברויט פון לאָבן,
אַ ברכה אויף די ליפּן פון אַן אַלטער באָבע,

און אויגן קינדערשע, צעשראָקענע, פאַרגאַפטע
אויף אָט דעם פרעמדן מענטשן מיט זיין לאַנגען קאַפּטן.

אויף נידעריקע ווענט פאַרפוצטע פרומע בילדער —
אַ מוטער און אַ קינד מיט שיין אַרומגעגילדעט .

עס גיט אַ שפּאַר צום האַרץ דער ווייטיק און די מורא,
וואָס אָט דאָס פרומע בילד האָט אַנגעיאָגט דורך דורות.

נאָר אַז די גוטע לייט צע'צלמ'ען זיך פאַרכטיק,
גייט אויף אַ צער אויף איר, דער שטילער גליל־טאָכטער :

אַ, שוועסטער אָרעמע ! דו האָסט אַ קינד געזויגן — — —
נאָר מידקייט אין די ביינער פאַרוועבט די רייד און אויגן,

און אויף דער האַרטער באַנק, דאָס זעקל פאַר אַ קישן,
חלומות־וואַנדערער די צייט און וועט פאַרווישן.

די העגער קרייען פרי, אין שטוב די קינדער וועקן.
געזאָגט אַ גוטן טאָג, אַ נעם געטאָן דאָס זעקל,

אין וואַלד הינטער'ן דאָרף, אין גראָזן טויאיק־קילע
געוואַשן זיך די הענט, דערנאָך אין טלית־תפילין

געשטעלט זיך ביי אַ בוים, אַ שחרית אָפּגעדאַוונט,
און ווידער אויפ'ן וועג צו ווייטקייטן, וואָס האַוען

מיט שטעט און מערק און קראָמען, מיט שוועלן אָפּצושלאָגן,
דורך זאַמד און זומפּ און גריבער די פיס געגומען טראָגן.